STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05976

ANTOLOGYE MITVEST-MAYRIV, 1932-1933

Mattes Deitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנטאָלאָגיע — מיטוועסט־מײַרעוו

1932—1933

שיקאַגע, איל.

פאַרן אויסוועלן און צוזאַמענשטעלן דעם מאַטעריאַל, ווי
אויך פאַר אַלע טעכנישע אַרבעטן פון דער אַנטאָלאָגיע,
זייַנען פאַראַנטוואָרטלעך די קאָלעגן:

מאַטעס דייטש
בען שאָלעם
שלוימע שוואַרץ

FROM MIDWEST To NORTH PACIFIC

Anthology of Yiddish Verse

Compiled by
Mattes Deutch
Ben Sholem
and
Shloime Schwartz

Chicago, Ill.
1932-1933

M. CESHINSKY,
Publisher,
2720 W. Division Street
Chicago, Ill.

Printed in U. S. A. by
A. Posy Press 85
617 North Second Street,
Milwaukee, Wis.

אנטאלאגיע
די אידישע פאעזיע פון
מיטוועסט און מיירעוו
ביז די לעצטע טעג
פון משה לייב
הלפערן
צייכנונגען פון ט. געללעט
און מ. ציפארין
פארלאג צעשינסקי
שיקאגא

באגדאנסקי א.
בענשארע
בערמאן
דאווסקי י
גאלדבערג ע'
דאשעווסקי י.
וויינס שיפרע
קודלי ברכה

אילוסטראַציעס, צייכנונגען,
האָלצשניצן און רעפּראָדוקציעס:

עמיל אַרמין:
רעפּראָדוקציעס

דאָווער בעקער:

אַרבעטלאָז — האָלצשניט

טאָדרעס געלער:

אינהאַלט — פאָדערבלאַט
דריי בעטלער — האָלצשניט
אַהיים אויף שאַבעס — האָלצשניט
ניטאָ קיין צייט — אילוסטראַציע
אויפן ערשטן קיווער פון אַ דיכטער פערזענלעכקייט — צייכנונג

מיכל ציפּאָרין:

שאַאַרבלאַט — צייכנונג
סעם טשינגלי — אילוסטראַציע
דער פידלער — צייכנונג

וו. שוואַרץ:
רעפּראָדוקציע

אויפן ן קייווער פון א דיכטער
פערזענלעכקייט פון די ערשטע יונגע
אין דער מאָדערנער אידישער פּאָעזיע
ביי אונז אין אמעריקע—דאָס דאָזיקע
בוך אנשטאָט א לארבער קראנץ— —

דערעפענונג:

פיר לידער
אויפן טויט פון
מוישע לייב האַלפּערן

ערשטע:

מוישע לייב, מוישע לייב

צווייטע

אין אָנדענק מוישע לייבן

דריטע

ניט גלויב אַז טויט איז מוישע לייב

פערטע

די באַלאַדע פון מוישע לייבס „גינגעליי"

פירוואָרט
נאָטיצן
אינדעקס

משה לייב

וואו איך גיי
און וואו איך שטיי
הער איך,
ווי אין זיך,
קלאַפּט מאַטאָרן־גיך,
אַלץ דער איינאונאייציקער געשריי:
מוישע לייב, מוישע לייב, מוישע לייב.

פרימאָרגן־פינצטערער.
אַלץ איז קאַפּויר און פאַרקערט...

כוויל אָנטאָן מיר דאָס העמד,
ערשט, ער טראָגט עס גאָר אויף זיך.
בלייב איך אַזוי זיצן שיוועדיק פאַרקלערט
לעבן מיינע אויסגעטועענע שיך...

שטופּ איך זיך שוין גוילעמדיק —
ראַפּטאָם — אינעם רעקל אַריין,
ווי איך וואָלט אַן אַף
צי גאָר אַן אַלטער עקס קיניג געווען —
ערשט, איין האַנט מוישע לייב׳ס,
קאַלט און האַרט,
איז פון פריער שוין אינעם לינקן אַרבל...

בלייב איך אַזוי אָוולדיק פאַרשטאַרט
און איך הער ווי אין זיך,
קלאַפּט מאַטאָרן־גיך
אַלץ דער איינאונאייציקער געשריי:
מוישע לייב, מוישע לייב, מוישע לייב.

פּרימאָרגן־פּינצטערער.
אַלץ איז קאַפּויר און פאַרקערט...
בלייב איך אַזוי זיצן שיוועדיק פאַרקלערט
לעבן מיינע אויסגעטוענע שיך...

פּלוצלונג, פּיל איך
ווי איך אַליין
וואָלט זיך
אַ ווילד פרעמדער געווען,

פּלעכט מיר דעם שניפּס אויפן נאַקעטן האַלדז
וואָס שניידט זיך פידלדיק איין
ווי אַ צעקאַרבטער מעסער...
מיינע אויגן — ספּירטפּולע פעסער
שפּאַרן,
שטאַרן,
זעען גאָרניט — כוץ מוישע לייבן...
בלויז איך הער,
ווי אין זיך,
קלאַפּט מאָטאָרן־גיך
אַלץ דער איינאונאייציקער געשריי:
מוישע לייב, מוישע לייב, מוישע לייב.

האָט דער גאָרגל זיך צעוואָיעט
מיטן אַלטן, אַלטן אָול־געוויין
וואָס דוירעס, און דוירעס, און דוירעס
האָבן דאָס שוין ניט איינמאָל געוויינט
און געוויינט, —
אַ געוויין, —

מוישע לייב האלפערן

וואָס אי גאָט אי כאַיע
קאָנען דאָס פאַרשטיין.
ס'פידלט איבער אונדז ווי אַ צעקארבטע מעסער.
נאָר אָט, און מוישע לייב איילט אונטער
מיט זיין שנעלן קאָס
און גיט פון מיר דעם שניפּס
אַ כאַפּ אַראָפּ אויף גיך, —
ער בינדט אים אָן דער קאַץ אויפן עק
און זאָגט, אַז איר, פּאַסט ער בעסער...

פרימאָרגן - פינצטערער.
אַלץ איז קאַפּויר און פאַרקערט...
בלייבט אַפּאָנים ניט מער ווי אַש-מיט-זעק
פאַר מיר און פאַר אַלע! — אָנצוטאָן אויף זיך...
בלייב איך אַזוי זיצן שיוועדיק פאַרקלערט
לעבן מיינע אויסגעטוענע שיך — — —

מאַטעס דייטש

מוישע לייב האַלפּערן

מאַלעך גוטער

(אין אָנדענק פון מוישע לייב האַלפּערן)

מאַלעך גוטער, אין ווייס און פּיאָלעט,
ווי רייסטו אויס דאָס האַרץ פון אַ פּאָעט? —
שניידסטו מיט אַ מעסער? שטעכסטו מיט אַן אָל?
קענסטו אַ דיכטער-האַרץ טויטן מיטאַמאָל?

— איך שנייד ניט מיט אַ מעסער, איך שטעך ניט מיט אַן אָל,
איך קען ניט אַ דיכטער-האַרץ טויטן מיטאַמאָל;
איך ענדיק נאָר דעם כאַלעם וואָס איז אָויסגעטראַכט,
און קאַלט ווערט דאָס האַרץ, ווי פעלד-ערד ביידערנאַכט.

מאַלעך גוטער, אין ווייס און פּיאָלעט,
וואָס טוסטו מיט דעם רומפּולן פּאָעט, —
נאָכדעם ווי דו נעמסט אַרויס די פּען פון זיינע הענט,
און טויט קומט — ווייל טרוים האָט אויסגעברענט;

און אַרום אים נאָך אַלץ פייניקער און קלוגע און געוויין,
און טרער פאַלט ווי פעדער אויף אַ שטיין. —
נעמסטו מיט דעם אָרן, דעקסט אים צו מיט ערד?
צי ווערט פון אים וואָס פון יעדן ווערט?

— איך ריר ניט אָן דעם אָרן, כ'באַדעק אים ניט מיט ערד.
עס ווערט ניט פון אים וואָס פון יעדן ווערט;
איך טראָג אים נאָר אַריבער אַ דינע ווינטנבריק,
און יעדער נייער דאָר ברענגט אים לעבעדיק צוריק.

אַלטער עסעלין

משה לייב האַלפּערן

ניט גלויב אַז טויט איז משה לייב

און ווען דער אָדלער פליט נישט מער,
און ווען דער אָדלער פאַלט, —
פאַרוואָס מוז זיין די ראָב, וואָס רייסט
די אויגן אים אַרויס?
„יצחק לייבוש פּרץ" פון מ. ל. האַלפּערן

ניט גלויב, אַז טויט איז משה לייב.
עס לעבט זיין אומרו נאָך,
זיין ווילדע קראַפט,
זיין דרייסטע צונג,
פון ליד זיין שטאַרקער שוואונג —
עס איז אַ בלויזער כּאָלעם נאָר פון טויטן־גלאָק דער קלונג.

ניט גלויב, אַז טויט איז משה לייב.
עס פויקט זיין גאַסן־ליד
דער גאַסן־פויקער נאָך,
און טאַנצט זיין הפקר־טאַנץ: בום־בום,
און דרייט זיך רונד־אַרום —
עס איז אַ בלויזער כּאָלעם נאָר פון טויטן־גלאָק דער ברום.

ניט גלויב, אַז טויט איז משה לייב.
עס זינגט נאָך גינגעלי,
דעם דיכטערס בלוטיק האַרץ, —
און אויב עס ליגט אין שניי שוין דאָרט,
און רירט זיך נישט פון אָרט —
עס איז אַ בלויזער כּאָלעם נאָר פון טויטן־גלאָק דער ברום.

מוישע לייב האלפערן

ניט גלויב, אַז טויט איז מוישע לייב.
ס׳זיצט זארכי נאָך ביים יאַם
און קוקט נאָך יעדער שיף,
און וויל פון אייביקייט
דערגרונטעווען די טיף —
עס איז אַ בלויזער כאַלעם נאָר פון טויטן-גלאָק דער רוף.

ניט גלויב, אַז טויט איז מוישע לייב.
וואָס איז דער טויט דען, וואָס?
פאַרוואַנדלונג פון דעם גוף
צוריק אין ערד און ליים?
און וואו איז דער נשאָמעס היים?
עס איז אַ בלויזער כאַלעם נאָר דער גלאָק, וואָס קלינגט געהיים.

ניט גלויב, אַז טויט איז מוישע לייב.
און ווען דער אָדלער פליט נישט מער,
און ווען דער אָדלער פאַלט —
פאַרוואָס מוז עס די פרעכקייט נאָך
די ציינער שטשירען מיט אַ שטאָך?
עס איז אַ בייזער כאַלעם נאָר — פון טויטן גלאָק דער בראָך.

ע. קאַרמאַ

מוישע לייב האַלפּערן

די באַלאַדע פון מוישע לייבס גינגעלי

אויף אַ פערד אַ ווייסן,
אויף אַ פערד אַ שלאַנקן
שטאַרק אַקעגן ווינט.
יאָגט זיך לייב דער ריטער,
טראָגט זיך לייב דער רייטער,
אימפּעטיק געשווינד.

טאַנצן שטערן אויף זיין רוקן,
קוקט לעוואָנע שטאַרק פאַרכידעשט
אויף זיין זילבער-גרויען קאָפּ...
וואַרפט די נאַכט שאָטנס שוואַרצע,
שאָטנס לאַנגע אויף די וועגן;
און דער רייטער האָפּ, האָפּ, האָפּ.
אין וויכערדיק גאַלאָפּ!...

האַלאַלי! האַלאַלי!
איבער בריקן, איבער טראַקטן,
איבער גאַסן און אַרקאַדן — ווילד
מיט געזאַנג און פרייד...
יאָגט זיך לייב דער ריטער,
טראָגט זיך לייב דער רייטער,
צו גינגעלי — אין זיידן קלייד...

אַ, גינגעלי,
אין פּורפּור רויטן זייד.
כ'קום צו דיר פון ווייט
מיט מאַטאַנעס העלפאַנט-דיק
און מיט בענקשאַפט אין מיין בליק.
אַ, גינגעלי,
גינגעלי.

כ׳ברענג פון סולטאַנס רייכן פעלד
—זיין מאַיעסטעט, דער סולטאַן —
שמעקנדיקע, ברוינע קאַווע.
און פון סולטאַנס שיינעם גאָרטן
שענק איך דיר, אַ גינגעלי,
די גאָלדענע פּאַווע...

יאָרן, לידער געפלאָכטענע,
אָונט-זונען געשאָכטענע —
העפט זיי איין אויף רויטינקע קישעלעך...
און קעמלען פון מעקאַ ווייט
אָנגעלאָדענע מיט געווירצן און זייד,
מיט ווייַרויך אין פערלדיקע שיסעלעך...

הער, אַ, גינגעלי

צום טאַקט פון פּויק און טאַץ
אין אַ טאַנץ, אין אַ ווירבל-טאַנץ
האַלאַלי! האַלאַלי!
צעלאָז אין ווילדקייט דיינע האָר —
פאַרגעס דעם גרויען וואָר,
האַלאַלי! האַלאַלי!

אַ, גינגעלי

ס׳האָט אומעט זיך פערגאַנווּעט
אין מיינע בלויע אויגן.
פירט מיך אַ בער אויף אַ קייט.
עפן, אַ, גינגעלי, טיר און טויער,
זאָל פאַרלאָרן גיין מיין טרויער
אין די פאַלדן פון דיין קלייד,
אין דיין פּורפּור-רויטן קלייד...

מוישע לייב האַלפּערן

אָ, גינגעלי,
ניט פאַרגעס,
אָ גינגעלי.

ווען איך וועל אַוועק,
ווען איך וועל אַוועק, אַוועק...
ווינק צוריק מיט דיין טיכעלע — — — —
האַלאַלי! האַלאַלי! האַלאַלי!

ווער קנאַלט דאָס אין דער נאַכט?
דאָס יאָגט זיך לייב דער רייטער,
דאָס טראָגט זיך לייב דער ריטער
דער ריטער פון דער צייט...

שלוימע שוואַרץ

פֿירוואָרט

מיט דעם דאָזיקן בוך: „די אידישע פּאָעזיע פֿון מיטוועסט און מיירעוו‟, האָבן מיר בלויז בעדייע צו רעפּרעזענטירן די זעלביקע טענדענץ וואָס עס האָט פּאַר זיך אַ פּלאַסטישער קונסט זאַמלער — פּאַר אַ מוזיי.

דעריבער זיינען מיר געווען, ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלעך, אָביעקטיוו אינם זאַמלען דאָס מאַטעריאַל — מיר האָבן זיך געהאַלטן ריין פֿאָרשעריש.

אַן אַנטאָלאָגיע, לויט אונדזער מיינונג, דאַרף טראָגן, ביז צו אַ געוויסן גראַד, דעם כאַראַקטער פֿון אַ קונסט־מוזיי. יעדער אָפּטייל אין אַ קונסט־גאַלעריי גיט איבער דעם עסענץ פֿון אַ געוויסן פּעריאָד.

אויף אַזאַ אויפֿן איז אויך אונדזער אַרבעט באַזירט: מיר זיינען אויסן בלויז צו ווייזן די צעוואַקסנקייט, די קינסטלעריש־פּראָגרעסיווע זייט, די פֿילקאָליריקייט און זשאַנערן פֿון אונדזער פּאָעזיע דורך די פּאָעטן, וועלכע האָבן ביינעשטייערט צו דער אַנטאָלאָגיע.

דעריבער, כאָטש די מערסטע דיכטער זיינען פֿאַרטראָטן מיט אַרבעטן וואָס טראָגן אין זיך אַ סאָציאַלן אינהאַלט, אָדער, בעסער געזאָגט, ניואַנסן וועלכע קענען צוגערעכנט ווערן, לויט דעם ספּעציפֿישן קאָלאָריט, צו דער ריין פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע, איז אָבער די קאַוואָנע אונדזערע, דאַווקע ניט געווען צו געבן אין דעם דאָזיקן ווערק אַ ריין פּראָלעט־אידעאָלאָגישע ריכטונג (וועלכע איז היינט צו טאָג ניט בלויז אַ מאָדע, נאָר אַ נויטווענדיקער באַדאַרף), אַדעראַבע: מיר זאָגן אָפֿן, אַז אַזאַ־אַ ליניע דורכפֿירן אין אונדזער זאַמלונג האָבן מיר אַבסאָלוט ניט בעדייע געהאַט, האַגאַם מיר גיבן הונדערט פּראָצענט צו אַז אַזאַ־אַ ציל און צוועק איז אַ נויטווענדיקייט און וואָלט געווען זייער און זייער פֿרוכטבאַר; מאַכמעס אַלץ איז דערפֿאַר: די צייט, דער דיכטער און דער לייענער.

אונדזער פּאָעזיע, אָט די וועלכע איז אַרויסגעשוואָומען נאָכן אוראָהאָם רייזען פּעריאָד־איינפֿלוס, איז היינט צו טאָג אין דער העכסטער צעוואַקסנקייט. זי האָט דערגרייכט קימאַט דעם העכסטן גראַד פֿון קינסטלעריש־ראַפֿינירטן אויסדרוק דורך די אוניווערסאַלע דיכטער אונדזערע (אין אַמעריקע דערהויפּט), אָנהויבנדיק פֿון ה. לייוויק, מוישע לייב האַלפּערן, מאַני לייב, יאָסעף ראָלניק, יאַנקעוו גלאַדשטיין, א. לוצקי, איינשליסנדיק

דעם איצטיקן אַוראָהאָם רייזענען, און ביכלאַל אין דעם גאַנצן צעשטייער פון די אַלע שיטעס: אינזיכיסטן, אויפקומיסטן, פּראָלעטפּעניסטן צוזאַמען מיט די איבעריקע ניי־צוגעקומענע עכטע דיכטערישע קייכעס, וואָס גרופּירן זיך אַרום דער נייער קולטור וואו נאָר דאָס אידישע וואָרט לעבט אויף און רייסט זיך צום קינסטלערישן אויסדרוק.

יידיש איז נאָך אין קיין עפּאָכע פריער ניט געווען אַזוי שעפעריש ווי איצט. די גאַנצע וועלט איז צעטרייסלט און פאַרצווייפלט, — דער אידישער גייסט איז קרעאַטיוו און דאָס אידישע וואָרט בליט און קומט צום עמעסן אויסדרוק.

מיר, די שעפּער פונם מאָדערנעם ליד אויף יידיש אין די מיט־וועסטלעכע און מיירעוודיקע קאַנטן, האָבן דערגרייכט מיט אונדזער דיכטערישן ביישטייער, דעם סאָף פון איין און אַ האַלבער דעקאַדע.

אין פאַרלויף פון אָט אָ דעם־אָ מעשעך האָבן מיר באַוויזן עפּעס אויפצוטאָן. מיר זיינען אויסגעוואַקסן צו אַ רייפן שאַפן און אונדזערע אַרבעטן זיינען דיכטעריש באַוואוסטזיניק און באַאָכט — אינם פּאַראַלעל מיט די דיכטערישע קויכעס פון ניו־יאָרק, וואַרשע, מאָסקווע, בוענאָס איירעס, טילאָוויוו, בערלין, צי אַנדערע נעמלעכע קרעאַטיווע יידישע צענטערס.

אָט בלויז די מאַדרייגע אַליין האָט אונדז שוין געגעבן געגוג היסטאָרישן רוקנביין צוצוטרעטן צו אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט ווי אַ מיטוועסט און מיירעוו לידער־זאַמלונג. צוליבן ריין דיכטערישן, קערנדיקן אויפשוואונג גופע, וואָס האָט זיך אַזוי פאַר די לעצטע פופצען יאָר אין אונדזער שאַפן צעוואַקסן, איז עס פּאַשעט געווען אַ מיטוועגדיקייט אַרויסציקומען מיט אַ צוזאַמענגעקליבענעם סכום פון אונדזערע אַרבעטן, אין אַזאַ קאָלעקטיוו איינציק ווערק.

דערמיט וועלן מיר אויך ברענגען פּאָשעטע נוצלעכקייט דעם פאַרהאַוועטן מעטראָפּאָלישן מענטשן, וואָס האָט ניט קיין געדולד און קיין איבעריקע צייט אויף צו לייענען אונדזערע תרי"ג־אויסגאַבעס און, כוצלעזע, איז פאַר אים זייער און זייער אַ גרויסע אוממגלעכקייט, ביי זיין בעסטן ווילן, אויפצוזוכן די פיל פונאַנדערגעשפּרייטע שאַפונגען פון יעדן דיכטער אינדיווידועל. (דער איקער פון אָט דער אָ פּלעיאַדע דיכטער וואָס האָט זיך באַמיט אויסצוטרעטן וועגן פאַרן מאָדערנעם ליד אין די צעוואַקסענע יידישע אישואווים אויפן מיטוועסט און מיירעוו) טראָגן מיר דעריבער צו, פאַר דעם גרויסשטאָטישן לייענער, אָט אָ די דאָזיקע אַנטאָלאָגיע — פופצען יאָר יידישע דיכטונג פון לייק מישיגאַן ביזן נאָרד פּאַסיפיק.

ביים קלייבן און צוזאַמענשטעלן דאָס מאַטעריאַל האָבן מיר זיך, ווי דאָס ראָוו אַנטאָלאָגיסטן, אָנגעשלאָגן אויף דער אומגעהויערער שווערקייט — דער באַרימטער שליסל — מי ומי ההולכים? אָט אָ דער־אָ פּרעגצייכן האָט אונדז געגנוג פאַרזאַמדיקט די אויגן און אויך ראַק און קעסיידער גע־שווינדלט אין די מויכעס . . .

דעריבער זיינען אייניקע און עפּשער גאָר אַ סאַך, וואָס וואוינען גראָד אין אונדזערע גוואולן און זייער שיקזאַל איז צו שרייבן דאַווקע פּערזן — לאַכלוטן אויסגעלאָזט געוואָרן פון יעדן מינדסטן רעשום אַריינגע־נומען צו ווערן אין אַזאַ קאָלעקציע וואו דאָס מאָדערנע יידישע וואָרט־אויס־דרוק פון אונדזער דיכטונג, איז דאָס דאָמינירנדיקע.

מאַכמעס עס מוז קלאָר און פּאָשעט פאַרשטאַנען ווערן, אַז בלויז צוליב היסטאָרישער באַרעכטיקטקייט אַליין, איז נאָך קיין גרונט ניט פאַראַן אַז אַזוינע דאַרפן קריגן אָרט אין אַזאַ אַנטאָלאָגיע.

און מיר דערקלערן פריי:

מיר האָבן ביי זיך גאַנץ קאַטעגאָריש באַשטימט, אַז ווי מיר זאָלן וועלן געטריי זיין דעם בלעטל געשיכטע פאַרן ליטעראַטור היסטאָריקער, מוזן מיר דאָך, אין זיגען האָבן אַז עס ליגט אויף אונדז אַן אַכראַיעס צו שטיין אויף אָט דער הויך צו וועלכער סע האָט דערגרייכט די יידישע דיכטונג היינט צו טאָג.

דער לעצטער פּאָסטולאַט האָט געמוזט גיוועער זיין און דעמאָנסטרירן דעם דאָמינירנדיקן ציל.

עס זיינען אַריין בלויז אַזעלכע דיכטער, וועלכע פאַרמאָגן די אייגנשאַפט אויסצודריקן דאָס יידישע וואָרט מיט אָט דער קינסטלערישער גאָניטקייט וואָס איז באַקאַנט צו דער מענטשהייט דורך דעם טערמין: — טאַלאַנט.

טאַלאַנט איז אָריגינאַליטעט. אָריגינאַליטעט איז דער שאַרפסטער סוינע פון שאַבלאָן. און באַשטרייטן שאַבלאָן האָבן מיר טאַקע אין זינען געהאַט דורך דער גאַנצער צייט פון אונדזער מאָטיווירן — אַלנפאַלס האָבן מיר זיך געפּלייסט מיט אַלע אונדזערע קויכעס זיך אויסצוהיטן פון שאַבלאָן; אַלקאָלפּאָנים: פונם אַלטן שאַבלאָן; אָט אָ דער וועלכער האָט זיך אויסגע־פּלאָדיעט אין די ערשטע צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער רענעסאַנס פּעריאָד, אָט אָ דער שאַבלאָן וואָס האָט אַזוי ברוטאַל אויפגעפרעסן שטיקער טאַלאַנט

פירוואָרט

אַפילו פון אַזוינע ריזיקע דיכטער ווי מאָרים ראָזנפעלד און יעהויעש, היינט אַ פּשיטע שוין פון מיטלמעסיקייטן.

ס'איז עמעס, אַז אויך איצט לעבט די יידישע פּאָעזיע איבער אַ נייעם סאָרט שאַבלאָן, אָבער אַט דער מין שאַבלאָן וועט שוין קיין טיפע וואָרצלען ניט שלאָגן און זיכער קיין טראַדיציע — ניט שאַפן! ווייל אַזוי גיך ווי די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועט ארומכאַפּן די גאַנצע וועלט און זי באַ־פרייען, וועט אויך דער קרעאַטיווער מענטש באַפרייט ווערן פון געוויסע יאָכן און בעמיילע וועט שוין דער רעזולטאַט פירן אַז דער איצטיקער שאַבלאָן זאָל זיין דער לעצטער.

וואָרים נאָכאַלעמען איז פאָרט דער ווערט פון אַ ליד אויף אַזויפיל וויכטיק אויף וויפל עס פּרעזערווירט אין זיך קינסטלערישע קולטור. די שפּראַך, דעם דיכטערס איינציקע קליידונג, מוז זיין די דאָמינירנדיקע אייגנשאַפט, וואָס אונטערשטרייכט דעם פּאָעט.

דער טערמין — קינסטלערישע קולטור — איז קוילעל אין זיך די פאָלגנ־דיקע גרונד קלאַלים אין דעם אָרגאַניזם פון אַ ליד:

ריטם,\
פּלאַסטישקייט,\
קאָנסטרוקציע\
און האַרמאָניע.

אַט אָ די עלעמענטאַרע פונדאַמענטן מוז אַ ליד אַבסאָלוט אַנטהאַלטן קעדיי סע זאָל קאָנען אָנגערופן ווערן — ליד.

און אויף דעם האָבן מיר זייער שטאַרק מאַקפּיד געווען בענוגייע יעדן ליד וואָס איז אַריין אין דער קאָלעקציע מיט וועלכער מיר קומען איצט אַרויס.

די לידער, וועלכע האָבן אויסגעהאַלטן דעם דאָזיקן טעסט, האָבן מיר אַריינגענומען.

מ. ד—טש

שיקאַגאָ, דעצעמבער 1932

מ. באַגדאַנסקי

אין ליכטיקן רוים

די בלויקייט ווערט העלער און טיפער אין ליכטיקן רוים,
גרינער ווי ברויזיקע כוואַליעס וואָס שפּריצן מיט שוים;
און איך אויף די אייזערנע פליגלען דערהויבן,
געטראָגן,
פאַרטראָגן,
אַלץ ווייטער, אַלץ העכער, אַלץ טיפער אין רוים.

בלויקייט און זונשיין זיך מישן און בלענדן,
אַזוי ווי די פאַרבן פון האַלדז ביי אַ טויב,
און איך אין דער טיפקייט, דער גאָלדיקער־בלויער,
אַ פינקל, אַ גרויער, —
אַ פינטעלע שטויב.
אַמאָל ווי אַן אָדלער, וואָס יאָגט זיך נאָך רויב,
אַמאָל אַ שעליעך פון בסורעס — אַ פרידלעכע טויב.

קיינער וועט קיינמאָל אין רוים ניט געפינען קיין ברעג,
קיינער וועט קיינמאָל ניט שטערן די כוואַליעס דאָרט ווייט פונם ברעג
טאָ ווער זשע וועט קענען פאַר מיר וואו פאַרצוימען דעם וועג?

מ. באָגדאַנסקי

שטיל לעבן

פון ווייטן הויבט דאָרט שטאָלץ זיין קאָפ אַ הויכער גרינער באַרג,
פאַראַקשנט האָט ער זיך דעם הימל צו דערגרייכן;
און אונטער אים דאָס פעלד —
אַ ברייטער גרינער שלעפּ צעוואָרפן.
אַרומגעזוימט ביים ברעג מיט אַ העלן אָרנאַמענט —
אַ טייכעלע, אַ בלייכן.

רואיק ליגט דער טייך, אַ שיינענדער, אַ גלאַטער;
ער שפיגלט טיף אין זיך די בלויקייט פונם הימל אָפּ;
נאָר ווען ניט ווען, כאַפּט פון דערמיט אַ פישל זיך אַרויס,
אַ קעפל — ווי אַ שפילקע־קאָפּ די גרויס —

שווימט פון אָרט און לאָזט נאָך זיך צוויי פאַלדן איבער גאָר דער ברייט;
פאַר די אויגן ווערט אַ זילבער פאָרהאַנג אויסגעשפרייט
און די שאָטנס פון די ביימער אַרום ברעג,
הענגען איבער אים ווי גרינע קוטאַסן אַראָפּ.

פאַרנאַכטיקער גרוי

אַ וואָלקן, ער שוועבט אין פאַרנאַכטיקן גרוי,
איך, אַ פאַרנאַכטיקער, טראָג זיך אַזוי.
אַ זונשטראַל, אַ לעצטער, באַגילדט פון וואָלקן דעם זוים,
אַ זונשטראַל, וואָס שיינט נאָך נאָר וואַרעמט שוין קוים,
אַ וואָלקן, וואָס טראָגט מיט אַ ליכטיקן פלעק אינים גרוי,
פון ווינטל פון מילדן געטריבן, ער טראָגט זיך אַזוי.
דער וועג אַזאַ ווייטער, גערעמער — אומענדלעך דער רוים,
טראָגט ער זיך ביז ער פאַרלירט אָט דעם ליכטיקן זוים.
ביז אָט די שפיל ווערט פאַרלוירן אין פאַרנאַכטיקן גרוי,
ביז ער אַליין ווערט ערגעץ פאַרשוואונדן אַזוי.
אַ וואָלקן ער שוועבט אין פאַרנאַכטיקן גרוי,
איך אַ פאַרנאַכטיקער טראָג זיך אַזוי.

מ. באָגראָנסקי

אין זומער־מאָרגן

עס האָט זיך אין פעלד שוין דערהערט אַ געזאַנג
עס טראָגט זיך פון דאָרט שוין אַ גלאָקן־געקלאַנג;
עס האָט זיך דער אָקס שוין ניט איינמאָל צעברומט —
אַ זומער פרימאָרגן, ער קומט שוין, ער קומט.

עס הויבט זיך אַ פּאַרע אַרויף פון דער ערד,
עס הערט זיך אַ הירזשען, אַ טופּען פון פערד;
עס הויבן זיך זיילן פון שטויב שוין אַרויף,
עס טרייבט שוין דער פּאַסטוך זיין טשערעדע שאָף.

עס בלענדט דער פרימאָרגן מיט ליכט אָן אַ ברעג;
דאָס קעלבל שוין בריקעט, פאַרריסן דעם עק
טאַנצט עס און מוקעט און דרייט מיטן קאָפּ
דער לאָשעק, דער ברוינער אַוועק אין גאַלאָפּ.

אין ליכט פונים מאָרגן די בלומען צעבליט,
פון איין בלום צו צווייטער די בין דאָרטן פליט;
זויפט פון די בלומען דעם נעקטאָר און זומט —
אַ זומער פרימאָרגן, ער קומט שוין, ער קומט!

אויפן שיפל

בויג זיך, שיפל, בויג זיך, בויג,
וויגוויג די וועלט איצט פאַר מיין אויג;
לאָזט נאָך זיך אַ ווייסן וועג —
ווייסן שוים פון ברעג צו ברעג.
וויגסט די פעלזן נעבן ברעג
בויגסט דעם הימל־זוים צום טהוים,

הויבסט דעם טהוים צום הימל זוים,
שווינדלט, שווינדלט, פאַר מיין אויג;
מיט דיין יעדן שטאַרקן בויג
גיט פאַר מיר די וועלט אַ נויג;
בויג זיך, שיפל, בויג זיך; בויג.

נעקטאָר

אַ העלע בלום — ווייס אַרום
פּיאָלעט אינמיטן;
שלאַנק געוואַקסן איז די בלום
האָט אויף איר מיט זומזומזום
אַ יונגע בין געריטן.

זומזומזום, זומזומזום,
זינגט אַ ליד אַ רייטער:
זום־אַ־זיפּ, זיפּ אַ זום,
זויפּט זי נעקטאָר פון דער בלום
און פליט אַוועק זיך ווייטער.

זומזומזום, זומזומזום,
טאָר קיין צייט פאַרלירן;
גרין און געל, רויט און בלוי
פאַרבן בלומען זיך אַזוי,
אין אַלערליי קאָלירן.

זומזומזום, זומזומזום,
אַזאַ נאַכעס דאָרטן!
נעקטאָר זויפן אומעטום,
נעקטאָר האָט דאָך יעדע בלום,
יעדער בליט אין גאָרטן.

מ. באָגדאַנסקי

פרימאָרגן בלוי געבראַכט

וואַכט, וואַכט, וואַכט,
שוין צעטיילט די נאַכט
האָט אַ בלויע פּראַכט:
אָפּגעזונדערט ווערט
הימל פון דער ערד
און דער באַרג, דער טאָל,
אַלעס מיט אַמאָל —
וואַכט.

גאָלד, גאָלד, גאָלד,
גאַנצע בונטן פאַלט
אויף דעם גרינעם וואַלד.
פון זיין גרינעם קאָפּ
פליסט דאָס גאָלד אַראָפּ
און עס שפרייט זיך אויס
ווי די וועלט איז גרויס —
גאָלד.

שטיל, שטיל, שטיל,
שווייגט איצט אויך די גריל
בלויז אַ ווינטל קיל,
וואנדערט אום אַזוי
און מיט פרישן טוי
זילבערט בוים און גראָז
און דערציילט זיי וואָס —
ש ט י ל.

צווי, צווי, צווי,
גיט מיין האַרץ אַ צי:
טוט פון בוים אַ פלי —
ס'אַ פייגעלע אַוועק
ערגעץ ווייט אַוועק:
קומט עס באַלד צוריק
זינגט פון מאָרגן גליק
צווי.

געפאַלענע

איר פּאָנים — פּאַרב, עס גלאַנצט איר לאַק,
אַ מיידל שטייט דאָרט אויפן ראָג,
זי שטייט און וואַרט, זי האָט געפּאַסט:
כיקוק אויף איר, באַקום זי האַלט
מיר דוכט זי האָט עס ניט געוואָלט.

עס ווערט אויף טונקל־בלויען רויף
אַ דינער שניט, מען זעט עס קוים,
געווען — און ניט געוואָרן באַלד:
אַ שטערן פאַלט, אַ שטערן פאַלט,
באַקום איך אָט דעם שטערן האַלט
מיר דוכט ער האָט עס ניט געוואָלט.

מ. באָגראָנסקי

ס׳איז א קורצער וועג

העי, העי, העי,
יאָג זיך ניט אַזוי,
ס׳איז אַ קורצער וועג
בלויז געציילטע טעג
און דו גרייכסט צום ברעג
ווילסטו דען ניט מער?
דאַרפסטו דען ניט מער?
העי!

העי, העי, העי,
יאָג זיך ניט אַזוי,
אויף דיין קורצן וועג.
זע, ווי דיינע טעג
יעדער ביי זיין ברעג
ווי אין יאַם אַ טראָפּ
פאַלט ער שטיל אַראָפּ.
ווילסטו דען ניט מער?
דאַרפסטו דען ניט מער?
העי!

ברי מיך ליבע זון

ברי מיך, ברי מיך, ליבע זון,
מיר איז ליב דיין בראָטן!
זאָל מיין פּאָנים ווערן ברוין,
זאָל מיין ברויט געראָטן.

מ. באָגדאַנסקי

כיבין אַ גוטער באַלעבאָס:
צעאַקערט אַלע שטעגן
כיהאָב געמיסטיקט גוט דאָס פעלד,
כיהאָב געהאַט אויך רעגן.

כיקום אַנטקעגן דיר אין פעלד,
שטענדיק מיט געזאַנגען;
ברי זשע, ברי און בראָט און ברען,
פיל מיר אָן די זאַנגען.

כיבין ביים אַקערן, ביים זייען,
ווײנענדיק געגאַנגען
וועל איך שפעטער פריילעך זיין
שניידענדיק די זאַנגען.

ברי מיך, ברי מיך, ליבע זון,
מיר איז ליב דיין בראָטן!
שיק זשע מיר דיין בראָכע איצט —
זאָל מיין ברויט געראָטן...

מ. באָגדאַנסקי

טריאָלעטן

אָ, ווי ווייט עס איז פון דאַנען,
ווי צעצווייגט עס איז דער וועג,
ערגעץ איז דאָך גליק פאַראַנען!
— אָ, ווי ווייט עס איז פון דאַנען —
קומט אַנטקעגן ווער פון וואַנען,
זוכט ער אויס אַ נייעם וועג,
אָ, ווי ווייט עס איז פון דאַנען
ווי צעצווייגט עס איז דער וועג.

סיהאָט דאָס לעבן טויזנט וועגן,
קלייב זשע דיר דיין וועג אַליין,
קומט דיר ווער אַמאָל אַנטקעגן,
— סיהאָט דאָס לעבן טויזנט וועגן —
פרואוו ביי אים ניט נאָכצופרעגן,
וועסט אים סיי ווי ניט פאַרשטיין,
סיהאָט דאָס לעבן טויזנט וועגן, —
קלייב זשע דיר דיין וועג אַליין.

שלוימע י. בעלסקי

ערד

דו ביזט אָטעם פרילינגדיקער פון מיין היימלאַנד,
און איך בין אַקער פון דעם פרילינגדיקן פעלד.
אונדזער יוגנט רייסט זיך דורך די שוואַרצע פלאַכטעס,
ווי זון געגאָגטע פרוכטבאַרקייט דורך רויער ערד.

דו ביזט ראַכוועס העל־צעהוליעטע אויף גליענדיקע קאָרנפלאַכן,
און איך — דער שניטער פונם זומערדיקן פעלד.
אונדזער פרייד שרייט האָפערדיק מיט פולע לונגען
אין בייז צעקנייטשטן פּאָנים פון דער וועלט.

דיינע פינגער — ניט קיין שטענגלעך פון נאַרציסן,
דיינע הענט — צו שווערע אַרבעט צוגעוואוינט,
דיין טראָט איז פעסט און שיין געפורעמט,
און יונג, און טומלדיק, און אומגעצוימט.

מיר זיינען פון אַ שטאַם אַ נייעם
אויסגעהאַמערט פון אַ קראַפט אַ רויער אין פאַבריק;
מיר דאַרפן ניט קיין שטעמפּל און קיין העכשער —
ווייל דו ביזט ערד און איך בין רעגן,
און אונדזער קערנדיקע גאַרונג איז אונדזער אייגן גליק.

שלוימע י. בעלסקי

עס איז געווען אַ פרוי

מיידל, עס איז דיין ווין ניש שטאַרק גענוג
צו פאַרשיקערן מיין אומעט.
און שוימט דיין יוגנט־ווין, דיין נאַקעטקייט;
און שרייט מיין בלוט דאָס ווילד געשריי פון באַגערן, —
ווייַנט אַלץ מיין בענקשאַפט ווי אַ כאַיע אַ געפענטעטע,
וואָס גריזשעט די אייגענע לאַפּע קעדיי פריי צו ווערן.
ווייל קיין זאַך קען ניט שטערן
דעם שטראָם פון טענער,
וואָס מיין אומעט זינגט אין האַרצן, —
דאָס וויי־געזאַנג פון יענער
וואָס איז ניט ווייט
און וועט שוין קיינמאָל נאָענט מער ניט ווערן.

עס איז געווען אַ פרוי,
שיין,מזטוויליק און פאַררעטעריש.
אירע האָר, זיידענער און שוואַרצער פון דלילעס;
אירע בריסט גייוועדיקער,
אירע ליפּן טייוועדיקער פון ווענוסעס.
נאָר איך —
ניט קיין שימשן און ניט קיין טאַנהייזער —
אַן איינפאַכער אַ שטילער
ווי יענער, וואָס גייט פאַרביי דיין פענצטער,
און עפשער שוואַכער נאָך און קלענער,

עס אי געווען אַ פרוי.

שיין, שקאָדיש און פאַררעטעריש.
אירע אויגן איינגעראַמט אין שוואַרצע ראַמען —
ויידטאָמידס פלעמלדיקע פאַר אַשטאָרויס;
איך לייב געוויירויכט האָט פאַרפיום און סאַמען
פאַרפירישער פון די בסאָמים
וואָס באַרבאַרן האָבן גערויכערט פאַר זייערע אַווײַדע־זאָרעס.

עס איז געווען אַ פרוי...
ווילסטו, מיידל, וויסן וואָס עס איז געוואָרן? —
ביי אַ בוים אַן אָפּגעשניטענעם
קאָנסטו איבערציילן אויפן שטאַם די רינגען,
דאָס זיינען שטומע איידעס פון פאַרגאַנגענע יאָרן —
נאָר וואָלסטו דיר דאָס אַלטע האַרץ מיינס אויסגעשניטן
וואָלט עס ריידעוודיקער ניט געוואָרן.

די רייד פון אַבערדין

דאָס געוויין פון הונגעריקע קינדער
איז אין מיינע אויערן ווי קלאַנגען פון האַרפן —
מיליאָנען בעטנדיקע מאַמעס
מיין מישפּעט קענען ניט פאַרוואַרפן.

איך בין ריכטער, טאַליען און עסטעט,
איך שנייד מיט ראַסטיק־פאַרפומירטן שווערד.
און פון בלוט און טייווע אָנגעשיקערט
פאַרשווענד איך אויצרעס פון דער ערד.

איך בין דער אַנאַניסט פון וועלטישן פראָטאָפּלאַזם,
דאָס קינד פון סיפיליטישע באַל־אַווײַרעס —
די פעסט און דער פונאַנדערפאַל
וואָס האָט זיך אָנגעקליבן פון קראַנקע דוירעס.

איך בין דער שוימער פון דעם סאָף
פון אַ מיעסן כאָלעם אויפן וואָר.
פון אַן אַלטן אימפּאָטענטן גאָט —
דער ביישפּיל פון אַן אונטערגייענדיקן דאָר.

דריי עטיודן

1

אין שטאָלצן אַקאַליפּט
שפּאָט־פויגל האָט זיין נעסט געמאַכט,
צו הופן פון זיין הויך
אין דיינע אָפענע פענצטער אַלע נעכט.
נאָר איך — פון דער ערד מיין האַרץ
דערגרייכט דיין שטיינערנעם געזימס,
הענגט זיך אָן דיינע אייזערנע שטאַכעטן,
צו היטן, אין דיין רו,
די בענקשאַפט פון דער נאַכט.

2

עס פירט מיין לעבן, צאַרט און בלינד,
אַ קינד
מיט האַנט פון ליבע.
נאָר ליבע־פירער האַלט באַהאַלטן
אין קליידער־פאַלדן
פאַרגיפטעט־שאַרפן שווערד פון פיבערדיקן אייפערזוכט.
און פאַטום גייט נאָך אונדז טריט אין טריט,
שטום און גרייט,
מיט מאַסקע פון טויט
אויפן פּאָנים.
ווען וועלטן־גאַנג ניט בייטן מארשרוט און געבוי,
ניט ווערן אַלט און גרוי
פון מיין גאַליקן פּיין —
און איך וועל שוין אינגער ניט ווערן
פון ליבע און וויין.

שלוימע י. בעלסקי

3

נעכטן האָב איך פאַר דיר פאַרפומירט מיין בעט,
און דאָס לייוונט־שניי געגלעט,
היינט — האָט מיך שוין געפייניקט דיין שאַנד און גלייכגילט,
וואָס האָבן דיין פּאָנים באַדעקט;
און דאָס שולד אויף דיינע הענט
וואָס האָבן מיין לייב געפלעקט. —
נאָר מאָרגן וועט מיין האַרץ זיך אויסלייטערן
אין ליכט און אין וואַרימקייט פון אַ נייער זון,
וואָס וועט שפּינען גאָלדיק אַרום מיר
און איך וועל פון דעם פלאָנטער
אויסוויקלען מיין שנור פון לעבן.

— — — — — — — — — —

עס ליבן פאַרשיידן:
נאַכטיגאַל, מעווע און די הון.



בען שאָלעם

ניטאָ קיין צייט

ניטאָ קיין צייט אויף פערד און וואָגן פאָרן,
געפּלאַצט פון לאַנג האָט דאָס געדולד פון דויער;
סע טרייבט די צייט מיט בלאַנקענדיקע שפּאָרן,
איז וואָס אין וועג צעבערעכט מען — שטאָל צי מויער.

צו ענג געוואָרן זיינען שוין די ראַנדן,
אויף אַלטן וועג — צו זשאַווערדיק צו טרעטן.
פון מיזרעך שווינגען שוין צו אונדז פאַרבאַנדן
און וואַרפן ליכט און זוניקע ראַקעטן.

מיר מוזן איצטער נייע וועגן קאָוועןֹ,
מיר מוזן אויך צעברעכן אַלטע צאַמען —
מען קאָן ניט גיין אין וועגן פון דער באָבען,
ווען וועלטן גאַנצע ברענען שוין אין פלאַמען.

אַן אינוואַליד נאָר שרעקט זיך פאַר געפאַרן —
דער מוטיקער פאָרויס ער מוז נאָר שפּאַנען,
און וואויל איז דעם וואָס שליסט זיך צו בונטאַרן
און שלעפּט זיך ניט אין טראָט פון קאַראַוואַנען.

בעך שאָלעס

אַ נאָווי טאָר מיט װענט זיך ניט פאַרשפּאַרן,
ער מוז זיין װאָרט פאַרװאַנדלען אין סיגנאַלן —
און װער סע װיל קען בוקן זיך פאַר האַרן;
אונדזער אויסװעג — שטייגן אָדער פאַלן.

אָט באַלד שוין צו די הימלען אויפגעשטיגן
מיט אַלע ברייטן , הויכן זיך פאַרמאָסטן;
מען קען שוין מער מיט טפילעס ניט פאַרװיגן,
טפילעס, פונקט װי געטער אַלטע, ראָסטן.

דעם בריק צו גאָט מיר האָבן אָפּגעבראָכן,
און בריקן איבער גאָרער װעלט צעצױגן.
ס׳װעט אומרו שוין ניט שטילן פון קיין קנאָכן —
ס״װעט אומרו איצטער שטאָל און אייזן בויגן.

סע טראָגט זיך אומרו װי דורך טעלעגראַפן —
די „רו״ נאָר שפּאַנט אויף װעגן פון אַמאָלן,
נאָענט זיינען שוין די װייטן פונם האַפן —
מיר הערן אונדזער ליד — אַ װאָרט פון שטאָלן.

צעגריזשעטע די טעג זיינען פון שװייגן,
און פייגערן װי פערד קראַנקע אין שטאַלן —
ניט איינמאָל אונדז גערופן אויפצושטייגן,
און מיר זיינען צו זיידע־צייט געפאַלן.

איינגעקלאַמערטע פון פרעמדן װילן
האָבן מיר געטאַנצט װי מאַריאָנעטן,
און אַזוי טעג נאָך טעג פאַרשפּילן,
צעבלאָזן זיי װי רויך פון ציגאַרעטן.



בען שאָלעם

פאַרכויזעקט ווי דולדנדיקע נאַרן,
געשלעפט זיך איבער גאַסן, איבער סקווערן;
געשיקט די טעג ווי לעמער צו אַלטאַרן
און אויפגעהערט דאָס אייגן זיפץ צו הערן.

עס מוזן טריט איצט האַסטיקער זיך טראָגן,
שוין באַלד וועט שפעט זיין שלעפן זיך מיט באַנען —
מען קען ניט שלעפן זיך מיט פערד און וואָגן
ווען שוין אין לופטן רוישן עראָפלאַנען.

אונדזער וואָרט מוז אויפבליצן ווי שאַרפן —
העלפן ברעכן פאַרקאָוועטע קאַנדאַלן!
ניטאָ קיין צייט צו וויינען איצט אויף האַרפן —
לידער דאַרפמען פון דערהויבונג — ניט פון פאַלן.

מיר מוזן אָפטרייסלען פון זיך שאַבלאָנען
און קלאַמערן און שמידן נייע רינגען;
מען קען אין שטורם שטילערהייט ניט מאָנען.
עס מוזן ליד און האַמער איצטער שווינגען.

מיר וועלן וועלטן אַלטע איבערבינדן
און אונדזער ליד פאַרפעסטיקן, פאַרשטאָלן —
שוין גרויע הימלען טאָגן זיך און צינדן
און ליכטיק ווערן פון דער ערד די פאָלן.

ניטאָ קיין צייט אויף פערד און וואָגן פאָרן,
געפלאַצט פון לאַנג האָט דאָס געדולד פון דויער.
עס טרייבט די צייט מיט פייערדיקע שפּאָרן —
איז וואָס אין וועג צעברעכט מען — שטאָל צי מויער . . .

קאַפּיטאַנען

העי־העי, קאַפּיטאַנען! — איר וועט אין שטורם ניט קאָנען מער פירן די שיפן!
מיר האָבן פון ווייאיקן אונטערגאַנג לאַנג שוין געהערט די סיגנאַלן.
עס ווערן דאָ יאָרן פון דויער צעשטויבט פון אַנגסט אינטערוואַלן;
מיר וועלן ניט דולדן שוין מער דאָ צו ווערן געשטויסן אין פיינלעכע טיפן.

עס האָבן אונדז דוירעס געלערנט דעם אייגענעם מאַזל קיין איינעם ניט טרויען,
צו פירן די אייגענע יאָרן — אַליין דאַרף מען זיין קאַפּיטאַנען.
מיר וועלן צעיאַגן די שיפן. צו האַפּנס — מיט בליץ וועט מען שפּאַנען!
מיט יעטוועדער שווינגענדיק טראָט וועט אַ רוף זיך צעשרייען — וועלטן אויסבויען.

מיר האָבן ווי לעמער געשוויגן ווען יאָרן און אונדז האָבן געוואָרגן,
געוואַרט און געוואַרט אַלץ, ביז רוישיקע טעג וועלן קומען אַנטקעגן
און איניינעם ווי שטורמישע ווינטן — צעגראָבן, צעאַקערן וועגן,
און גרייטן דאָ פרייד פאַר פאַרפייניקטע טעג, וואָס וועלן ערשט אָנקומען מאָרגן.

דעם שטענדיקן טרויער פון לענדער פאַרקאָוועטע קען מען שוין מער ניט פאַרטראָגן,
מען קען ניט מיט רואיקע ווערטער דעם האַרבסטיקן ייעש דערציילען,
פונקט ווי צערעוועטע לענדער — מוז מען ווערטער צערעוועטע ווילן.
מיר האָבן אַזויפיל, אַזויפיל פאַרשפּעטיקט — מען מוז נאָך אַזויפיל אָניאָגן.

פון ערגעץ אַ כאָלעם — אַ וואָרט אַ פאַרפייניקטער שימערט און גיט אונדז אַ צייכן,
פון ערגעץ צעקנוילט זיך אַ וואונטש אַ צעפלאַמטער פון זוניקע גארן,
און וועט מיטן שוואונג פון אַ גלויבן די נאָגנדע ענגשאַפט צעשפּאַרן,
צעהוידען די אָנזאָגן — סימפּאָניש נייערע — שטאָליקע לידער פון גרייכן.

מע קען מער ניט וואָיען ווי הינט אויף די קראַנקע באַגינענס און גרויע פאַרנאַכטן,
און שווייגנדיק טראָגן די לאַסטן ווי שטיינערנע שטומע אַטלאַנטן
און פילן דעם גויטעסן אָטעם פון טויטלעכן טאָג — דעם געשפּאַנטן,
וואָס ציט זיך ווי בלוטיקע פלאָנטערס די געפּענטעטע טריט פון פאַרלאַכטן,

עס וועט דאָך דער מזל, אפילע פון טייוול, צו אונדזרע נאָרעס ניט צילן
און וועט ניט צעצינדן מיט יאָמטעוו, מיט זונליכט, פאַר אונדז האָריזאָנטן
אין נאָמן פון גאָט און פון יעזוס — געשטויסן צוריק האָט מען נאָענטן,
וואָס האָבן זיך פייניק פון דוירעס צעשריען אויף זייער פאַרקאָוועטן ווילן,

העי־העי קאַפּיטאַנען! — איר וועט אינם שטורם די שיפן ניט קאָנען מער פירן!
און וועט איר וואו קומען? — דאָרט וועלן זיך דוירעס פאַרשטומטע צערעווען.
ביי יעטווידן האַפן און ברעג וועט מען אָנזאָגן ליכטיקע — קאָוועך,
וואָס וועלן זיך שטורמיש צעוויגן, צעקלאַפּן — אין קיינמאָל געעפנטע טירן.

ווי קען איך אַנדערש היינט דערציילן

לאַנד פון פיברנדיקע באַגינענס און פאַרנאַכטן,
פון שווינדלדיקע מעטראָפּאָליעס, פון צעקנוילטן סטעפּ —
ווי אַמאָל מיין טאַטע, קען איך היינט פון דיר ניט טראַכטן
ווען צו גרונטן בלוטיקע, פאַרפירן, פירן דיינע טרעפּ.

צו דער גלאָריע וואונדערלעכער האָט מען דיך דערטראָגן —
אַ יאַם מיט טעג פון קאַראַוואַנען געגעבן דיך אַ שטויס,
מיט אונדזער מי, מיר האָבן בערג, פעלזן דורכגעשלאָגן;
צעפליגלט שיפן, באַנען, אויף דיין פרימיטיוון שויס.

געטיפּט זיך אין די מינעס — איינגעביסן אייל נאָך איילן,
און פייערדיק אַזוי דיך אויסגעשמידט פון ראַנד צו ראַנד:
וואָס זאָל איך, אָ, לאַנד מיינע, פון דיר איצטער דערציילן —
ווי קען אַ האַרץ אָט דאָ ביי דיר ניט אויספלאַצן פון שאַנד.

אָט גייען זיי די סטאַדעס, און וואו וועלן זיי גרייכן —
קאַראַוואַנען בלאָנדזשענדיקע — שיפן אין טומאַן;
אויף סטעפּ און שליאַך, דיל און ראָג, געפינט מען זייער צייכן —
צייכנס טיפע — קראַנקע טעג, איינגעקריצט אין יעדן שפּאַן.

בען שאָלעם

איך זע אייך, מידע בעטלער, וואַרטנדיק אויף ברויט אַ ביסן,
אָדער רויענדיק זיך, פונקט ווי הינט, אויף מיסט פון הויף:
לאַנד מיינע — מיין טאַטוס כאָלעם — ניט באַשערט אים וויסן,
אַז אויך אָט דאָ צעווערגן טעג זיך, ווי פון טליע־שלייף.

און ווי רייפן פון אַ באַרג, צעקייקלען זיך די יאָרן —
אָט דאָ, וואו מיר האָבן צעשוואונגען ליד נאָך ליד מיט לויב;
האָבן רייטער דיינע וואונדיקער גערדיקט מיט שפּאָרן,
און טעג — אַזויפיל טעג צעפּרעסן — צעמאָלט ביז שטויב.

און כאָטש די יאָרן זיינען דאָ מיט האָרבעס גרויע נויטן,
דאָך וועלן מיר ניט שליידערן צו דיינע פיס דעם געט —
יעדן שפּאַן פאַראַנקערן — ניט אויפהערן זיך גרייטן,
און סטעפּעס מער צעאַקערן — צעליכטיקן מער שטעט.

לאַנד פון פיבערנדיקע באַגינענס און פאַרנאַכטן,
פון שווינדלדיקע מעטראָפּאָליעס, פון צעקנוילטן סטעפּ —
כיזע דאָ היינט אין ברויט־רייען — פון מאָרגן דעם דערוואַכטן,
וואָס וועט נאָך אויפשטייגן מיט גלאָריע צו דעם העכסטן טרעפּ.

אין אייער פרייד און טרויער

ברידער מיינע! ס׳וועלן מיינע טעג שוין אויף שליאַכן אייערע זיך וויגן
און מיט אייך אויסטאַנצן וועל איך אייער פרייד און אייער טרויער.
און אָט אַזוי וועל איך די לידער מיינע ברויזיקע פאַר אייך צעהוידן.
ס׳איז גוט און גרינג און ליב אַזוי זיין פון וועלטן נייע בויער.

אַ נעץ פון וועגן האָב איך דורכגשפּאַנט, און געבלוטיקט האָט אויף זיי מיין טראָט,
און אָט אַזוי — פון וועג צו וועג — זיך אַליין אַרומגעטריבן.
ניט איין מאָל — אַזויפיל מאָל, די אויגן מיינע אויפגעהויבן הויך צו גאָט,
בין איך אויך אַן אָפּגעגאָרטער פון די הימלען דאָ פאַרבליבן.

בען שאָלעם

האָב איך מיין וועג צווישן אָפּגעוואַרטע און אויסגעלאָכטע זיך דערשלאָגן
(איז גוט אַזוי צו זיצן ביי איין טיש מיטן אָפּגעוואַרטן),
פון אייער וואָרט שטראָמט אויס אַזויפיל עמעסדיקס, אַזויפיל ליכטיקייט —
ס'איז גוט מיט אייך — אַפילע אַ שטיקל ברויט גריזשען אַ האַרטן.

איך זוך דאָ ניט דעם אויבנאָן און ניט קיין זאַטע רייצנדיקע טישן,
כיוויס, איך וועל ניט טרעפן צווישן אייך קיין אויפגעבליצטע זאַלן —
גענוג וועט זיין פאַר מיר: אַ האַרטע בעט, אַ שטיקל ברויט, אַביסל זופּ,
איידער פאַר די גאָטס דערהויבענע זיך נידעריקן — פאַלן.

אַזויפיל ווייטיקן און נויטן האָבן אונדז צוזאַמען איינגעקלאַמערט —
מוז מען זיי ווי ראַדיאָ כוואַליעס איבער גאָרער וועלט צעהאַסטן,
אויב ניט די פייערלעכע אויפגעבליצטע טעג, וואָס קומען אָן צום האַפּן —
נו, וואָס איז פאַר אונדז פאַרבליבן, אויב ניט מער ווי פעק מיט לאַסטן.

אָט דער וועג פון די, וואָס גריזשען זייערע טעג ווי שטיקלעך אויסגעדאַרטע ברויט,
איז אויך מיין וועג, און וועל צעוויגן אונדזער פרייד, אונדזער טרויער:
ברידער, ברידער מיינע, אויפגעלויכטענע, אויפשטייגנדע פון נידער —
ס'איז גוט און גרינג און ליב אַזוי — זיין פון וועלטן נייע — בויער!

מיר וועלן געדענקען

וועלן שוין די טעג זיך איינקריצן אויף אייביק אין זיקאָרן —
ווערטער שטומע, ניט דערזאָגט וועלן אויסשרייען פון טריט;
אַזויפיל מאָרגנס, יאָרן זיינען דאָ צעשטויבט געוואָרן,
און אין העלדזער אונדזערע געוואָרגן האָט אַ מעסער שניט.

ס'איז אונדזער לוין אָט דאָ — קלייבן ברויט־ברעקלעך אויף ראָגן,
און צו זוכן אָט אַזוי אין קראַנקע נעכט — אַ ביסל שלאָף —
כאַלאָקים בלוטיקע — מיר האָבן צו דער וועלט געטראָגן,
האָט מען אונדז צום מעסער־שאַרף געטריבן, ווי די סטאַדעס שאָף.

טעג געדרייצט אויף אונדז, וואָס האָבן בלוטיק אויסגעאַקערט שניטן —
האָט מען הימנס נאָך געזונגען פאַרן גוילעמדיקן גאָט;
ווען פייערדיקער גלויבן האָט זיך איבער וועלט צעריטן,
זיינען מיר נאָך אַלץ ווי בלינדע פערד געגאַנגען — טראָט ביי טראָט.

ערגעץ קנוילן פונקען זיך פון ניי־צעוויגטע האַמערן,
שוין באַלד די ענגשאַפט דורכגעבראָכן — צעשפּאַרט דעם האָריזאָנט;
אַרום אונדז, סע שרויפן זיך נאָך שניידנדיקע קלאַמערן —
שווייגנדיק מיר האָבן אונדזער כּויוו געבעטן — ניט געמאָנט.

רופן ליכטיקע האָבן ניט געהאַט צו אונדז קיין שליטע,
אַז ערגעץ, ערגעץ־וואו, גרייט זיך שוין אַ טיש, אַן אויבנאָן —
און גאָרער וועלט די ראָסטיקע — מע טראָגט איצט אויף דער מיטע —
אַ וועלט, וואָס האָט די סימפּאָניע שוין אָפּגעשפּילט — פאַרשפּילט דעם קאָן.

מיר וועלן פאַראַנקערן שיפן

מיר וועלן פאַראַנקערן דאָ שוין אויף שטענדיק די שיפן,
אַרויפציען וועלן מיר רופן פון אויפשטייג, אויף מאַסטן.
מיר וועלן אַמאָל נאָך מיט קינדערשע פרייד זיך צעשטיפן,
און מייסעס דערציילן פון וואונדיקע טעג און פון לאַסטן.

מיר זיינען געקומען צעצינדן די גרויאיקע ראַנדן!
עס יאָגט אונדז די אומרו — מיר קענען מיט ווענט זיך ניט שליסן!
און רייען נאָך רייען עס קומען דאָ אָן וואַגאַבונדן
און וועלן דאָ יאָמטעוודיק גרייטן פאַר מאָרגנס די טישן.

און ווער וועט אייך גלויבן

און ווער וועט אייך איצטער שוין גלויבן, און ווער וועט אייך איצטער שוין בענטשן,
און ווער וועט אין פּוסטריט פון זשאַווער זיך שלעפּן, פון גאָטס אַפּאָסטאָלן —
מיט ווערטער פּאָלירטע, וואָס האָבן פאַרנאַרט אונדז אין פּיינלעכע נעצן,
פאַרלאַכט אונדזער אַנגסטלעכן טרויער, וואָס שלעפּט זיך מיט אונדז פון אַמאָלן.

אָט דאָ, אונדזער טויט, ווערט פאַרלאַכט און באַשפּיגן פון גאָטס אויסדערוויילטע:
וואָס אַרט זיי די „סטאַדעס"' וואָס פּייגערן אויס דאָ ווי פערד אין די שטאַלן
גריזשענדיק, פאַרמאָגערטע יאָרן פאַרגאַלטע — וואָס אַרט זיי, וואָס אַרט זיי —
עס וועט דאָך גאָטס לעסטערונגס אָטעם אויף זייערע וועגן ניט פאַלן.

אַבי צו זיין לאַנד דאָס געבענטשטע, זיי פּייקלען דאָך אויס הללויה
און טראָגן זיין גלויבן פונאַנדער — זיי זיינען פאַר דעם טרובאַדורן
און זיינע סינאָדן — ער וועט זיי דאָך גלויבן — ער דאַרף זיי דאָך גלויבן . . .
פאַר די נאָר, וואָס ווילן אַליין אויס דאָ וועגן. זיין שטראָף איז — אַלטאַרן.

אָט האָט איר די פרייידיקע טעג דאָ, וואָס וואָיען ווי הינט פאַר אַ ביסן,
טאָ נעמט און צעוואַרפט זיי, צעהוידעט, דורך כוואַליעס פון טעלעגראַף־דראָטן
און די וועלכע בענקען, באַטרעטן דעם שוועל פונס לאַנד פון דער גלאָריע, —
דערציילט זיי פון שטיקער צעריסענע טעג ווי זיי ווערן צעשאָטן.

און ווער וועט אין האַרצן אַ וואונטש אַרומטראָגן, דאָס לאַנד פאַר זיך ווילן,
ווען גאַרן צעעגבערטע שרייען אַרויס דאָ פון ווענט און פון דילן;
מיר האָבן געפּרוווט שוין ניט איינמאָל די טעג דאָ, פאַרטאַנצן, פאַרטרינקען,
און, פּונקט ווי קלאָונען, מיר האָבן געוואָלט זיי פאַרלאַכן, פאַרשפּילן.

און ווער וועט צום טאַקט איצט, פאַררופן פון ראָסטיקע גלויבנס אַ טאַנץ טאָן?
זיי האָבן יאָר איין און יאָר אויס, אונדזער אויפוואַך געטיפט אַלץ צום נידער;
פון בליציקע ווערטער פאַרפּענטעט — געפירט ווי פאַרטאַיעטע נאַרן,
און מיר דאָ? — מיר האָבן זיי הימנס געזונגען — געשמידט פאַר זיי לידער.

בען שאָלעם

מיר ווייסן די נעצן־האַווטאָכעס, וואָס האָבן ווי מייז אונדז געפאַנגען
און אונדז אַלץ געשטויסן צו וואונדיקע נעכטנס, צו קראַנקע פּינאַלן,
און טעג ניט געציילטע אַזויפיל, זיי זײַנען פאַרהעפקערט געוואָרן;
זיי זײַנען ווי האַרבסטיקע בלעטלעך, פון ווינטן צעריסן, צעפאַלן.

מיר ווייסן, די לוינען פאַר דעם, וואָס וועט וואַגן אַ שנעלערן שפּרייז טאָן
און ברייט איבער שטעכן ווייטע די גויסעסע נעכט דאָ צעקלינגען,
און ווער עס וועט רופן צום אויפשטייג מיט פּאַטאָס, פון נאָווי און משה,
פאַר דעם וועט אין נעכט שוין, ווי ביימער פון שטורם, זיך טליעס צעשווינגען.

אַ ווייאיקער בלוטשניט צעקווילט זיך פון „היימאַרקעט" ביז סאַקאָ־וואַנזעטי,
ווערטער פאַרגליווערטע — טיף איינגעקריצטע, שרייען אַרויס פון די שוועלן:
היי־היי! גיט אַ טאַנץ און אַ צימבל אין האַרץ, וועט זיין פריילעך אין שטיבער!
צעפלאַמט אייער הימן! — גאָט וועט דאָך צום מישפּעט קיינמאָל אייך ניט שטעלן.

און אַ רוישיקן טאַנץ אַרום די , וואָס איר „לייטערט" אויף טעלעגראַפן־סלופּעס,
„געבענטשט" וועט זיין דער, וואָס וועט ענגער שוואַרצהויטיקע העלדזער פאַרבינדן:
ער האָט דאָך „די פלעקן פאַרשוואַרצטע" פון הייליקן לאַנד אָפּגעווישט דאָ — — — —
פאַר דעם וועט אין וועלטן, אין הימלען — מאַזאָלעס זיך גאָלדיק צעצינדן.

מיר ווייסן, מיר ווייסן, עס גראָבן פאַר אונדז זיך שוין אָפּגרונטן טיפע,
ווען האַרץ נאָך האַרץ וועט אַ קלאַפּ טאָן, וואָס זיינען פון פלאַם אַרסענאַלן.
מיר ווייסן — מיר קאָנען די טעג שוין, וואָס וועלן אונדז קומען אַנטקעגן.
נאָר ווּעמען וועט ליכט דאָ דערשרעקן, ווי פייער אין נאַכט פאַר שאַקאַלן?

און ווער וועט אייך איצטער שוין גלויבן, און ווער וועט אייך איצטער שוין בענטשן,
און ווער וועט זיך וואַגן צו בוקן פאַר שימל און טויטע אידאָלן.
מיר האָבן דעם טאַנץ פאַרן טייוול פאַרענדיקט — דערפילט שוין די בושע,
באַלד וועלן פאַרטייעטע ווערטער אויפוואַכן — צעקלינגען ווי שטאָלן.

אין אונדזער לאַנד

לאַנד, מיין לאַנד!
עמעס, ניט געוויגט האָט זיך מיין וויגל צווישן דיינע ווענט די שטיינערנע,
און ניט געזונגען האָט מיין מאַמע דאָ אַ ליד פון „ראָזינקעס מיט מאַנדלען";
מיין מאַזל האָט זיך דאָ געוויגט און זיך אַליין פאַרוויגט.
און ניט איינמאָל די גאַסן דיינע האַרטע זיינען שוין מיין בעט געווען,
און ניט איינמאָל געשלייכט זיך ווי אַ הונגעריקער הונט אויף דיינע ראָגן, —
דאָך האָב איך אַלץ געזוכט אַ טיקן דאָ, אין מיין טאַטנס אויסגעכאָלעמט לאַנד,
(דאָס וואונדערלאַנד, פון וועלכן סיהאָט אַמאָל מיין טאַטע מייסעלעך דערציילט,
וואונדער שיינע מייסעלעך פון טויזנט און איין נאַכט).
לאַנד, מיין לאַנד!
ניט מיט עמערס גאָלד בין איך צו דיר געקומען און דיין שוועל באַטראָטן,
נאָר מיט שוואונג פון האַמער, דלאָט און לאָם אויף מיינע פלייצעס
האָט דאָס אימפעט ליד פון בויער מיך צום טאַטנס ליכט געטראָגן —
צום טאַטנס אויסגעכאָלעמט לאַנד פון טויזנט און איין נאַכט.
לאַנד, מיין לאַנד!
אין דיינע גאַסן שטיינערנע,
אין דיינע וועגן, שליאַכן, טורמדיקע הויכן
האָט מיין שווערע מי זיך איינגעקריצט ווי מי פון מיינע זיידעס.
האָבן יאָרן, יאָרן דאָ צעשוואונגען זייער האַמער, דלאָט און לאָם,
אויסגעהאַמערט רעלסן און אימפעטיק צעיאָגט אויף זיי: באַנען און טראַמווייען
און איבער יאַמען — דאַמף און זעגל־שיפן, און לאַנד מיט לאַנד פאַרבונדן,
און דיינע פרימיטיווע שטעט אין מעטראָפּאָליעס זיך צעפליגלט,
און זיי אין ווייטע ווייטקייטן צעצויגן, אויף שטעכן טויזנט מייליקע;
געגראָבן זיך אין קוילן, קופּער, אייזן־מינען —
פרייד פאַר דיר געגראָבן!
און ניט איין מאָל —
מיליאָנען מאָל צוליב דיין פרייד אַליין זיך איינגעגראָבן — — —
זיינען נייע בויער אָנגעקומען און דיין שטאָליק ליד דערזונגען.
פלייסן זיך קופּאָלן גאָלדענע מיט אונדזער מי פון האַמער, דלאָט און לאָם,

בען שאָלעם

פלייסן זיך די סטעפּעס — פעלדער ראַכוועסדיקע פון בלי און זעט,
שטייען איצטער שייערן, מיט ווייץ און קאָרן אָנגעלאָדענע
פון אונדזער שווינגענדיק ליד!
לאַנד מיינע פון וואונדער שיינע מייסעלעך פון טויזנט און איין נאַכט.
איצטער, וואָס זאָל איך דערציילן פון מיין טאַטנס אויסגעכאָלעמט לאַנד?
וואָס זאָל איך דערציילן פון דיין גלאָריע?
ווי קען מיין אויסגעווייטיקט ליד, וואָס האָט אַזויפיל צער געזאַפּט ביי דיר,
ניט לעסטערן?

מאָלן מילן

פירן באַנען ווייץ און קאָרן,
שיפן שיפן זיך מיט זעט;
און אין הויכן — פלי־מאָטאָרן
פירן גאָלד פון שטעט צו שטעט.

אויף די פעלדער זינגען זאַנגען
גרינע, גאָלד אויף יעדן בייט;
פויערס מי איז אויפגעגאַנגען,
פרייד פאַר יעדערן געגרייט.

וועט מען שייערן פאַרפולן —
ראָסטיקן וועט אונדזער מי;
פאַרן אַקערער בלויז — וולן,
און קיין „פּאַשע" פאַר די פי.

באַנען יאָגן, מאָלן מילן —
יאָרן מאָלן זיך אין הויז;
לעצטע ברעקלעך פון די דילן
לאַנג פאַרצוקט האָט שוין די מויז.

וואַגאַבונדן

וואַגאַבונדן וואונדיקע, צו אייך געצויגן האָב איך מיינע בריקן —
מאַזאָלעס אונדזערע, זיי זיינען ענג אַזוי פאַרקלאַמערט און פאַרבונדן;
אין שלאָגנדיקן אומרו אייערן מיין וואָרט געפונען האָט אַ טיקן,
כאָטש ביי אייער טיש דעם ליידיקן עס האָבן ליכט זיך ניט צעצונדן.

ווער וועט ווערטער אומרואיקע עמעסדיק אַזוי ביי אונדז דערפילן,
אַזוי ווי איך, פון אַלעמען פאַרלאַכטע ווייטיגדיקע וואַגאַבונדן,
ווען איך שוין אַזוי אין ווייטע וועגן אייערע מיין ליד צעשפּילן,
ווייל דער זעלבער מאַזל אונדזערער שוין ערגעץ וואַרט אויף אונדז ביי ראַנדן.

אַ לויב צו דיר

אַ לויב צו דיר, לאָמבאַרד — גאָט פון טויזנט כיינען,
האָסט מינוטן שווערע זיי אויפגעבליצט אַזויפיל מאָל —
הויב איך הויך פאַר דיר מיין קאָס און פאַר דיר מיין ליד,
און נעם פאַר דיר מיין הוט אַרונטער, ליכטיקער אידאָל

און ווען דער קלאַנג פון גאָלד פאַרגליווערט ווערט אין טאַש,
און אומעטיקער ווערן דאָ די טעג מיינע — מיין טראָט:
צערטלסטו מיין אָנצוג ווי די מאַמע אירס אַ קינד,
און ליכטיק ווערט אין שטוב — אַ העלע ליכטיקייט פון „גאָט".

פאַראַנען פריינט — אויסהיטן זאָלסטו מיך פון זיי —
זיי טאַנצן דאָך ווי מאַלפּעס פאַר אַ קלינגענדיקן סענט,
און קוים דערשפּירן זיי, סיהויבט אָן פוסט ווערן דיין טאַש,
ווי מייז צעלויפן זיי זיך, פונקט ווי פון אַ שטוב וואָס ברענט.

אַ לויב צו דיר, לאָמבאַרד — גאָט פון טויזנט כיינען,
האָסט אין מיינע ייעש־טעג אָנגעקלאַפּט אַזויפיל מאָל —
הויב איך הויך פאַר דיר מיין קאָס און פאַר דיר מיין ליד,
און נעם פאַר דיר מיין הוט אַרונטער, ליכטיקער אידאָל.

בען שאָלעם

שפּאַנט מען אַט אַזוי

וואָס דאַרף איך מער — וואָס פעלט מיר דאָ —
ס'איז מיר גוט און וואויל:
בייטאָג — אַ פלאַמענדיקע זון,
ביינאַכט — אַ הימל טיף און בלוי —
וואָס פעלט מיר דאָ?

און הענגען וואָלקנס בלייאיק שווער?
איז ניטאָ דער קאָפּ צו לייגן וואו?
שטעל איך אַזוי מיין קאָלנער אויף
און שפּאַן, און פייף אַ לידל צו. —
וואָס דאַרף איך רו?
וואָס דאַרף איך רו?

צעיאָגן מיינע יאָרן זיך
ווי ווינטן שטורמישע אין שפּאַן?
ווינטש איך זיי אַ שליטוועג צו:
גלין־גלאָן־גלאָן — גלין־גלאָן־גלאָן,
גלין־גלאָן־גלאָן — — —

וועט מיין פינאַל שאָ אויסזיפצן?
וועט זיין אַ נאַכלע אָנגעגרייט
און אַן אָנצוג וייס ווי שניי,
וואָס דאַרף איך מער — ס'איז גוט אַזוי:
היי־היי, היי־היי!
ס'איז גוט אַזוי.

בייטאָג — אַ פלאַמענדיקע זון,
ביינאַכט — אַ הימל טיף און בלוי:
וואָס פעלט מיר דאָ?

פאַלן ווערטער מיינע

פאַלן, פאַלן ווערטער מיינע — נידערן אין טיפן,
ווערטער מיינע — אָנזאָגן, פאַרזינקען וואו — פאַרשטומען;
טראָגן זיך די יאָרן מיינע — בלאָנדזשענדיקע שיפן.
צום טייוול זיי פאַרטאַכלעוועט — ערגעץ ניט דערשוואומען.

פלאָנטערדיקע וועגן מידע — שטומע לאַבירינטן,
איך ווארף אויף אייך די שאָען מיינע — אויסגעהויכטע שטויבן.
טאַנצן ברעקלעך טעג און וואָכן צוגעפייפט פון ווינטן,
טאַנצנדיק צעיאָגן זיי זיך ווי פאַרבענקטע טויבן.

דיין וואָרט גייט אויף פאַר מיר

עס שימערט אויף פאַר מיר דיין ליד אַן אויסגעלייטערטע, אַ פאַרביקע —
אַזויפיל עמעסדיקייט אין יעדער זילבע דיינער, אַזויפיל פרייד און צאַר,
אַפילע אויך פאַר די וואָס טראָגן סאַם און וואַרפן אין דיין דאַך אַ שטיין —
אויך פאַר יענע לייט דיין וואָרט דאָס פריידיקע — זיי פאַרגעבן וועסט דערפאַר.

אָט די געקרוינטע אונדזערע, וואָס וויקלען זיך אין הייליקע אַפודן איין
און ווי שיקערע פאַרשרייען יעדן שטילן וואָרט מיט פויק און טאַץ,
און פאַראַדירן פאַר דערלייזער דאָ און פאַר נוויאים אונדזערע,
ווען שטילערהייט פאַרכויזעקן זיי אונדזער טרויער — פונקט ווי דער פאַיאַץ.

אַזוי איז שוין דער מאַזל אונדזערער — שווער דעם עמעס דורכצוטראָגן,
דאָס שטילע ליידנדיקע וואָרט נאָך האָט קיין טיקון ניט געפונען — נול;
יואוולען קען נאָר דער, וואָס גאַרט נאָר אויפשטייגן מיט שרייאיקע פאַלירטע רייד.
פאַר דעם איז אָנגעגרייט „אַ קרוין אַ גאָלדענע" — פון אויבנאָן אַ שטול.

נאָר די וואָס פילן יעדן צאַר ווי מעסערשניט, וואָס שרייט ארויס פון טריט
פון די, וואָס בלאָזן אויס די טעג און בייסן אייגן לייב מיט זשעדנע ציין;
אָט פאַר יענע איז שוין אָנגעגרייט פולע לאָגלען סאַם אויף טראָט און שפּאַן —
אַזוי איז שוין באַשערט — אין נאָווים דאַך זאָל פאַלן בלויז אַ שטיין.

בען שאָלעם

זינקען טעג נאָך אונדזערע — קווילן איין אונדז דאָ אין בלוטיקן קאָשמאַר,
ס'איז שווער ביי אונדז זיך דורכצורייסן, דורכצוטראָגן — וואונדיק יעדער ריר;
שלעפּט מען זיך אַזוי, מיט שווערע לאַסטן אויף די פּלייצעס, דורך מידע נעכט,
ווייל שווער איז מיט אַ שטילן ליידנדיקן וואָרט וואו אָנקלאַפּן אַ טיר.

עס שימערט אויף פאַר מיר דיין ליד אַן אויסגעלייטערטע, אַ פאַרביקע,
און יעדע זילבע דיינע איז אַ רוף, דיין וואָרט — צום אויפשטייג אַ געבעט!
און מעגן אַלע טירן זיין פאַרריגלט פאַרן אויפגעפלאַמטן וואָרט,
וועט מען ערגעץ, ערגעץ ביי אַ האַפן דאָך דערהערן — „צי פרי צי שפּעט".

גוט איז דעם

גוט איז דעם, אויף וועמען ס'איז דער גורל אויסגעפאַלן — זיין דער בויער
און זיין, אין טעג געפּענטעטע, דער אָנזאָגער פון שטענדיק גרייכן —
מיט פּאַטאָס פון בונטאַר און נאָווי — טראָגן פייערדיק דעם צייכן,
וואָס האָט ווי שטאָל זיך אויסגעקאָוועט און אויפגעפלאַמט אין שווערן דויער.

גוט איז דעם, וואָס וועט דעם כאָלעם ליכטיקן דערטראָגן ביז די שוועלן;
אין זיינע טעג דעם גאָרנדיקן גורל קאָנען סאַלוטירן —
מיט פינגער ציטערנדיקע — אַ פרייד צעליכטיקטע באַרירן,
אַ פרייד וואָס וועט צעווייען זיך און טעג צעשניטענע — ציילן.

גוט וועט זיין אָט דעם, וואָס וועט נאָך דאָ אַמאָל פון אונדזער צייט דערציילן
ווי יאָרן, טעג, וואָס פלעגן זיך ווי זאַמד פון שליאַך און ראָג צעשטויבן,
און אויך פון יעדן אויפשטייג וואָרט פאַרטראָגן אין אַ האַרץ אַ גלויבן,
פלעגט מען שוין אין נאָמען פון אַ גאָט — טויטן בלוטיקע אויסוויילן.

גוט וועט זיין אָט דעם, וואָס וועט ניט מיד ווערן פון עגבערדיקן טרויער
און מיט טריט נאָך טריט פאַראַקשנטע — העלפן נעענטערן די וייטן:
ווי וואונדערלעך וועט זיין צו סאַלוטירן וואונדערלעכע צייטן
פאַר דעם וואָס האָט אַ האַפן נאָך אַ האַפן אָנגעצונדן — פאַרן בויער.

בען שאָלעם

שוואַרצהויטיקער ברודער מיינער

שוואַרצהויטיקער ברודער מיינער,
ווי אומעטיקע האַרבסט נעכט
אַ שוואַרצער טרויער ווי דיין הויט
הויכט זיך אויס פון דיר —
ווי לעצטע אויסציטערנדיקע אָטעמס פון אַ גויסעסן,
און דו, שווייגנדיק, ווי סע שווייגט דער טויט,
וואָס טרעט דיין שוועל פון שטוב אַריבער —
פאַרשפּילסטו אָט אַזוי דיין וויי אויף דיין גיטאַר
און פאַרטאַנצסט אויף גאַסראָגן דיין צאַר.
אָדער לעסטערסט גאָר די טעג דיינע, די נעכט,
וואָס שלעפּן זיך ווי לעמער צום בלאַנקענדיקן כאַלעף־שאַרף.

שוואַרצהויטיקער ברודער מיינער!
איך האָב דיין טרויער טיפער נאָך דערפילט
אויף די וואַטע־פעלדער פון די שטאַטן — דזשאָרדזשיאַ, טעקסעס;
אין שטוב סקעלעטן שלייכנדיקע, פון ווייב און קינד;
אין אַ ווינקל, אַ גאָט אַן אָפּגעבליאַקעוועטער,
און ביי זיינע פיס אַ הונגעריקע קאַץ —
עפּשער האָט זי אויך געבעטן פאַר דיין הינטיש־היים.
וויינט דער וויי פון דיינע וועגט די איינגעפאַלענע
ווי סע וויינט אַ מאַמע, וואָס זעט פאַר זיך איר גויסעס קינד,
און דו האָסט שווייגנדיק אויסגעשפּילט אויף דיין גיטאַר —
דאָס ליד פון צאַר:
„ניטאָ קיין שיד,
ניטאָ קיין שיד,
ווי זאָל איך אין הימל גיין?...“

בען שאַלעם

שוואַרצהויטיקער ברודער מײַנער!
סיהאָט אַ צײַלעמדיקע פרייד די טעג דײַנע פאַרהעפקערט —
ציטערט אויס דײַן שוואַרצע לייב, אויף אַ סלופּ, צי אויף אַ בוים,
אָדער ערגעץ אויף אַ ראָג, ווי אַ הײמלאָזער קראַנקער הונט.
זינגט „ווײַסע פרייד" אין שטוב, אין גאַס:
גלאָריע, גלאָריע, הללויה,
גלאָריע, גלאָריע, הללויה,
און דײַן גאָט דער צוגעקאָוועטער
בענטשט די ווייסע פיוריטאַנער הענט —
ערשטער מעסערשניט אין ווייסן לייב:
גלאָריע, גלאָריע, הללויה
גלאָריע, גלאָריע, הללויה
פון יאָך צעווייטיקטער ברודער מײַנער —
צעשפּיל, צעשפּיל זיך שרייאיקער אויף דײַן גיטאַר,
צעטאַנץ, צעטאַנץ אַלץ רוישיקער דײַן שוואַרצן צאַר.

BREAD LINE

רייען גאַליקע עס ציען זיך אַרום די ראָגן,
גריזשען זשעדנע שטיקלעך שימלדיק ברויט — מיט צאָרן —
קאָרטשען מידע הערצער זיך אין פּראָסטיקע פּאַרטאָגן,
האַסטיקער צעקלאַפּן זיך, ווי עראָפּלאַן־מאָטאָרן.

אַ טאַנץ פּאַר אונדזער „פּרײַדיקייט" — רוישן זאָלן דילן,
אויף די וועגן אונדזערע צעשפּרייט ווערן גאָטס גנאָדן —
מעלן מאָלן זיך בײַ אונדז — עס זינגט דאָ ווינט מיט מילן:
העי־העי, — רייען גאַליקע — צום טאַקט אין קאַראַהאָדן . . .

פינטשע בערמאַן

סינאָריטאַ ריטאַ

דיינע אויגן, סינאָריטאַ ריטאַ,
קאַיאָטן אין אַ פינצטערער סיעראַ־נאַכט.
דיין אָטעם, סינאָריטאַ ריטאַ,
קיפּאַריסן־ווינטן
אויסגעמישט מיט פעך און שוועבל.
געשמינקט זיינען די קנייטשן פון דיין שטערן,
אויף גאָלד דיין זילבער־קאָפּ געפאַרבט.
וואָס זשע שטעקט אַזוינס אין דיר, סינאָריטאַ ריטאַ,
וואָס די יונגע צאַפּלדיקע מיידלעך,
מיט פאַרבאָרגענע סטילעטאָ־סינע,
פרעסן דיך מיט שפּיזיק־שאַרפע אויגן?
וואָס זשע, טייוול, שטעקט אַזוינס אין דיר,
וואָס ביי דיין אַריינקום אין דער „סאָווע"
און ביים ערשטן דים־דים פון דיין פּייקל,
ווערן פאָרלעך פרעך
און דער אוילעם ווילד,
און מע פּאַטשט וויוואַט
צו דער פּריסטערין פון באַקכוס.

פינטשע בערמאַן

טשינגאַרעלאַ

(פון דער סעריע „טיאַ-וואַנאַ")

עס גייט מיר אויס מיין האַרץ צו דיר,
אָ, טשינגאַרעלאַ!
ווייל אונטער שמינק און פודער
ברעכן זיך די רינגען אונטער דיינע אויגן;
ווייל דיין צעדרייטער שמייכל אויף דיינע ליפּן
סוידעט אויס די האַרציע פון „מאַרהאַנאַ";
ווייל דאָס פּאָנים פון צעפרעסענער קראַנקהייט
אַנטפּלעקט זיך אין דעם ריטעמלאָזן וויגן פון דיין ברוסט . . .
וואָס־זשע פאַר אַ פייער
ברענט עס אין דיינע אויגן,
טשינגאַרעלע?
איז דאָס אַ פלוך צו דעם סאָלדאַט דעם וויסטן
און צום באַזויפענעם מאַטראָז — דיין גורל?
און עפּשער איז עס גאָר
אַ פונק פון יענע צייטן,
ווען ביי דעם קלאַנג פון דיינע קאַסטאַנעטן
האָבן הענט מיט בעכערס אין דער לופט געגליווערט
און מיילער זיינען אָפענע פאַרבליבן?
איצט לויערט שוין אויף דיר
פון „פּאָטערס־פעלד" דער שאָטן,
עס גייט מיר אויס מיין האַרץ צו דיר!

יאַנקעוו בראָדסקי

אויף אַלע וועגן

אויף אַלע וועגן זיינען אויפגעשלאָגן צלאָמים,
קומען וואַנדערער פון איבער ווייטע יאַמים,
וועט אַ שטילע פרייד אַ לויכט טאָן זיי אין פּאָנים.

וועט אַ שטילע בראָכע איבער אַלע וועגן שוועבן,
וועט אַ שטילער כאָלעם זייער מאָרגן וועבן.

אויף אַלע וועגן זיינען אויפגעשלאָגן צלאָמים.

ברודער מיינער!
ווער וועט דיר אַנטקעגן קומען?

אויף אַלע וועגן זיינען אויפגעצויגן פאָנען,
גייט אַ וועלט אַן אויפגעפלאַמטע, ברויט און פרייהייט מאָנען,
איז אַ טרייסט פאַר יעדן איינציקן פאַראַנען.

ווען דער גרויסער טאָג וועט קומען,
וועט ער קיינעם נישט פאַרשעמען.

אויף אַלע וועגן זיינען אויפגעצויגן פאָנען.

ברודער מיינער,
ווער וועט דיר אַנטקעגן קומען?

יאַנקעוו בראָדסקי

שטאַרק ביזטו, האַר פון שוואַרצע גריבער

שטאַרק ביזטו, האַר פון שוואַרצע גריבער,
מיט דיין נאַקעט אויפגעפּראַלטן שויס, —
ביזטו דער ווינט פון אַרבעטסלאָזע שטיבער,
וואָס טרייבט די נויט פון שטוב אין גאַס אַרויס.

רייך ביזטו, ברודער מיינער ליבער,
מיט דיין קנאָכיק שטאָלענעם געביין, —
ביזטו דער שטאָלצער, אויסדערוויילטער גיבער,
וואָס זינגט דאָס ליד פון אייזן און פון שטיין.

גרויס ביזטו ברודער מיינער טרייער
אין דיין אַלטן ווייבערישן יאַק, —
ביזטו דער העלד, דער מוטיקער באַפרייער
פון צילינדער־הוט און שוואַרצן פראַק.

מיין שיף

אין זילבער ווייסן פערל־שוים
וואַרפט דער יאַם,
כוואַליעס רייסן זיך אַרויס,
ריזיק גרויס,
פאַלן מיט געשריי צוריק,
רוישנדיק —
אין זילבער ווייסן פערל־שוים.

עס גייט מיין שיף אַליין איר וועג —
נעכט און טעג.
און כאָטש עס ליגט מיין וועג ביים ראַנד
און כיוואַרט אויף לאַנד,
דאָך ניט איך צייל
ניט איך פרעג:
פיל נעכט, פיל טעג.
עס גייט מיין שיף אַליין איר וועג.

יאַנקעוו בראָדסקי

געבעט

און די
פאַר וועמען אַלע טויערן פון לעבן זיינען אויפגעפּראַלט,
די פאַר וועמען לעבנס ווערן אומגעבראַכט,
פאַר וועמען צאַר פון בענקשאַפט,
צאַר פון גלויבן, ליבע, —
איז אַ מייסעלע פון טויזנט און איין נאַכט.

די
פאַר וועמען רייפע, אויסגעבענקטע ליכטיקע כאַלוימעס,
געשריי פון בלוט,
געוויין פון יעדן גליד און ביין,
באַגער, —
זיינען בלינדע גלי־ווערים אַזוינע,
וואָס צינדן טייוועס בלויז פאַר פרעמדן לייב;

די
וואָס שטייען נאַקעט, אומריינע פאַר אונדז,
וואָס האָבן לאַנג פון זיך שוין אָפּגעטאָן
דעם לעצטן פונק,
דעם לעצטן טראָפּן בושע,
ווי געשווירן קרעציקע פון אַ גיפטיק־קלעפּיקער יערושע;

די
וואָס האָבן שוין לאַנג אויף זנוס באַדעקטע בעטן,
לענג אויס דעם לאַנד,
פון איין ברעג ביז צום צווייטן,
אין האָטעלן פראַכטיקע,
בורדעלן נאַכטיקע,
דעם לעצטן סימען מענטש אין זיך,
באַזויפענע, — פאַרשפּיגן און פאַרלאַכט;

יאַנקעוו בראָדסקי

די
וואָס האָבן אַלץ אין זיך שוין אומגעבראַכט,

העלף אונדז גאָט, —
זיי זאָלן ווייטער אויך אַזוי זיך פירן,
די זאַטע אויסגערוטע גלידער זייערע,
די פעטע, אויסגעבעטע, אימפּאָטענטע לייבער
נישט אויפהערן צו זאַלבן און צו שמירן,
פרעך און אָפן
פאַר דער גאָרער וועלט פּראָסטיטואירן,
ביז דעם לעצטן טאָג זייערן דעם וויסטן
אין גאָלד, אין איידלשטיין זיך צירן,
פּאַרפומירן זייערע געזעסן,
און אַזוי פאַרפאַנצערטע אין שטיינערנעם געוויסן, —
נישט וויסן דעם אונטערשייד צווישן טאָג און נאַכט.

דאָס אָנקומען פון יענער גרויזאַם שלאָגנדיקער מאַכט,
וואָס קנוילט און ריזלט אין געדערים ליידיקע,
וואָס שרייט אַראָפּ פון פּענימער באַליידיקטע;
יענער שטומער, טליענדיקער האַס,
וואָס שיסט אַרויס פון אויגן פול מיט סינע,
וואָס שוימט אַראָפּ פון ליפּן בלייך פון קינע,
וואָס פלאַקערט אויף אין אונדז מיט יעדן קלעם,
מיט יעדן שאַרפן מעסערדיקן שניט,
מיט יעדן שניידנדיקן הונגער קראַמף, —
ווי דער אויפבראָך פון אַ קאַלטן האַרבסטיקן פּאַרטאָג
נאָך אַ לאַנגער, וואַנזיניקער וואָגל נאַכט,

ה. גאָלדאָווסקי

בויל הייטס *)

עס פּלייסט זיך ווינט מיט ווינטעלע ביי דיינע ראָגן:
„לאָמיך דאָס קוישל איבערקערן!" — „ניין איך וועל איבערקערן!"
און ברענגט אָנטקעגן מיר דעם ווינט צעטראָגן
אַן אויסטויש פון מאַראַנצן, צימערינג און הערינג.

ווערט גוט דעם האַרץ פון אידיש־רייד און זידל,
איז עס מעקאַנע אויערן — די ערשטע רייד צו הערן.
שפּילט יעדעס פענצטער אויף פאַר מיר: ווער פּיאַנע און ווער פידל
אין אויסמיש פון מאַראַנצן, צימערינג און הערינג.

— אָט דאָ בין איך—און—איך בין דאָ—צעמאָלט אויף אַלע דראָכים.
עס גאַרן באָסער־קאָשער־שילדן שאָלעם אַלייכעם הערן.
בויל הייטס אין וויי ט סטן מיירעוו־לאַנד אין שטאָט פון „די מאַלאָכים",
אַן אויסמיש פון מאַראַנצן, צימערינג און הערינג.

---

*) די אידישע געגנט אין לאָס ענגעלעס.

ה. גאָלדאָווסקי

דער סעסמאָגראַף

דיין אונטערערדישע קאָנוואולסיע קריצט זיך איין
אין מיר, דיין סעסמאָגראַף, אוי, וועלט!
צעציטערן זיך מיינע רערן אין דער טיף
און צייכענען מיט בלוט אַ נייעם מין באַשאַף,
וואָס בייט זיין אויסזען מיט יעדן בלוטנטריף.

איך קען עס ניט,
איך האָב ניט פאַר דעם קיין קלאַנג, קיין נאָמען.
נאָר כ׳זע און פיל אַז שוואַנגער ביזטו, וועלט,
אַז אויפגעגאַנגען איז אין דיר אַ צאָרן
און האָט זיך אין דיין טראַכט צעצעלט.

עס לעכערן מיין אויער קינפטיקע געבורט־געשרייען.
איך טרינק זיך אין אַן אָקעאַן פון אַשנדיק בלוט.
איך בין דיין סעסמאָגראַף. איך רעגיסטריר די שאָ פון ווייען,
ווען קומען, וועלט, וועט דער וואָס אין דיין טראַכט נאָר רוט.

ווער מיר זיינען

היטלער זיינען מיר, און פיטערער און שניידער,
מיר אַרבעטן מיט נאָדל און מיט שער.
נאָר ווער עס זעט, דער ווייס: מיר זיינען שלייפער —
מיר שאַרפן שפיזן, פייל און שווערד.
פאַרבער זיינען מיר, און בויער און סטאָליאַרעס.

מיר אַרבעטן מיט באַרשטן און מיט זעג.
נאָר ווער עס זעט, דער ווייס: מיר האַקן ביימער
דורך דזשאָנגל־וואַלד צום ברייטן וועג.

און שוסטער זיינען מיר, און קלאַפּן אונטער
מיט האַמערס אייזערנע אויף הילצערנעם קאָפּיל,
און וועקן: — העי, דו, שנעלער שפּאַן און מונטער!
עס טאָגט! ס׳ווערט נענטער צום ציל! —

ה. גאָלדאָווסקי

עי, שיף

— עי, שיף, געפּאַנצערטע אין מיטן יאַם
אויף זילבער־בלויע וועגן,
וואָס ברענגסטו מיט זיך פון דער וועלט
צו אונדזערע פּעטע ברעגן?

— געלאָדן האָט מיך שווייס און וויי.
איך פיר פון אייערטוועגן
אַ קלאָג וואָס שפּרייט זיך אין דער וועלט,
ביז אייערע פּעטע ברעגן.

— עי, שיף, געפּאַנצערטע אין מיטן יאַם,
ניט דיר אָן אונדזערע ברעגן!
מיר גיבן דיר אַ פולע העלפט
פון אונדזער גרויס פאַרמעגן!

— באַהאַלט פאַר זיך וואָס איר פאַרמאָגט!
איך וועל זיך גלייך באַוועגן.
עס פירט מיך אַ געהיימע האַנט
צו אייערע פּעטע ברעגן.

עי, שיף, געפּאַנצערטע אין מיטן יאַם,
אויב ניט פון אונדזערטוועגן —
מייד אויס צוליב די קינדערלעך
אונדזערע פּעטע ברעגן.

— נאָר איר וועט אומקומען אין שרעק,
אויף אייערע פּעטע ברעגן.
דער יונגער דאָר מיין אָנקום פילט
און יואוולט מיר אַנטקעגן.

עטל גאָלדבערג

אין שאָלעם פון מיט־זומער

שפּילעוודיקע פאַרב צעגליאונג, שטורם רעגע פון פאַרגיין,
צאַרטע, קילע מאַמע־הענט פאַרשפּרייטע אין אַ מאַמעס טפּילעדיק געוויין

האָט אַ נאַכט אַ ווייסע זיך צעוויקלט און געעפנט ווי אַ ליליע.
ליגט מיין האַרץ אין שאָלעם פון מיטזומער אַ באַרוטע און אַ שטילע.

ווי דעם פויגלס פרילינג־רוף אויף אויפגעלעבטע צווייגן,
רעגנט איבער מיר די שטילקייט פון אַ הימל — לויטער שווייגן.

זילבער גרינלעכע לעוואָנע שיין פאַרטריקנט דאָס ברוך פון
אָפּגענאַרטע טאָג־באַגערן.
איבער דעכער דאָרפישע צעשפּרייט דער אָוונט הויפנס ווייסע
ציטערדיקע שטערן

באָרוועסע, ניט איילנדיקע טריט בראָדיען איבער פייכטע גראָזן,
און אַ ווינטל האָט דעם רייעך פון ליליען קיל אין מיינע הענט געלאָזן.

שאָלעם־שאָ פון זיך און אַלץ דערקענונג. גאָט אָן לעסטערונג פון רייד...
כיהער ווי פעלדער פולע רייפן זיך אין טרויער פון דער עכסטער פרייד...

עטל גאָלדבערג

שטומער מישפּעט

דו וועסט שווייגן —
אָבער אין לאַנגע שנייאיקע פאַרטאָגן
וועלן זיי, די ניט געבוירענע,
צו מיר דיינע שטומע טיינעס טראָגן;
זיך ציען פון דער ווייטער אור־צייט
איבער באַפּרוכפּערטע דווירעסדיקע שוועלן,
און איינציקווייז —
זיך איבער מיין צוקאָפּנס שטעלן.

דו וועסט שווייגן —
דאָך איך וועל אין דיינע רייד, די ניט דערערדטע,
מיט פאַרמאַכטע אויגן אינדערפינצטער זיי דערקענען, —
די קינדער אונדזערע, די ניט געבוירענע,
די קליינע פאָרמלאָזע אַטאָמען,
וואָס וועלן קומען אין מיין שטרויכל־שאָ,
ביי מיר אַן ענטפער מאָנען:
פאַרוואָס איך האָב פאַראומערט דיר דיין שטוב;
די נאַכעס־שאָען דיינע אומגעבראַכט,
און דיך, דעם אומעטיקן —
פאַר אַ לעצטן פון דיין דאָר געמאַכט.
וועלן אונטער אָט דעם נאַכטיק־שטומען מישפּעט
זיך צעפאַלן מיינע אויסגעטראַכטע געטער . . .

ווי אַ טויב אַ ניטדערקוילעטע
מיין לייב וועט אונטער זיבן פיינען קלעמען
און צום ערשטן מאָל —
פאַרן אָנקום פון טאָג זיך שעמען.

אַ פרימאָרגן וועט אין פענצטער קוקן באַנג און גרוי —
און דו וועסט שווייגן.

בּאָרעך גאָלדהאַרט

אַ פייער אַ פאַרצערנדיקער

אַ פייער אַ פאַרצערנדיקער ברענט אין מיינע ביינער,
דערפאַר־אָ הילכט אַזוי מיין קאָל און ווילדעוועט מיין וואָרט;
דעריבער: וואָלפיש־בייז די אויגן מיינע, כאַלעף שאַרפע מיינע ציינער,
דערפאַר — מיין אומרו אומעטום; ניטאָ פאַר מיר קיין אָרט.

אַ פייער:
אָט צעצינדט מיך,אָט פאַרלעשט מיך,און אָט ברענט אין מיר שוין ווידער
אַ שטראָף אויף מיר, אַן אייביקע אַזאַ, וואָס פרעסט מיך אויף;
אָט פיל איך זיך דערהויבן אין עקסטאַז פון גליענדיקן גלויבן,
און אָט — אַ פאַל,
אַ קאַלטער פראַל,
אַרונטער, ביז דער נידער.

אַ פייער:
ווי אַ נייער שייער פול מיט פרישן ווייץ און קאָרן,
אָט אַזוי בין איך אַצינד אין פריען־רייפן זומער פון מיין בינטל יאָרן;
איך ווער דערדריקט, דערשטיקט פון היץ און דאָרשט:
לעבן, נעם מיך צו אין דיינע מילן,
כיוועל דיר אָפּגעבן די צאַרטע נערוון מיינע און געפילן;
לאָז מיך איינמאָל נאָך דערפילן
ווי עס ראָלן זיך,
און מאָלן זיך
צעמאָלן זיך
די יונגע ביינער מיינע,
אויף די הייסע שטיינער דיינע.

אָ, פייער מיין פאַרצערנדיקער:
צו עפעס — זיין אַ ציל אַ קערנדיקער;
קעדאַי פון עפעס — גאָרנישט ווערן,
קעדיי אַליין זיך ניט פאַרצערן.

לעבן, נאַדיר מיינע בריענדיקע ביינער,
נעם און וואַרף זיי אויף דער שאַרף פון דיינע שטיינער.

אָדאָם נאַקעט

שאַנד

איך שעם זיך אייך צו קוקן אין די אויגן:
מיין בליק איז הונגעריק און מיד;
מיין קאָפּ — פון זאָרג אַראָפּגעבויגן,
מיין לעבן — ווי אַ בעטלערס ליד.

און איר — צעזעצט אין ברייטע שטולן —
איר האָט אי ברויט, אי רוס,
און כוצפּע, אין אַ בויך אַ פולן, —
איר שעמט זיך ניט צו זיין אויך דוס.

אָ, וואו זאָל איך מיין שאַנד באַהאַלטן,
ווען איך באַגעגן אייער בליק;
די בושע קריכט פון אַלע שפּאַלטן
און ווייזט מיר אָן אויף אייער גליק.

יאָם האַדין

דער יאָם האַדין, ער גייט. ער קומט מיט בליץ און פייער,
ער פאַרבט זיין וועג אין רויט;
עס קראַכט די וועלט, די אַלטע, — פאַר אַ וועלט אַ נייער, —
פאַר די וואָס האָבן ניט קיין ברויט.

אַ מאַבל וועט זיך לאָזן אויף די סדוימס און די אַמוראָס,
— געבויט פון דוירעס לאַנג אויף רויב; —
און פאַלן וועלן אַלע פאַלשע טוירעס,
דער געץ פון גאָלד וועט ווערן שטויב.

באַרעך גאָלדהאַרט

עס שטראָמט דער צאָרן־מאַרש פון הונגער־באַטאַליאָנען,
און שוועבל בליצט פון טראָט און בליק;
עס שפּאַנט דער טאָג פון דין אויף אַלע דינער פון מאַמאָנען,
און ווײ צו די וואָס קוקן אויף צוריק...

גוירל

דו האָסט מיך ליב, — איז נעם מיך ווי איך בין
מיר קאָנען קעגן גוירל זיך ניט ווערן;
אַמאָל ביסטו די פליג און איך — די שפּין,
און איינער מוז אַן אַנדערן צעשטערן.

אַן אַנדערס מאָל בין איך די פליג,
איך פלי און פאַל אין דיינע שפּין געוועבן;
און מיר איז ליב און זיס דיין זיג:
ס׳איז רייץ און קאַמף און לעבן.

קייטן

מיר האָבן זיך באַפרייט שוין פון דער פייערדיקער אומרו,
געבליבן זיינען אונדז די קייטן פון דער קאַלטער רו;
מיר זוכן עפּעס. זוכן עפּעס איינער אינם צווייטן,
נאָר איך בין — איך. און דו ביזט — דו...

פונוואַנען האָט זי זיך גענומען, יענע אומרו?
און וואוהין איז זי אַצינד אַוועק?
פאַרוואָס האָט אומרו ווי אַ מאַמע אונדז געוויגט אין אירע אָרעמס,
און רו איז קאַלט, און ווי אַ גאַזלען וואַרפט זי אָן אַ שרעק?...

מיר זוכן עפּעס, זוכן עפּעס איינער אינם צווייטן,
נאָר איך בין — איך. און דו ביזט — דו;
מיר בענקען נאָך דער אומרו פון די פייערדיקע קייטן,
און בלייבן אין די קייטן פון דער קאַלטער רו...

ליבהאָבעריי

ניטאָ קיין ליבע היינט, מיין פראַנט; דאָס וואָרט איז אַלט, באַנאַל,
פאַראַן בלויז מאַן און פרוי — געשלעכט;
דערשמעקסט אַ קאָשער לעמעלע — ווער האַר: פאַרנאַר, באַפאַל
און, אָן אַ בראָכע — נעם און שעכט.

אַ שיינע בסולע ליבט דיך — גוט. נאָר זאָג איר ניט דעם האַריי־אַט.
וואָרט צו: אָט קומט אַן אַנדערער, אַ „יאָלד," און שפּאַנט אַריין אין יאָך;
און דאַן, באַווייז זיך דו: אַ העלער העלד, אַ יאַט, אַ כוואַט,
און ווער איר ליבהאָבער — געהיים — דערנאָך.

נאָר אויב דאָס ווייב איר היים פאַרלאָזט און קומט צו דיר
און זוכט ביי דיר אַ האַרץ — אָ, דאַן:
ווער הייס און בייז און קאַלט און האַרט און זאָג צו איר: —
איך בין אַ ליב האָבער — מיין לעמעלע, נאָר ניט קיין מאַן.

שירים פון פאַרדעס

ניגע לידער אין אידישלעכן לעגענדע־טאָן

א. — באַרויגעז

קאַפּריזנע דו: נו, האָב מיך ליב און שפּיל מיט מיר באַרויגעז,
און יאָג איך זיך נאָך דיר — אַנטרין, פאַרשווינד פון מיר;
גערעכט: אַ ליבע, ניט מיט כאַוולי ליידע — עך, וואָס טויג עס?
איז: קום איך צו דיין הויז — פאַרהאַק די טיר.

און זיד פון קאַס און ברען פון האַס און ליב מיך ביז צו מעשוגאַס,
נאָר ניט אַנטפלעק: איך טאָר ניט וויסן — גאָרניט;
איך וויל דיך זען אָט ווי געוועזן: אַ בלאָנדע; אויגן בלוי און באַקן בלאַס —
און שפּאָרן דיך: ניט רירן — אויף קיין האָר ניט.

אַ מאָקעם קאָדעש איז דיין איינזאַם מיידל־צימער,
דיין האַרץ — אַן אָרן קוידעש, ניט באַפלעקט;
עס שוועבט פון שכינע דאָרט אַ שימער, אימער:
אַ ריינקייט אין מענטעלע — פאַרדעקט.

און איך — אָט ערשט אַ דינער צו אַוואוידע זאָרע,
און שוין — איך לויף זיך אויסקויפן פון זינד;
איך דאַרף נאָך פריער אָן אַ שיער סליכע און קאַפּאָרע,
און ניי געבוירן ווערן — ווי אַ קינד.

איז: שפּיל באַרויגעז — פלאַם און פייער :
זאָל צאָרענען אויף מיר ווי בליץ — דיין בליק;
דו ווערסט מיר ליבער נאָך, און ווי אַ סייפער טוירע — הייליק־טייער,
און יעדער אָס — אַ רעמעז אויף אַ שפּעטער־לויטער גליק.

ב. — מאַטן - ליבע

דער סיניי־באַרג האָט אין דער הויך געוויקלט זיך אין רויך־טומאַנען:
אויף אונטערטאַנען, אונטן, אָנגעוואָרפן מוירע;
נאָר מוישע הויבט זיך אויף: אַרויף, אַריין אין די וואולקאַנען,
אַ שטאָלצער טראָט: צו האָרכן צען געבאָט פון בוירע.

יעהאָוואַ בויערט אין די אויערן זיין ערשטן־לעצטן פון געזעצן:
עכאָד בין איך; איר זאָלט מיך ניט פאַרבייטן.
ער צאָרנט און ער בעט זיך: מאַכט אייך ניט קיין געצן,
געדיינקט נאָר מיך, פון נאָענט און פון וויטן.

פאַר דיר—איך שטיי ווי סיניי, הויך. דערפאַר—דיין פאַכעד און דיין סינע:
דו ציטערסט — טאָמער וועט דער באַרג אינגאַנצן דיך צעדריקן;
נאָר איך — מיט זיך אַליין, בין שוואַך און קליין ווי קינע:
איך גיב אַוועק מיין בלוט פאַר איינס פון דיינע בליקן.

איך רוף דיך אָן מיט הונדערט פלאַמענדיקע ליבע נעמען,
און טויזנט ליידנשאַפטן בושעווען ביי מיר אין האַרץ:
באַשער מיר, מאַכטיקער, אין דונערשטורעם — זי צו נעמען.
דערנאָך: איר אָפּגעבן מיין האַרץ — אַ רואיק צאַרטס.

נו, שרעק זיך ניט — איך שטורעם דיך, ווי מיטן־יאַם — די ווייטע ברעגן,
איך וויל דיך, ציל דיך: אָט־אָט־אָט פאַרכאַפּן און פאַרפּלייצן;
נאָר דו, אָ, קום אין רו, פון אַלע וועגן: מיר אַנטקעגן,
און נעם מיך אויף, און לייז מיך אויס — אין שויס פון דיינע רייצן.

באָרעך גאָלדהאָרט

ג. — אין דיינע כיינען נעצן

איך האָב דיר אין אַ בריוועלע געשיקט מיין לעבן,
פאַרוואָס זשע האָסטו מיר קיין ענטפער ניט געגעבן?
דיין שווייגן גיסט מיר אָן דאָס האַרץ מיט פיין,
און טרויער רוימט מיר איין אין אויער: וואָס וועט זיין?

אין דיינע כיינען־נעצן ליגט מיין זיין געפאַנגען.
דיין נאָמען איז מיין ניגון פון געזאַנגען;
דיין קאָל איז קיל און פריש ווי וואַסער פון אַ טיפן קוואַל,
דיין וואָרט איז הייס און לויטער ווי אַ זומערדיקער זונענשטראַל.

איך הער דיך רעדן און דיין יעדע זילב איז ווי אַ יונגע זאַנג:
צו אויפגיין גרויס און קערנדיק איז איר פאַרלאַנג;
איך הער דיך רעדן: שווייג איך. האָרך זיך איין,
און איך אַליין גיי אויף אין דיינע רייד — מיט פרייד און שיין.

דו קוואַל, מיין קוואַל. מיין פרישער, טיפער צויבער־קוואַל:
אַ דאָרשטיקער, פאַרכאַלעשטער, איך טו צו דיר אַ פאַל,
און מיינע גלידער גליען ווי פאַרשמאַכטע צווייגן —
אָ, טרינק מיך אָן מיט הייסער רייד, נאָר ניט מיט קאַלטן שווייגן.

ד. — די ווערטער פיר

איך האָב דיך ליב.

די ליפּן מיינע ציטערן בעשאַס זיי פּליסטערן די ווערטער,
די ווערטער פיר, וואָס גאָט אַליין האָט זיי מיסטאמע אויך געזאָגט צו זיין באַגערטער.

איך האָב דיך ליב.
נאָר דו, מיין טייערע פאַרגיב:

פון דיינע נאַכטיק־שוואַרצע אויגן לויכטן דאָך אויף מיר אַזויפיל זונען,
נאָר איך — מיין קאָפּ איז האַלב געבויגן, האַלב געהויבן,
איך קאָן זיך גאָרניט גלויבן,
אַז איך האָב אַ יונגן מאָרגן אין מיין מיטן העלן טאָג געפונען.

פאַרגיב, מיין טייערע, פאַרגיב:

דו ליגסט אין מיינע אָרעמס פרעמד־פאַרשעמט, דאָך ווי דאָס לעבן ליב און אייגן.
נאָר איבער מיר אַ טויהו הויערט; ווערטער וואַנדערן
אָפּגעריסן איינס פון אַנדערן,
אין כוישעך שטום—זיי זוכן זיך אַרום, זיי דאַרפן זיך אין וועלטן ערשט צוזאַמענלייגן.

איך האָב דיך ליב —

ווי שיין די ווערטער קלינגען דאַן ווען טאַט איז דער באַגלייטער,
ווייל וואָרט אַליין איז נאָר ווי שטאַפּל אויף אַ לייטער.
איך וויים, דו גאַרסט און וואַרטסט אַז דער וואָס האָט געזאָגט די ווערטער פיר,
זאָל וועלטן שאַפן און זיי ברענגען צו דיין טיר.

אָ, גאָט, פאַרלאָז מיך ניט אַצינד,
איך שטיי פאַר דיר — אַ הילפלאָז קינד
און בעט:
סיי פרי, סיי שפּעט,
גיס אָן מיין בלוט מיט מוט ווי אייזן,
פון הוילע נולן מוז איך נאָך אַ פולן נעס באַווייזן.

און דו, מיין טייערע, פאַרגיב —
איך האָב דיך ליב.

ל. גאָרעליק

אָנהויב זומער

האָט אַ ליכטיקער פרימאָרגן
זיך צעשמייכלט צו דער וועלט,
געוואַרעמט און געקושט
דאָס אויסגעשפּרייטע פעלד,
ווי אַ סאָלדאַט
וואָס קומט פון לאַנגן דינסט אַהיים,
פאַרביינקט צו זיין פאַרביינקטער ווייב,
קושט און ברענט זיך איין מיט ווילדקייט אין איר לייב.
האָבן בראָכעס זיך גענומען שיטן אַפן פעלד,
געטראָגן און געשפּרייט
פון גלעטנדיקן ווינט,
ווי די בראָכעס וועלכע שוועבן
פון אַן אַלטן טאַטנס אויגן צו זיין טאָכטערס טראַכט
וואו עס וואַרעמט זיך אַ קינד,
אַן אייניקל פאַר אים;
האָבן פויגעלעך געזונגען און געטאַנצט:
ווי גוט און וואויל איז אונדז,
די ערד איז מעבערעס!

ל. גאָרעליק

די באָבע מיטן זיידן

קוקט דער זיידע אויף דער באָבען
און טראַכט:
אַזאַ גוטע ווייב,
אין דער יוגנט אַזוי שיין געווען...
און איצט?
דאָס פּאָנים געל, צעקנייטשט —
נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר,
וועט מוזן גיין...
איך וועל אויף דער עלטער בלייבן עלנט.
ווער וועט מיר דאָס עסן אויפקאָכן?
אַ העמד פאַרריכטן?

קוקט די באָבע אויפן זיידן
און טראַכט:
אַזאַ גוטער מאַן, אַזאַ טאַלמעד כאָכעם,
אַזאַ ערלעכער און פרומער.
באַלד —
נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר,
וועט זיך מוזן אָפּשיידן פון מיר...
וועל איך אויף דער עלטער בלייבן אַן אַלמאָנע, ווי איז מיר!
ווער וועט פאַר מיר שאַבעס קידעש מאַכן?
די סעדרע מיר פאַרטייטשן,
דעם פּיירעק און דעם הייליקן עין־יאַנקעוו לייענען ?
וויינט די באָבע —
וויינט דער זיידע —
— וואָס זשע וויינסטו באָבע?
— אָט, אַזוי—דאָס האַרץ איז מיר עפּעס שווער געוואָרן...
— וואָס זשע וויינסטו דו, זיידע?
— אָט, איך זע דו וויינסט — —
באַהאַלט די באָבע איר צוקנייטשטן פּאָנים
אינים זיידנ'ס באָרד און שווייגט.
זידן אירע טרערן אויף זיין באָרד
און זיינע — אויף איר שטערן.
נאָר צוזאַמענמישן ווילן זיי זיך ניט.

ל. גאָרעליק

סעלעסטינאַ

די קליינע סעלעסטינאַ
וואָס איז ערשט אַלט געוואָרן עלף יאָר,
האָט ערגעץ אַ גאָלדן קייטל
פון אַ ווייסן, פודל צוגענומען.
שטייט דער הויכער, רויטער, פאָליציי־שעף,
רעדט צו איר מיט האָניקדיקע רייד
און פרעגט:
„זאָג מיר, סעלעסטינאַ טייערע,
וואו און ווי אַזוי האָסטו דאָס קייטל צוגענומען?"
נאָר סעלעסטינאַ
קנייטשט אַקשאָנעסדיק דעם שטערן,
בליצט אויף אַלעמען מיט פייערדיקע בליקן
און רעדט קעסיידער איינס:
די ליידי האָט דאָך נאָך צירונג אַסאַך,
קען זי אויף איר פודל דאָך אַן אַנדער קייטל אָנטאָן —
און איך האָב ניט מיט וואָס צו שפּילן זיך —
מיין ברודערל,
דאָס אינגעלע וואָס איז ערשט דריי יאָר אַלט,
האָט לאַנגע האָר, געקרויזטע ווי אַ פודל
און אַ פּאָנימל אַ קלאָרס,
מיט אַ פאַרריסן נעזל,
לויפט ער אום אין אונדזער קעלער־שטוב
אַ באָרוועסער אין אַ צעריסן העמדל
— זעט זיך סינאַקעט לייבעלע אַרויס —
און פירן אים איבערן שטוב;
דאָס קייטל אָנטאָן אויף זיין האַלדז
האָב איך געוואָלט
ווי די ליידי פירט דאָס ווייסע הינטל,
זאָל ער נאָכלויפן נאָך מיר אויף אַלע פיר
און מאַכן האַוו! האַוו!
וואָלטן מיר אַביסל שפּאַס געהאַט,
וואָלטן מיר זיך ביידע אָנגעשפּילט —
איך די ליידי, ער — דאָס קליינע, שיינע הינטעלע;

וואָלטן מיר זיךביידע אַזוי אָנגעלאַכט —
מיין בייזע, בלייכע מאַמע
— וואָס בייזערט זיך אויף מיר
ווען נאָר איך בעט אַ קליידעלע,
אָדער אַ פּאָר שיך —
וואָלט מעסטאַמע אויך געלאַכט.
וואָס־זשע האָט מען מיך געבראַכט אַהער?
און דאָס קייטל ביי מיר צוגענומען?

האָט דער הויכער, רויטער פּאָליציי־שעף
זי געפירט דורך לאַנגע שמאָלע קאָרידאָרן,
האָט די קליינע סעלעסטינאַ
אים באַקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן
און ראַכמאָנעס בעטנדיק
געשמייכלט.

מיין טאָג

כיהאָב ליב מיין טאָג.
באַפריי איך זיך
אַלע אינדערפרי פון די פיר ווענט
וואָס באַהאַלטן מיך
אין היימישער אומהיימלעכקייט;
לויף איך אום אַ גאַנצן טאָג אין גאַס,
בייט אויס שטיקער פון מיין טאָג
אויף אַ שטיקל ברויט,
אַן אָנצוג, אַ פּאָר שיך,
ליידיקט ביסלעכווייז זיך אויס ביי מיר דער טאָג
און ווי אַ שיקער האַלט ביים האַלדז
אַן אויסגעליידיקט פלאַש,
פון וועלכער ער זוכט אַ טראָפּן אויסצוזלעקן,
אַזוי האַלט איך דעם טאָג
ביי זיין שוואַרץ ביינעוודיקן, מעלאַנכאָלישן פּאַרנאַכט;
ביז עס קומט די נאַכט און שפּרייט איך ווייכן בלויען שאַל
איבער מיין אויסגעליידיקט האַרץ.

ל. גאַרעליק

דער מוסקולירטער ריז

ס׳וועט באַלד דער מוסקולירטער ריז
אַ הויב טאָן הויך זיין קאָל.
און ס׳וועט זיין קאָל אַ טראָג טאָן זיך
אַריבער דאָרף און טאָל.
וועט איך דאָך שוין דערהערן אים
און וויסן אַז ער קומט.
און וויסן, אַז ווי ביי אַ לייב,
זיין צאָרן אין אים ברומט.

אַ צאָרן, וואָס האָט דורעס לאַנג
זיך אָנגעגליט ביז רויט,
פאַר וואָס איך האָט אַוועקגערויבט
זיין הויז, זיין קלייד, זיין ברויט.
דער צאָרן וועט צעפלאַמען זיך —
אַ ברענענדיקער טייך,
עס וועט דער טייך מיט כוואַליעס האָס
אַריבער איבער אייך.

ס׳וועט אייער פעסטונג אומפאַלן
פון ברויזנדן וואולקאַן,
וואָס איז צעצונדן אונטער איי׳
אויף יעדן טראָט און שפאַן.

אויף אייער וואַנט שוועבט לעניניס האַנט
און שרייבט אייך אייער סאָף;
איך וועט בייטאָג נאָר זען שוואַרץ
און זעען רויט אין שלאָף...
איך וועט דעם מוסקולירטן ריז
דערזען אין זיין מאַכט
אַז ווי וועט זיין צו דעם, וואָס האָט
פון אים זיך אויסגעלאַכט!

אינדיאַנער זומער

ל. גאָרעליק

טעג.
טעג.
טעג.
אַך, ס'אַראַ טעג!
וואַרפן זיך מיט גאָלד.
יעדן פעלד, יעדן דאָרף,
יעדער שטאָט אַ זשמעניע גאָלד;
אפילע דער פאַררויכערטער שיקאַגע.
נאָר די הונגעריקע, אָפּגעריסענע וואַלגערן זיך אויף די גאַסן:
מעדיסאָן, קאַנאַל און דזשעפערסאָן
קאָנען פאַר דאָס גאָלד קיין ביסן ברויט ניט קויפן.
טעג.
טעג.
טעג.
טעג וואָס פילן אָן דאָס האַרץ מיט
קאַמף און זינגענדיקער פרייד,
אין אַזעלכע טעג
וואָלט גוט געווען:
אַ הויב טאָן זיך,
אַ נעם טאָן זיך
און אָנהויבן אַ כוואַליענדיקן גאַנג,
פון מעדיסאָן, קאַנאַל און דזשעפערסאָן,
דורך דירבאָרן, סטייט און מישיגען בולוואַר,
צו „לייק שאָר דרייוו."
אונטערפירן דעם סאַכאַקל דאָרט
פאַר אַלע הונגעריקע טעג,

ל. גאַרעליק

פאַר נעכט — אויף טראָטואַרן אויסגעמאַטערטע,
פאַר קאַליקעס מיט פענימער צעפייניגטע,
וואָס שטייען דאָרט אויף רעדלעך אַשטאָט פיס
וואָס שטייען דאָרט אויף רעדלעך אָנשטאָט פיס
פאַר קינדער אָפּגעריסענע, פאַרכוישעכטע,
מיט אויגן פיבערדיקע נאָך אַ טראָפּן מילך !
און די טעג
געצוואָגענע, פאַרקאַמטע,
זאָלן העלפן אויסגלייכן
די טראָטואַרן:
וואו מיוואַלגערט זיך די נעכט
אויף שטיין מיט צייטונגען פאַרבעט,
מיט יענע —
וואו פרויען אויסגעכאַליעטע, פאַרצערטלטע,
שפּאַצירן אום מיט ווייסע פודלס אויף די הענט.
און מיליאָנען הערצער,
אויפגעברויזט מיט זיגערישער פרייד,
זאָלן זיך אַ נעם טאָן פאַר די הענט
און אַ שטורעם טאָן אַ ליד
פון פריידיקער באַנייאונג,
אַז די זיילן פון דער וועלט זאָלן אַ ציטער טאָן.
אין אַזעלכע טעג,
טעג, טעג,
טעג וואָס וואַרפן זיך מיט גאַלד —
אַך, ס׳אַראַ טעג!

ל. גאָרעליק

מיר זיינען גרייט!

וועלף!
שוין איבער דרייצן יאָר איז אַלט דאָס לאַנד
וואָס ראַנגלט זיך מיט אייך
און לאָזט זיך ניט פאַרצוקן.
קריצט איר אייערע צעפּוילטע ציין,
מיט פאַספאַר אויגן האַלט איר אין איין קוקן
אויפן לאַנד וואָס ווערט אַלץ שענער און געזינטער.
וועלף!
מיט די מיילער קעגן דער לעוואָנע,
פאַרגייט איר זיך אין גאַווערדיקן וואָיען;
בויגט איר איין אייערע קלויען, גרייט צום לעצטן שפּרונג.
וועלף!
פאַרצוקן ווילט זיך אייך?!
און נאָכדעם זיך צעטיילן מיטן רויב?
און פאַר דעם בעסטן ביילעק רייסן זיך צווישן זיך?

וועלף!
ערט אויס:
די אויגן זיינען אָפן
און היטן אייער יעדן טראָט צו אים!
ס'איז אונדזער לאַנד — סאָוועטן־לאַנד!
מיר הויבן אַלע אויף איין מוסקולירטע האַנט —
מיר, די אַרבעטער פון גאָרער וועלט,
שטעלן אויף אַ וואַנט
פון פלייש און ביין —
פון אַקסלען, קעפּ און הערצער
אָנגעגליט ביז רויט!
מיר וועלן פאַרטיידיקן
מיט נעגל און מיט ציין!
עס האָט געלערנט אונדז די נויט,
קעגן אייך צו גיין אויף לעבן און אויף טויט!
וועלף!
מיר זיינען גרייט!

ל. גאַרעליק

דאָס ליד פון דזשעקסאָן דעם נעגער

איז דזשעקסאָן געגאַנגען אויף סטייט סטריט פאַרנאַכט,
באַגעגנט אַן אַלטינקן נעגער:
כיבין הונגעריק זיידע, וואו נעמט מען אַ ברויט?
וואו נעמט מען אויף נאַכט אַ געלעגער?

איך קום פון דער סאַוט, געגאַנגען צו פוס,
אין רעגן, אין היץ און געפאַרן;
געציטערט: אָט וועט מען מיך כאַפּן אין וועג,
אָט וועט מען אין טפיסע פאַרשפּאַרן.

געהערט האָב דאָרטן אַז אין שיקאַגאָ
אַ נעגער קאָן אַרבעט געפינען;
אַז דאָ אין די שלאַכט־הייזער קריגט מען אַ „דזשאַב,"
כאָטש אויף צו עסן פאַרדינען.

נו, בין איך געקומען, געשטעלט זיך ביים טיר,
געבעטן מיט ליפּן און אויגן:
געבעטן אַ „דזשאַב" און כיהאָב מיך אינגאַנצן
גענומען האַכנאָעדיק בויגן.

מיהאָט מיר געענטפערט: קיין „דזשאַב" איז ניטאָ,
אַפילו אַ וויסן צו געבן —
צו ווייסטו ניט זיידע, וואו קאָן איך איצט גיין?
וואו נעמט מען כאָטש היינט אויף צו לעבן?

געלאָזן אַ ווייב מיט אַ קינד אין דער היים,
געוואָגלט אַליין דורך די שטאַטן —
די ווײנען מיסטאָמע און בענקען אַזוי:
נאָך מיר — דעם פאַרדינער... און טאַטן.

מיין ווייב איז דאָרט איצטער ביי ווייסע אַ דינסט —
די איז אַ מולאַטקע אַ שיינע:
אַ פּאָנים פול כיין, מיט אַ פלאַמיגן בליק,
די פיס אירע — פיינע און קליינע.

נו, קריכן דאָרט ווייסע כאַזיירים צו איר —
זיי האַסן אונדז נעגערס ווי שפּינען;
נאָר ווילן אַ שיינע מולאַטקע וואָס זאָל
מיט אַלצדינג זיי קאָנען באַדינען...

מיזאָגט דאָ געפינען זיך ווייסע, אַזוינע
וואָס קעמפן אַנטקעגן דעם רייכן;
זיי האַסן אונדז ניט און זיי האַלטן מיט אונדז
אַזוי ווי מיט זייערס אַ גלייכן...

אַ מענטש

העי! אַ וואָרע מאַכט!
עס גייט אַ מענטש!
אָט גייט ער אויף די טרעפּ,
עס שלעפּן זיך די פיס ווי אָנגעשוואָלענע,
די טריט — ניט זיכערע,
די באַקן איינגעפאַלענע,
האַלטן — סטאַם אַזוי אויף זיך פון יוצא וועגן —
אַ נאָז אַן אויסגעצויגענע,
אַ שפּיציקע, אַ בלייכע;
די אויגן — פיבערדיקע, טרערנדיקע.
קומט אַריין אין רעסטאָראַן דער מענטש
אַן איינגעקאָרטשטער אין זיך,
מיט אַ קאָפּ אַראָפּגעלאָזענעם,
(ווי ער וואָלט פּלוצלונג ווערן קירצער מיט אַ קאָפּ)
שטייט און וואַרט —
וואַרט און שטייט —
וואָס וויל אַ מענטש?
אַ מענטש איז הונגעריק!
שוין דריי טעג ניט געגעסן האָט אַ מענטש!
העי איר זאַטע אָפּגעפרעסענע
אויסגעכאַליעטע.
פון לייקשאָר דרייוו!
פון מישיגען בולוואַר!
און פון אַלע לוקסוס ווינקעלעך אייערע!
טוט זיך אָן אין שוואַרצע פראַקן!
מיט אייערע צילינדערס אויף די קעפּ,

ל. גאָרעליק

מיט די נאַפּקעס אייערע פאַרפּוצטע, ביי די זייטן,
היינגט אָן אויף זיי דאָס אָנגעגרויבטע צירונג!
גיט זיי ווייסע פודלס אויף די שויסן!
זעצט אַריין זיך אין אויטאָמאָבילן!
קומט אַהער און קוקט
ווי עס עסט אַ מענטש,
וואָס האָט דריי טעג שוין ניט געגעסן!
ווי עס עסט אַ מענטש,
אויסגעבעטלט ברויט,
אין אַ לאַנד פון לוקסוס און פון גליק!
פון מיליאָנען דאָלערדיקע טורעמס
וואָס ער האָט אויסגעבויט פאַר אייך —
אין אַ שטאָט פון סוויפט ענד קאָמפּאַני,
ראָזענוואַלד און ריגלי,
מעיאָר סערמאַק און קאַפּאָני,
נעמט זיך אַלע פאַר די הענט
און טאַנצט דאָ אייער רויבער־קאַראַהאָד!
אייער שיידים־טאַנץ
אַרום דעם מענטש דעם אויסגעהונגערטן!
טאַנצט!
ניט לאַנג וועט איר נאָך טאַנצן!
עס וועט דער מענטש, דער אויסגעהונגערטער,
אַ ויש טאָן זיינע טרערנדיקע אויגן,
אַ שטויס געבן פון זיך
די טעלער און דאָס בעטל־ברויט —
אַ הויב טאָן זיך
און אויסגלייכן די אַקסלען און דעם קאָפּ
אַריינשטעכן זיין נאָז די שפּיציק־אויסגעצויגענע
אין די זאַטע, פאַרפּיומירטע הערצער אייערע;
די פיבערדיקע בליקן, ווי פאַרסאַמטע פיילן
טיף אין אייער בלוט אַרייניאָגן!
און מיט זיינע אָדערדיקע הענט
צעפּאָכן זיך
איבער די צילינדערס אייערע!
טאַנצט!
ניט לאַנג וועט איר נאָך טאַנצן!

י. ל. דאַשעווסקי

שטאָט

עס פאַרגייט זיך דער שטאָלענער פויגל
ביי דיר אין דיין שטאָלענעם שטייג.
דער שטאָלענער פּאָפּוגיי איס ענטפערט
אַראָפּ פון זיין שטאָלענעם צווייג...

דער שטאָלענער בוים ביי דיין פענצטער
וואַרפט זיין שטאָלענעם שאָטן אויף דיר;
שטאָלענע קלאָווים אויף קייטן
היטן דיין טויער און טיר...

פון שטאָל איז געגאָסן דיין הימל,
און אים הערשט דיין שטאָלענער גאָט.
פון שטאָל אויסגעקאָוועט זיין טעמפּל
און שטאָל — זיין גרעסטער געבאָט — — — —

י. ל. דאַשעווסקי

צייטנווייז

צייטנווייז ווילט זיך גאָר, מייסע רויצעאַך,
כאַפּן אַ האַמער, אַן אייזן, אַ שטיין —
צעשמעטערן אַלץ, וואָס איז ליב און טייער:
דיין ליבסטע, דיין קינד, און אויך זיך אַליין;

אַריינבייסן ווילד זיך ווי מיט טיגערישע ציינער
אין גיפטיקן עלנט, אין שטומן „וואוהין",
מיט צאָרן דערשטיקן די דאַרע מאַכשייפע,
וואָס פייניקט דיין לעבן אָן צוועק און אָן זין.

זויגן קאַלטבלוטיק, ווי אַ שלאַנג אין דעם מידבאָר,
דעם טעמפּן גלייכגילט, דעם צופרידענעם קנעכט;
פאַרוואַנדלען אין אַנגסט זיין ציניש שמייכל,
אין די אויגן אויסלעשן זיין טונקעלן ליכט.

און צייטנווייז כאַפּט דיך אַרום אַזאַ ליבע
צו אַלץ, וואָס עס לעבט און וואָס פויזעט אַרום דיר;
עס רייסט דיר דיין האַרץ אויף זיי מיט ראַכמאָנעס,
געשטראָפטע, פאַרלאָזטע, זיי ליגן פאַר דיר.

און קוקסטו מיט ליבע זיי טיף אין די אויגן:
„פאַרגיב מיר, באַשעפער, זיי זיינען דאָך בלינד!"
איך זע אויף די ליפּן אַ טפילע אַ שטומע:
„דערלייז אונדז, באַשעפער, פון שטויב און פון זינד!"

און עס פייניקט דיין האַרץ אַזאַ טיפע כאַראָטע,
וואָס צייטנווייז קענסטו קיין זאַך ניט פאַרשטיין,
נאָר כאַפּן אַ האַמער ווי אַ גאַזלען אַ ווילדער —
פאַרניכטן דאָס ליבסטע און אויך זיך אַליין.

י. ל. דאשעווסקי

איך בין ניט קיין שטויב

איך בין ניט קיין שטויב, נאָר אַ פעלז אַ פאַרשטיקטער,
אַ גליענדער יאָדער מיט שטיין־שטויב באַדעקטער,
איך בין אַ וואולקאַן געלאָדן מיט פייער
און דראָע ווי פונקען אַ טרוקענעם שייער.

אין מיר טליען טפילעס פון גאָט ניט דערהערטע,
אַזויפיל כאַלוימעס פון הימל צעשטערטע,
אין מיר קלאָגן עמעסן אין טרויער געהילטע,
אין מיר זידן טרערן קיינמאָל ניט געשטילטע.

אין מיר ברענט אַ ליבע מיט האַס אַ פאַרסאַמטע,
עס שמעלצט זיך אַ ווילן מיט שטאָל אַ געצאַמטער,
אין מיר ברענעןליידן פון טויזנטער דורעס,
סיוואַרעמט נעקאָמע אין מיר אירע קויכעס.

און וועט מיין געביין נאָר דעם פלאַקער געבוירן,
אַוועק וועט די נאַכט אין פלאַם פון מיין צאָרן,
אַוועק וועט די צוים, וואָס געצוימט האָט מיין ווילן,
אַוועק וועט דער גאָט, וואָס פאַרהערט האָט מיין טפילע.

י. ל. דאַשעווסקי

אויף אַ שיידוועג

אויף אַ שיידוועג
האָב איך די נאַכט געטראָפן;
ווי אַ סטאַיע וועלף
איז די אָנגעלאָפן.

שטיי איך אין דער פינצטער
אַ פאַרלאָרענער ביי וועגן.
אויב אַ שטראַל וועט קומען
וועל איך ביי אים פרעגן:

„זאָל איך גיין רעכטס?
זיבן מאָל אָנגעפאַנגען
און ווידער אויף צוריק?
ניט איינמאָל שוין געגאַנגען".

שטיי איך אין דער נאַכט
מיט מיין בליק דעם שטומען.
איך וואַרט אויף אַ שטראַל —
וועט ער ווען ס'איז קומען? ...



מאַטעס דייטש

מיר

פרעלודע

אָ ערד, דו ביזט דער מיזבייעך פאַר אונדז
און מיר — די האָלצן און די קאָרבאָנעס,
די צינדער און די פלאַמפייערן,
די שלייפער און די געשליפענע מעסערס,
די זינדיקע און די הייליקע קויהאַנים,
די ערגסטע ברוטאַלישקייט פאַר זיך אַליין
און די העכסטע איידלקייט פון גאַלאַנטקייט
זיינען מיר, מיר — ניט קיינער.
מיר, די שינדער און געשונדענע:
די געהאָרכזאַמע קנעכט און די נויגשים וואָס רעגירן:
די היינקער און די געהאַנגענע,
די ריכטער און פאַראורטיילטע:
מיר, — די גאַנאָווים, גאַזלאָנים און די געטויוולטע צאַדיקים;
היפאָקריטן, ווענערידן, און די געלייטערטע באַלייטשואווס...
אַן איינציקער פלאַקערדיקער קאָרבן אויפן ערדישן מיזבייאַך
פון אַלערליי פאַרביקע שאַטירונגען און רעפלעקסן,
זיינען מיר, — די ערגסטע פראָים אויף דער וועלט...

מאַטעס דייטש

אונדזער שטענדיקער געזאַנג

(מיט עקסטאַז — די שיקאַגער)

צווישן מעטאַלענעם געבראַזג
טראָגט זיך אום אונדזער ציטערדיקע שטים —
אונדזער קלינגענדיקער רעזאָנאַנס.
צווישן אייזן, ציגל און צעמענטיקע קובן
בלאָנדזשעט אום, אַ פאַרהאַלטענער, אונדזער בליק —
אונדזער דיכטערישער בליק.
צווישן דעם ווירוואַרישן געטומל פון גרויסשטאָט
הויכט אַרויס זיך אונדזער וואָרט —
אונדזערע פערזנדיקע רייד.

העכער פון די שאַרפגעשפּיצטע מויערדיקע בלאָקן,
ווייטער איבער בוכטן, יאַמען, אָקעאַנען,
אימפּעטדיקער פון די ווינטן פונם מיט־וועסט
טראָגט זיך,
יאָגט זיך,
שאַלט עס,
קנאַלט עס —
צוזאַמען מיט די קלאַנגען פון טויזנטדיקע באַנען,
צוזאַמען מיט די ריטשנדיקע קוילעס פונם שעכט־הויז,
צוזאַמען מיט די קוויטשנדיקע ליאַרעמס פונם דאָנינג,
צוזאַמען מיטן ראַש פון דער מיליאָנענדיקער מענגע
וואָס שטופּט זיך,
רוקט זיך,
ברויזט זיך,
שטויסט זיך,
אינם פּעטן טשאַד און שווערן רויך פון פאַבריקן, —
שלאַנקט זיך,

בלאַנקט זיך,
גלייך מיט אַלץ וואָס וויכערט,
גיכערט;
איינצעלנע אין פילע, פילע אין אַ מענגע —
אָט ערשט:
אין אַ פּאַריזניטער קופּע
און אָט שוין:
אין אַ שטראָמיקער שערענגע —
סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט, סיי באַגינען:
קלאַנגען,
פּאַרבן,
רוישן,
טוישן,
מענטשן און מאַשינען;
קריצן,
גרילצן,
דזשינדזשען,
קלינגען,
טראָמבען,
מעקען —
צווישן גאַזן, שווייסן און פּאַרפומען
פון פערד, מענטשן און פון אָטאָס —
אַן אייביקער סאַמבאַטיען־קאָך
וואָס וואַרפט זיך אַלע טעג אין וואָך . . .
עס שרייט און קוויטשעט,
עס שפּריצט און ריטשעט
מיט אַ מעשוגענעם געשריי
פון די נייעס־יונגען —
שפּרינגענדיקע פליי! —
ס'איז דורך און דורך
אַ אידיאָטישער געדריי
דורך זוך און שטורך . . .
עס גאַווערט,
און אַווערט,
מיקראָפאָנישע שטראָמען:

מאַטעס דייטש

פון אַקס,
און מויל,
און שרויף,
און אַנטאָנע,
און אָנגעגליטע פאַן
מיט „האַט דאָגס" געשריי
וואָס פרעגלט זיך אין די צען־סענט־קראָמען,
דורך דעם און דורך אַלץ
פון אַראָפּ און אַרויף
דורך מאַגישן
בלענדן און מישן
דאָס רוישיקע וואַלץ —
בייסט זיך,
רייסט זיך,
(מיטן שטאַרקסטן אַזוס)
אונדזער דורכגעלייטערטער געדאַנק.
עס פליט אונדזער אַלטער פעגאַזוס
נאָר איצט,
אויף זיין גריווע און רוקן,
זיצט שענער ווי פריער
דאָס נייעסטע אידישע ליד — — — —

העכער פון די שאַרפגעשפּיצטע מויערדיקע בלאָקן,
ווייטער איבער בוכטן, יאַמען, אָקעאַנען
אימפּעטדיקער פון די ווינטן פונם מיט־וועסט —
דרייט זיך,
ווייט זיך,
ברייט זיך,
לענגט זיך,
דאָס ניי־ברוויזנדיקע ליד פון די שיקאַגער,
דאָס ווייט קלינגענדע געזאַנג פון אַלע זינגענדע געזאַנגען . . .

מאַטעס דייטש

אַרום זעכצנטע גאַס

אַט דאָ טוישעווט אַמכאָ, וואָס דינט צו־גאָט־און־צו־לייט אַ פּרומס.
שוסטערלעך הענגען אַרויס שילדלעך מיט אַלטפרענקישע ווענגערקעס
און ציען, ציען די דראַטוועס, לעם סאַמע פענצטער פון זייערע „פּראָנט־רומס".
מויהאַלים, „היברו־טיטשערס" מיט די שילדלעך אין קרעמלעך פון צוקערקעס.

פון יעדן קעלער דיינעם זעצט מיט היינער־„שמינק"
וואָס דערמאָנט: באַרדיטשעוו, וואַרשע און בויבעריק.
זקיינים — כריין־רייבער — ווי עטשינגס אויף צינק,
דרעמלען, ווי אַלטע קאָטערס קעגן דער זון, אינם „צוריק" . . .

עס צוקערט פון יעדער יאַטקע און בעקער־שאַפּ,
(כוצין רינדער און אויפעס־פלייש, האָמאָן־טאַשן מיט כאַלעס),
דאָס אַנאָנסירטע „אידישקייט", ווי די פעל פון אַ צעהיצטן צאַפּ, —
מיכאַלעסקעס „אידישער גענעראַל" שיינט זיס אַראָפּ אויף אַלס . . .

געזעמלעך אידן קייסן זיך, דייסן פּאַלעס יענעם איבער פּאָליטיקע;
שפּייען קלעק אויף רוסלאַנד, קאָמוניזם, טאַנצנדיק ווי אַ שפּרינגענדיקער מיאַטש —
שפּרינגען צוריק און פּאָרויס מיט פיינעדיק קוויטשען — מאָרבידיקע.
האַוואַיעדיק טייטלט אַ רעוול מידאוויירייסע דעם „קוריעצניקיס" נייעס־קוואַטש.

דאָ מאַכן זיך נעסטלעך דירעס אין די פּופּיקלעך וואָס ליגן נאָך אויף זאַלץ־ברעטלעך . . .
ביינאַכט, ווען קליינע קינדער צעקוויטשען זיך: „עס בייסן זיי שטשורעס",
טרייבט דאָס געעפּנטע ליכט, טאַראַקאַנעס צו זוכן נעסטן אויפן קוילעטש מיט פלעכטלעך, —
צעשראָקענע טאַטע־מאַמע, כינעזער אין קאָמבינאַציעס, שפּרעכן אייען־האָרעס.

אין יעדער דריטער הויז איז פאַראַן אַ איד פון אַ פיש־מאַרקעט.
ער האָט אַ פּאָרדל. ציט ער עס אָן? איז גלייך ווי ס׳וואָלט מאָלן קאָרן . . .
עס טשאַדעט, עס פּאַרדויכערט די גאַס, עס ניכפּעוועט און טאַר־ר־ר־ראַכקעט!
מיינט איר דאָך אַז ס׳פּאָרט? כאָלילע! עס ציטערט „טאָמער" וועט עס פאָרן . . . .

דאָ האָט אַמאָל, אַ דיזשעוואַטע איז׳ פאַרן שטאָפּן טוירע, געכאַפּט אַ מיעסן פּסאַק.
אידישקייט פלעגט ער לערנען. — ס׳איז גראָד אויסגעפאַלן די סעדרע שמיני —
אַ פאַסקודנע סעדרע פאַר לאָבוסעס! יעדערער — אַן עוג מלך הבשן — אַמעריקאַנער „סטאַק"!
נו, האָט מען זיך צוזאַמענגערעדט אויפן גילדענעם לאָשן און צעמיימיסט דעם „שיני" . . .

מאַטעס דייטש

זייט דאַמאָלסט לערנט מען שוין „היברו־ביאַנגליס" אינם „סעלער" פון קאָנגרעגיישאָן,
אַפילע מיט די צוקונפטיקע זשאַבאָטינסקעלעך, קינדער פון די אולטראַ־העברעיער.
אויך לערנט מען שוין די „דזשואיש היסטאָרי" — אָנהויבנדיק פון גוישן.
און מען שמועסט יאַגבע, אַז ביי דער טיר האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ פּאָליצייער . . .

אַי, אידן, אידן, אידן! ס׳האָט אונדז דאָך שטענדיק אויסגעפעלט אַ האָמער,
וואָס דאַרף, וואָס מוז, וואָס זאָל אָנשרייבן די גרויסע אידישע איליאַדע!
טאָ שיק דו, אַם האַסייפערניק, דיין קינד אינם „קאָנגרעגיישאָן־סעלער", טאָמער . . .
כ׳ווייס? אַ איד דאַרף נעמען אַ „טשענס"! פאַר אַ האָמער? נו, געוויס, אַוואַדע! . . .

אָט דאָ וואוינט האַמוין! האַמוין! האַמוין! — פון אָנהויב ביז סאָף!
גליקמאַנס טריאַטער אוידיענץ אַליין דאָס שפּיל און דאָס געוויין . . .
ס׳איז פאַר רעוולעך, רעפּאָרטערס, פּאָליטישענס, אַ מאַכיניע וואָס גיט — שטאָף!
אין גאַנצן פונים „פּייפּער"־שפּראַך, גאָר די קאָנקורענץ אַליין . . .

פון שאַבעס האַלבן טאָג, ביז זונטיק שפּעט ביינאַכט, זיצן מיידלעך אויף דרענגעלך —
צוימען פאַר ניט־אַרויסגעשפּראָצטן גראָז — דרייען די הערלעך און קנאַקן, קנאַקן קערלעך.
ציען די פּיסלעך מיט שיפּאָנענע זעקלעך און קוקן אין שפּיגעלעך אויף די געפאַרבטע ליפּלעך.
קוויטשען ווי ליידנשאַפּטלעכע פּאַפּוגעס. קאַנקאָנירן פּידיריש און קנאַקן, קנאַקן אונאויפהערלעך.

דאָ עסט דער יונגער דאָר פּעטשע, טשאָלנט מיט קוגל ווי טאַטע־מאַמע,
נאָר מיידלעך מיטן „טרו סטאָרי מעגעזין" ביים זייט, טאַטע־מאַמע מיט געלע סידורים
און די אינגעלך, איבער „דעטעקטיוו סטאָריס". — ס׳איז די אַלטע שאַבעסדיקע פּאַנאָראַמע
פול מיט סעקס, מיט מאָרד און טפילעס. אַלע — אונטער גאָטס איינ־סאָפלעכן אָרעם . . .

דאָ לייענט מען נאָך אויך „גלות מאָסקווע" צעצויגן ווי אַ ציטאַט.
(אַ פּאַקנטרעגער, וואָס האָט שוין גאָט זיי דאַנק אַ „סטאָרקע"
מיט ציצעס, מזוזעס, גיט עס אַרויס אויף אַ האַלבן טאָלער בלויז פּריקאָט).
שאַבעס נאָכן קוגל, ווען טאַטע־מאַמע רוען, טאַנצן פּאַרזעסענע מוידן אַ מאַזורקע.

דאָ לאָזן זיך נאָך אַלץ, אַקאָרעס, שרייבן רייניקייטן — צו לעהאַכיס סאָנים.
דער פּרעזידענט פון קאָנגרעגיישאָן, נעמט אַרויס אַ „טשאַרטער" די גאַס אָפּשפּאַרן,
און אידן, מיט די הענט אויף הינטן, מיט די הענט צום הימל, טאַנצן אין פּאַנדאַמאָנים.
אַ׳זאָל נאָר דאָ אין לאַנד אַ קנאַל טאָן מיט רעוואָלוציע,בלייבן וועט איר אויסגעלאָשענע פּאָנאַרן.

מאַטעס דייטש

סאַלאָמע

(ראָנדו)

— א —

נישט איינמאָל קומען שוין געוואָלט,
דיין שוועל באַטרעטן שוין געזאָלט,
געקומען, און אַנטלאָפן דאָך,
פון גרינגסטן זיכער, צוריק צום יאָך.
צאָלסט אָפּ געצאָלטס? — איז אָפּגעצאָלט!

אָ. קלעק דו האָסט מיך איינגעראָלט!
דיין נאָמען — פעסט — וועט אין רעוואָלט,
מיט אויגן ווי אַ שפּיזן־שטאָך,
ניט איינמאָל קומען.

האָסט דיינע שטראָפן דין באַשטאָלט?
גרייט בראַנדיק מאַכן און געדראָלט?
גרייטסט אויך צו די הילף פאַרן בראָך?
פוי, דיין סטירע וועט פאַר מיר נאָך,
ווי אַ שונד־בילד אָפּגעמאָלט,
ניט איינמאָל קומען.

— ב —

ניט איינמאָל שוין זיך אָפּגעווענדט,
ווי האָלץ פון האָלץ אויף קויל צעברענט.
צוריק זיך צוגעהעפּט מיט פּיין —
עס האָט געקאָנט דען אַנדערש זיין?
אַז דו ביזט ניט און יאָ דערקענט...

אַ ציגל פעסט ווי אין צעמענט,
געפילט האָבן זיך מיינע הענט
אין דערהויבונג פון דיין שיין —
ניט איינמאָל שוין.

אַז דו ביזט פּאָרט דער פונדאַמענט.
מיין העלע פרייד. מיין שרעק־לאַמענט —
אָט דער טעמנער ניסאָיען מיין:
היפּנאָט פון ווייב, עקסטאַז פון וויין —
דאָס בראַנדיק זשאַר וואָס מיך געברענט
ניט איינמאָל שוין. — — —

מאטעס דייטש

טריאָלעטן

איך האַלט דיין עלנבויגן
ווי ווינטערצייט אַ הייס גלאָז טיי
און זשמורע מיינע אויגן...
איך האַלט דיין עלנבויגן —
אַ בעכער אויסגעצויגן,
האַוודאָלע מאַכט מען בלויז אַזוי...
איך האַלט דיין עלנבויגן
ווי ווינטער־צייט אַ הייס גלאָז טיי — — — —

ווער בין איך און וואָס בין איך,
ווען שטיל ווינט גאָט אַרויס דורך מיר:
„זאָל שוין מענטש באַפרייען מיך"...
ווער בין איך און וואָס בין איך,
הייסן מענטש באַפרייען דיך?
אָ, ווי איז אונדז! — דער וועלט און דיר!
ווער בין איך און וואָס בין איך
ווען שטיל ווינט גאָט אַרויס דורך מיר.

ווען עס ליגן מיך די הענט
אויף מיין האָר־באַוואַקסן ברוסט,
נישטיק ווער איך — גאָט און וועלט —
ווען עס ליגן מיך די הענט.
אַלץ ווערט ווינט־זין און פאַרשמעלט...
ס'איז דער שענסטער קאַמף פאַרלוסט
ווען עס ליגן מיך די הענט
אויף מיין האָר־באַוואַקסן ברוסט...

מאטעס דייטש

פאַני סעקס

(סאָנעט)

פאַרוואָס ביזטו אַזוי גרינג אויף מיין שויס, עלערמי?
אָ, פאַרוואָס איז דער שוויס פון דיין ציטערדיקן לייב
און פון די מולטערלעך אונטער די פאַכוועס, ווי לילין־בלי?
ס׳איז מיר זשעדנעדיק מער ווי אַ דער וואָס קומט פון אייגן ווייב.

דאָס באָבקעלע אויף דיין נאָז, דאָס געדוך פון דיינע ציין
און די „אַראָמאַטישע" ספערע ווען מיקומט נאָך דיר אַריין,
אינם געזעס־שטיבל האָבן אויך גאָר אַן אַנדערן מיין,
אַלץ איז פאַרהוילן מיט שאַבעס־שיינקייט און ס׳איז ביז גאָר — פיין . . .

אַמאָל ביזטו אינם געשטאַלט ווי די הייליקע מאַמע אַנטפּלעקט,
(אינם בילד וואו זי זיצט מיט אַ נאַקעטער ברוסט איבער יעזוסלען),
און אַמאָל, בכיפּאָזנדיק, ווי אַ קעצל איבער שמאַנט ווען עס לעקט,
צי גאָר פאַרטייעט, גערייצט ווי אַ פרומער איבער טרייף־פּאָסלען.

כוואָלט דאָך, אַזאַ קאָשערער מאַנסביל, דאָס טעלערל פון הימל דערגרייכט, עלערמי?
נאָר גיי, אַז כיבין דער קאָרבן וואָס סמאַלעט זיך אין טהאָם פון דיינע קראָקוועדיקע פיס...

מאטעס דייטש

פאַני סעקס זינגט

נאָך איידער דאָס ליד פון סעקס איז אָנגעפאַנגען,
ליגן מיר קוירים צו די עראָטישע פאַרלאַנגען.
אויף מיניאַטורנע גופעלעך — מילימיליאָסן
ווערט דאָס ליד צעקלונגען אין אַלע גאַסן —
נאָך איידער דאָס ליד פון סעקס איז אָנגעפאַנגען . . .

נאָך איידער דאָס ליד פון סעקס איז אָנגעפאַנגען
שטייען מיר פאַרן סאָף וואָס קען זיך ניט פאַרגעסן.
דערפאַר געבן זיך אַלע איבער צום פייערדיקן פרעסן:
דער טאַנע, דער גאַלעך און דער ספּאָרט־קאַוואַליר.
ביים פּיירעק, ביים עוואַנגעל צי ביים שאַנדאַליר —
ליגן מיר קוירים צו די עראָטישע פאַרלאַנגען . . .

ליגן מיר קוירים צו די עראָטישע פאַרלאַנגען
מיט קאָמעטישע אויגן אונטער גליאיקע וויעס.
מאַכנעס מיאַווקענדיקע קעצעלעך אין געבעטע שליורעס
קיצלען אונדז מיט וואַרימע ווײַדעלעך פריש געבאַבטע;
מאָדנע צעיאַכמערט ווערן מיר דאַן — אויפגעוואַכטע!
אויף מיניאַטורנע גופעלעך — מילימיליאָסן — — —

אויף מיניאַטורנע גופעלעך — מילימיליאָסן
זעען מיר אַלץ אינם גרויל פון פאַנגערס נעץ ווי האָזן —
אומבאַהאָלפענע זעמדעלעך מידבאָרדיק צעבלאָזן.
ליגן מיר אויפגעפראַלטע קעגן פייערן ווי אָנגעגליטע דראָטן
מיט דוירעסדיקן זשאַר־און־בליאַסק קופערדיק צעזאָטן —
ווערט דאָס ליד פון סעקס צעקלונגען אין אַלע גאַסן — — —

ווערט דאָס ליד צעקלונגען אין אַלע גאַסן
אויף מיניאַטורנע גופעלעך — מילימיליאָסן
ליגן מיר קוירים צו די עראָטישע פאַרלאַנגען
נאָך איידער דאָס ליד פון סעקס ווערט אָנגעפאַנגען — — —

מאָטעס דייטש

מענטש, גאָט, דער אויוועד באָטל

גאָט ווירבלט איבער די שפּיזן פון אַרמייען.
דאָס אויער פונם אייל־־נויקעס־וועגויטער — דאָס שטילסטע דערהערט.
ס׳איז מיט ניצאָכן און אויס קינע אָנגשפּיצט.
מיט ראַכמים און כיימע צעטיילט איז ער אויף צווייען —
זיין קיסע־האַקאָוועד שטייט אויף סאַמע שאַרף פון שווערד . . .

גאָט שלאָפט אויף דער גאַבעטע ברײנדעלעס פּאָנים.
געאַכפּערט און געגרויסט ווערט ער
דורך איר וואַקסענעם, ציטערדיקן הענטפּלוין.
דער אייל־ראַכום־וועכאַנון רוט מיט זיין מישקן
אויף די שמויסענע, שווייסיקע היטלען פון האַמוין.

גאָט נעמט פון דער זוינע און איר אויבערבאַהעפּטער
די בושע צו, און דעם צעלעם־עלויקים פּאַרדעקט ער מיט אַ קאַשנע
פון גאָלע אָנגעפּאַרפומירטע גרינע אַסיגואַציעס. —
און זיי פּאַרטייען זיך אינם אייביקוועלטלעכן ה׳הם מנע . . .

גאָט הייסט געווענען די האַנט פונם מאַניאַק
צום אייגענעם אָפּפאַל צו, און אויפשרייבן דערמיט: ש ד י ! !
ער הייסט אויך ווינטן מיט ווינטעלעך — משאָרסים זיינע — צעטראָגן
איבער דער גאָרער וועלט זיין אַראָמאַטישן שעם — אַי! אַי! אַי!!!

גאָט דער האַר, באַפוילט דעם זאָקנס דענקענדיקע האַנט
פאַרפלאָנטערן זיך אין דער אייגענער גראָער באָרד אויס דווייקעס,
און בלייבן הענגען אין איר, ווי אַ מאָטיל אין שפּינוועב, —
אינם פילפל, אינם דאָרעש, צי גאָר אין פּאָרטייעטע ספּייקעס — — — —

מאַטעס דייטש

עס פעלט בלויז די בכירה

ווילאַנעלן

א.

מיר וואוינען אין אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַלע פראַכטן,
אַזש מיט פאַרפומען זאַלבט מען דאָ די אַסיגנאַציעס —
עס פעלט בלויז די בכירה פון טיפן זיך פאַרטראַכטן.

קומען פעסט וועט דער טאָג אויף וועלכן אַלע וואַרטן, —
אַלע וועלן אים פאַרשטיין אָן קיינע אינטערפּרעטאַציעס. —
מיר וואוינען אין אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַלע פראַכטן.

ווי אין אַ שטורעם די אָנגעצויגענע פלאַכטן
ציט דאָס לעבן זיך צו פראָסטע אַסימילאַציעס —
עס פעלט בלויז די בכירה פון טיפן זיך פאַרטראַכטן.

דעם העכסטן קוקט מען אָן דאָ ווי אַן אויסגעלאַכטן,
ווייל אַלץ שפּרינגט דאָ אין בלויזע דזשעזיקע גראַדאַציעס —
מיר וואוינען אין אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַלע פראַכטן.

זאָל קיינעם אין לאַנד דאָ אויף אַ רעגע ניט דאַכטן,
אַז מיקען אַלץ אַוועקמאַכן מיט פאַלשע נעגאַציעס —
עס פעלט בלויז די בכירה פון טיפן זיך פאַרטראַכטן.

ווי אַ פעלץ אין די הייסע זומער אויפדערנאַכטן
איז איבעריק דאָ סאָציאַלע אָפּעראַציעס —
מיר וואוינען אין אַ לאַנד וואָס פאַרמאָגט אַלע פראַכטן —
עס פעלט בלויז די בכירה פון טיפן זיך פאַרטראַכטן.

מאטעס דייטש

מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג

ב.

ביי אונדז איז דאָ אַ פעלד פאַר טריאָלעטן,
און נוצן מעגן מיר נאָך ווילאַנעלן, —
מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג און מינועטן.

ס׳איז אונדז באַליבט די שיינקייט פון סאָנעטן,
אידישע דיכטער איז זי גאָר געפעלן —
ביי אונדז איז דאָ נאָך פּלאַץ פאַר טריאָלעטן.

מען מעג דאָס פעלד פון ראָנדן מער אויסטרעטן,
גענוג שורעס געשוונדן סטאַם ווי פעלן —
מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג און מינועטן.

טאַבו צום שאַבלאָן פון אַלטע פּאָעטן!
צו וואָס נאָכאַמען ווי פייגל טרעלען? —
ביי אונדז איז דאָ נאָך פּלאַץ פאַר טריאָלעטן.

גענוג שוין לידער שטעפן ווי קאַשקעטן
און שרעקן גאָר־די־וועלט מיט היפּערבעלן —
מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג און מינועטן.

ניט העצקען פענען ווי מאַריאָנעטן
מיט שאַרפן זשעסט אין גראָטעסקע געמעלן —
ביי אונדז איז דאָ נאָך פּלאַץ פאַר טריאָלעטן,
מיר דאַרפן פאַרב פון קלאַנג און מינועטן — — — —

נויאָרק פרילינג צייט

1

האַלב פיר פאַרטאָג פילן פיס אַ שפּאַן — אַ מייל.
נויאָרק האַלט שוין ביים לעצטן ביסן שלונג.
בלויז איין קאַזאַאיסל נאָך, איין קאַזאַאיסל מענטש
און שטאָט־מויל וועט זיך פאַרמאַכן אויף אַ וויל.

דאָס קריכט אַזוי אַוועק פון מאָשקאָוויטשעס קעלער אַ פּאָעט־אינזיכיסט, —
אַן אויסגעקאַסטער, אַן אויסגעלאָדענער וועגן שאַבלאָן אין אידיש ליד.
עס נענט אים אַריין אין דערהויבנקייט פון איבערן דרויסן;
ער ווערט גלייך באַוואוסטזיניק ווי אַ געניטער מאַשיניסט.

ער נעמט אַרויס פּאַפּיר און ראַיוינעוועט מיט'ן טינטפענדל:
„אַי, וואָס פלעגט דער נאָגל פונם ווילנער גאָענס גראָבן פוס־פינגער
טאָן בישאַסן מיסאַסעק זיין זיך טאַשמיס האַמיטע?"
ער שפּיגלט זיך מיט דער שיילע ווי אַן אָרימאַן מיט אַ רענדל...

די אַלטע שיינעסאָסל און די ווילנער גאָענטע

2

פול מיט פילע פעלאָים פלעג זיין יעדן כוידעש די אַלטע שיינעסאָסל
(זי האָט שוין ניט געדאַכט, נעבעך, אויף איר זיקאָרן צומאָל),
בישאַס זי האָט צו דער גאָענטע, מיט אַ מינע פון אַ טרונק אונגערקע־ראָסל,
סיליילעך געטיציעט און ראַק געטיינעט קידבאָאַי : „אַמאַיי" און „נאָכסאָל"?

בסולעדיק האָט די גאָענטע געדריבלט די טריפּקעס פונם נייעם לעכל,
אַריינגעקוקט דרינען מיט נישטוימעס ווי אין אַ טעלעסקאָפּ, קלוימער...
„מע דאַרף ווידער פאַרצערעווען". נוצנדיק איר קלוגע האַנט פאַר אַ דעכל
איבער די זינדיקע אויגן — לייבן צוויי — וואָס מוזן האָבן אַ צוימער — —

3

יעזוס — אַ ראַכמאָנעס נעבעך

אַ קלויסטער. אויפֿן טויער — אַ צעקרימטער יעזוס.
פֿון זיינע אויגן קאַפּען טרערן, פֿאַלשע,
מיט אַ קאָליר פֿון פייגל . . . ווי רופֿט מען עס? . . .

צוויי קעץ מיאַווקען צו אים אַרויף ווי צו אַ בריע.
דער קאָטער דעספּאָטיש מיט אַ באַפֿעלדיקן טאָן: יע ע ע זו ו ס ס ס ס!
דאָס קעצל צעפּיעסטעט און טאַכנונימדיק: אוי, ווי, מאַ־אַ־ר־ר־יע־ע־ע־...

מיינט ער נעבעך אַז אַ „נאַכטיגאַל" זינגט שוין ווידער
צו אים פּסאַלמען צי גאָר די הייליקע האַלעלויאַ־געזאַנגען, — —
קריכט אים גראַדע איצט ניט קיין געזאַנגען מיט לידער,

ס'איז אים שוין אומגוט פֿון זיי, נאָר שריי כאַי־וועקאַיאָס, שריי!
אָבער אַז דאָס געזאַנג וויברירט אַזש ביזן סאַמע בויך אַרויף,
אַזוי ווי אַ הייסער שטראָם צישן די פֿיס אים פֿאַרביי,

פֿאַרקלעמט ער אַ פֿוס איבער אַ פֿוס — די דראַנגען —
ווייל ער מיינט דאָך אַז ער האָט דאָרטן בעפֿיירעש
אַ זינגפֿויגל צי גאָר דעם ריכטיקן קאַנאַריק געפֿאַנגען,

פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ נעבעך אין קרימעניש: מענטשן, ראַטעוועט!
אַ ניט וועט „ער" גאָר איגנאַנצן כאַלילע אַוועקפֿליען און האָדיע . . .
דער פּאָעט איגזיכיסט באַמערקט עס און ווי אַ יעגער — טשאַטעוועט — —

פאַלצעטאָ פאַנטאַזיוס

4.

אַזוי ווי די זון ווערט פון שמיטע־מיליאָנען ביז יוויול־מיליאָנען אַלץ קעלטער,
לאָכיין, זיינען פונס פלאַנעט וועגוס־יוויע אַלע מענער, פאַר שרעק, אויסגעפייגערט.
האָבן די מער פילנדיקע ברואים פונס פלאַנעט מאַרקידיע, די מאַמלס,
זיך דערוואוסט דערפון און אויס גרויס קינע, מוטערלעכע מיסטאַמע,
אויפגעפרעסן, מיט היבשן אַפעטיט, זי זכאָרים זייערע פון אינגסטן עלטער.

זייט דאַמאָלסט קומט אַ באַס־קאָל אַרויס צו יעדן כצאָס און רופט און שרייט
(מיט אַן עכאָ וואָס קלינגט אָפּ ווי אונזערס, ווען סיזאָל זיין אויף דער לעוואָנע) :
„אָ, ערד, דו וועלט־מיל־שעכטעריי! עוואָפּע ערעוושאַבעסדיקע יאַטקע־קלאָץ!
דיינע געניטע קאַצאָווים שטייען שוין ווידער גרייט מיט פינקלדיקע העק דערהויבט:
סיגייט אַ ניי וואָכיקייט אויף דיר מיט בלוט־פראַצע און צו שאַבעס — איז נאָך ווייט.

דו שטאָט ניויאָרק

5.

אין קיין קרוין גלויבסטו ניט,
קיין צילינדערהוט האָסטו ניט,
אַ לאָרבערקראַנץ איז צו אַלטמאָדיש, —
טאָ מיט וואָסזשע דען דעקסטו פאָרט צו די קעפּ
פון דיינע פיל־אומשטערבלעכע פּאָעטן?
און דו דעקסט זיי פאָרט צו . . .
בלייבסטו טאַקע די קאַשע און זיי — דער טערעץ —
איז עס צוזאַמען — אַ סאָד קלוימערשט — פאַר מיר — —

6

קלאַסיש

צווײ רייען ווײַסע פּאַפּיס
פירן צום אַריינגאַנג פונם סאָד.
לעבן די זײַטן ביי אַ געבערגטן באַזיס
שורעס ווײַסע שטיינער — יוניפאָרמיק —
שטרייכן אונטער דעם זאַמדיק ווערמיליאָן שטעג.
אַקעגנאיבער: אַ ראָזאַריום אין אַ קלומב,
היאַצינטן, נאַסטורציעס, טוליפּאַנעס און דעפאָדילן,
ציען זיך אין אַ בליאַסקעדיקן וועג.
מאַרמאָרנע סטאַטועס אין דער מיט פון אַ שפּריציק פאָנטאַן,
גאָלדענע פישלעך, ליכט־עפעקטן, פאַרפרעסטע ליפּן
פון אַ ראַפינירט געזיכט אויף זיידענע קניעס אָנגעלענט.
נעפּטון מיט אַ צעפּאַטלטער באָרד צילט אַ גאָפל און פליט,
פאַרכאָלעמטע שאַבעס־יאָמטעוודיקע שוואַנען שיפן זיך
אין די געשלייערטע שאָטנס פון איכעסדיקע טאָפּאָזן
און שלינגען גראַציעז דעם אָפּגעפּאַלענעם שנייאיקן צוויט . . .

אַן אָפּן בוך ווי אַן איבערגעקערטע טשערעפּאַכע
ליגט לעם לאַקירטע נעזלעך פון דאַמישע שיך
און ווייעט מיטן לעצטן בלעטל: סאָף פון ערשטן באַנד — — — —
דער לינקער טאָוול מיטן קאָלירטן פּאָדערבלאַט סטאַרטשען קוימעמיעס,
רייסנדיק זיך צו דערגרייכן די נאַר־וואָס פאַרלאָזענע הענט . . .

מאָטעס דייטש

עקצע האָמאָ

מאַכשאָוועס פון איינעם אַ יוירעד
איידער מען האָט אים געקרייציקט

נאַכט, צי טאָג, און עפּשער גאָר פרימאָרגן,
צי קופּער־האַרבסטיקער אָוונט.
דער יוירעד זעט עס ניט,
ער קען שוין איצט קיין אונטערשייד
מער ניט מאַכן אין אַזוינע גראַדן.
דעם יוירעד אַרט עס ניט —
געניסן קען ער סיי ווי סיי גאָרניט,
ווען סיזאָל אַפּילע שוין יאָ זיין,
וואָס פאַר אים וואָלט עס ניט באַדאַרפט . . .
דער יוירעד איז אין לויטער דיקע שאָטנס איינגעהילט
און מעמיילע — זיינע פיל פאַרשטעלטע צווייפלדיקע וועגן.
ער וויל ווינען, ווינען, ווינען און קען ניט.
זיפצט ער און סיכליפּעט אַרויס זיין איינגעהאַלטן געוויין
ווי צוקן פון פייגלשע לייבער איידער זיי שפּרייטן זיך צום פליען.
ער וויל הילף בעטן, פאָשעטע הילף,
און ווייסט ניט אין וואָס פאַר אַ ריכטונג — אינם רוים —
זיינע פאָרשנדיקע בליקן צו ווענדן.
אַ ראָד — אַ ליכטיקע ראָד!
אַ פאַס — אַ שטראַלנדיק פאַס!
אַ רעגנבויגן איבער זיין קאָפּ —
שיינט אויף און ברעכט זיך דורך!
דרינגט אַריין און גרייפט אַרום
זיין פינצטערן בעריישיס . . .
ער דערפילט און באַגרייפט און פאַרשטייט!
ער פאַרנעמט אָט דאָס וואָס אַלע דאַרפן
נאָר קענען עס ניט פאַרנעמען.
און עלנט זינקט דער קאָפּ ביי אים,
אָט דאַמאָלסט דערזען אויגן שוין
די צוויי ציטערדיקע פיס זיינע
און קניעס — צוויי קרעציקע מאַלפּעס —
בויגן זיך, ברעכן זיך —
גרייט צו פאַלן קוירים — — — —

און מאַכמעס איצט איז די צייט
בלויז פאַר האַכנאָעדיקן בעטן —
ס׳איז דער מאָמענט דערפאַר —
אַז וואָס זיין געשטרויכלט האַרץ פילט
וואָלט ער דאַווקע געדאַרפן אַנטפּלעקן . . .
ווייסט ער אויך אַז אין זיין צעדולטן מויעך אָבער
שטויסן זיך אום פאַררעטעריש
געדאַנק און ווילן —
זיי ראַנגלען זיך
און פּייניקן אים מיט כאַראָטע וואָס וואַרגט
ווי די פאַרצויגענע פּעטליע פון היצעל:

„האַלט אָפּ די ווערימדיק־דערנידעריקטע בליקן?
נעם צו די פאַרשעמטע טייטלדיקע פינגער?
פאַרמינדער די מענטשישע געדגעס?
די שטיינער זייערע, צו מיר, מייד אויס?"

אָ, גורל, גורל, גורלו!
אָט אַזוי דאַרף ער, מוז ער בעטן . . .

דערפילט ער טאַקע ווי טיף ס׳איז זיין געזונקענקייט,
אַז ס׳איז ניט מער ווי זיין לעצטער מאַטיש קויעך!
בעט ער ניט, שרייט ער ניט, רופט ער ניט,
נאָר שטייט ווי אַן איינ־און־איינציק איבערגעבליבענער מאָנומענט
פון אַ רואינירטער וועלט; עס שרייט אין זיין אינערלעכקייט
מיט אַ קאָלאָסאַלער קראַפט פון אַ פאַרשטיקט פייער
וואָס האַלט אין אַ פלאַמיקן שפּאַרטאָן . . .

האַמוין דונערט מיט צערייצטן צאָרן: סקילע! סקילע! סקילע!

עס ברויזט דעם יורעדס בלוט.
עס לויפן אום, עס פלאָנטערן זיך, עס קוליען זיך
די מאַכשאָוועס אין ביטערסטן געראַנגל:
שוין בעסער פאַרשלונגען ווערן אין פינצטערסטן אָפּגרונט!
שוין בעסער פאַרטיליקט ווערן צווישן די ציין פון אַ כאַיע!

זיך ראַנגלען מיטן פּאַטאַלן ניסאָיען פון זעלבסטמאָרד! נאָר — גאָטס . . .
שיק אוינעש! אוינעש שיק! דיין אוינעש! ניט פון מענטשן — צערייצטן פּעבל!
נאָר אַז די קראַפט צו וועלכער דער יוירעד דאַרף זיך ווענדן,
איז איצט גאָלע ראַכמים . . . בלויזער כעסעד . . . דינסטע אילוזיע . . .
טויב, שטום, בלינד איז אָט־דער, נאָך וועמענס שטראָף מ׳דאַרף אָנקומען —
לאַנג וועט ער דאַמאָלסט דעם טויט־באַדערפטיקן לאָזן וואַרטן,
אָ, לאַנג, זייער לאַנג וועט ער שוין לאָזן וואַרטן . . .

גייסט שטשירעט זיך אויס מיטן יוירעדס כוימער קעגן פינצטערניש
און שרייט אין די בלויע מיראַזשן צו דער אייביקער האַשפּאָע אַרויף:
„גאָט! האַר! בוירע! אַלמעכטיקסטער!
עקצע האָמאָ!"
בלויז דו דאַרפסט מיין סוינע זיין, מיין פּייניקער, מיין געביין־קעפּער —
איך קום פון דיר, פון דיר קום איך דאָך . . .
לאָז מיך צוריק ווי דינער דאַמף אויפגיין . . .
ש־ש־ש־שטיל . . .
לויטער . . . גרינג . . .
כיוויל זיך אַנטשעפּן אָן דיינע קאַלטע, גרויע הימלען
און אַראָפּנידערן צוריק אין ווייכע, דינע, דריבנע טראָפּנס
צו קילן די דורשטיקע ערד — אַך, די בלוטדורשטיקע ערד . . .
זי קילן — ביז צו דער קאַלטסטער נירוואַנע — — —

דער צערייצטער האַמוין דונערט ראַק צאָרנדיק: סקילע! סקילע! סקילע!
עס פאַרשטיינערט דעם נאָווי, דעם פירער, דעם מאָשיאַך
אין וועלכן ס׳האָט דערפילט צעווייטיקטע אַנטוישונג.
עס גיסט זיך אויס ברוטאַל־צעיושעטע נעקאָמע,
האַמוינס איינציקער פאַרמעגן — אייגענער מישפּעט —
קעגן וועלכן גאָט אַליין איז אוממעכטיק
און ער פאַרבאָרגט זיך פאַרן צערייצטן האַמוינס שטראָפנדיקע לאַפּעס — — —

פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ

הונגער

I

לעצטע טעג אין האַרבסט,
פינאַל פון לעצטן וועלקן,
ווייסע נעפּלען הילן מויער, בוים און גאַס.
וואַסערדיקער הימל,
ווי אַ ווייסע בעלמע,
שפּרייט אַ בלינדן טרויער איבער אָרימער גאַס.

הייזער ווי הויקערס,
פענצטער — בלינדע בעטלער,
אויף די הוילע טישן — ביינערדיקע הענט.
אויף די הוילע טישן —
טאַנצט אַרום דער הונגער,
קנוילן זיך אין פויסטן אַרבעטלאָזע הענט.

בלויז אין קינדער אויגן —
אַזאַ מאָדנער פייער,
מאַמעס ליפּן שיקן קלאָלעס אויף דער וועלט.
בלייבן קלאָלעס הענגען
איבער טיר און פענצטער,
ווי אַ שוואַרצער אָנזאָג צו דער זאַטער וועלט.

II

אויף די ראָגן פון דאָון טאָון
שפּיזלט הונגער־צאָרן,
הונגער־אויגן פאָלגן נאָך
ווי אַ שאַרפער דאָרן.

פליען טויבן טשאַטעסווייז —
אָנזאָגערס פון שאָלעם,
ברויזן הערצער פול מיט סאַם,
ווי אַ בייזער כאָלעם.

אין די שוי־פענצטער דאָון־טאָון —
עסנוואַרג פון בעסטן,
הונגער־אויגן שפּיזלען סאַם,
אומגליק זייער גרעסטן.

יאָמערעוודיק די שוי־פענצטער
טויבן אויף די דעכער
אָבער אונטן אויף דער ערד
שטייגט דער צאָרן העכער.

אָבער אונטן אויף דער ערד
שפּיזלט הונגער־צאָרן
הונגער־אויגן פאָלגן נאָך —
ווי אַ שטעכיק דאָרן.

שוואַנגערשאַפט

איך בין דאָס פעלד וואָס טראָגט אין זיך דיין זאַמען,
דיין ליבע — אָטעם, רעגן, ווינט און זון;
כיוואָלט אָן דיין ליבע גיך אַזוי פאַרדאָרבן,
פונקט ווי דאָס פעלד אין שוואַנגערשאַפט אָן רעגן און אָן זון.

עס וואַקסט אין מיר און שטראָמט אין מיר דיין זריע,
און פילט מיך אָן מיט גלויבן אין דער שניט־צייט,
און ווי דאָס פעלד — איך כאָלעם פון דער שניט־צייט,
פון געראָטענעם שניט און פון גאָלדענער טוואוע.

דאָס פעלד איז ברייט און פלאַך און שפּראָצט מיט ברויט,
און איך בין בערגלדיק און בלי מיט לעבן;
איך און דאָס פעלד — מיר זיינען איינס, מיר נעמען און מיר געבן,
מיר האָדעווען די וועלט מיט מענטש און ברויט.

אין לעצטן בלי

נאָך גרינט גראָז אויף אַלע לאָנען
כאָטש בלעטערפאַל איז שוין אין פולן פלי,
מיר ווערט טייערער די גרינקייט פון די לאָנען —
אַ לעצט געשאַנק פון זומער — בלי.

סעפּטעמבער — טעג ווי גאָלדענע פּאַזאַנען
שפּרייטן זייער גאָלד אויף גרינע לאָנען
כיהאָב ליב אין אַזאַ טאָג אין בלעטערפאַל צו שפּאַנען
און קיינער זאָל ניט פרעגן מיך וואוהין? פון וואַנען?

אין אַזאַ טאָג פון לעצטן בלי,
שטייגט אויף אין מיר אַ דין געוויין,
אַז ווי אַ בלאַט אין לעצטן פלי
וועל איך אַ פלי טאָן און פאַרגיין...

פעסי הערשפעלד־פּאָמעראַנץ

געבורט

אויפגעקוואַלטע ווײ־געשרייען, יעסורים פון געבוירן,
שטראָמען אָן און קלאַמערן זיך אויף די ווענט —
האָבן ווייען פון געבוירן אויסגעפּיקט דעם נאָמען „מאַמע",
האָט אַ מאַמע צוגעטראָגן איר כיילעק צו דער וועלט.

שפּיטאָל־געהילף, ווי ווייסע פלאַטערנדיקע מעוון,
פלאַטערט אום אין לאַנגע קאָרידאָרן,
און דאָ אין צימער, אויף ווייסע שמאָלע בעטן
גייט אויף דורך פּײַן אַ פרייד פון ערשט־געבוירן.

גייט אויף דורך פּײַן אַ פרייד פון ערשט געבוירן,
און מאַמע האָט דערפילט דעם ערשטן ציטער פון איר קינדס באַריר,
גייט אויף אַן אַראָמאַט פון שאָקאָלאַד און מעדיצין,
און פרישע קריזאַנטעמעס וואַכן איבער איר.

פרישע קריזאַנטעמעס וואַכן איבער איר,
און זי, זי טראַכט פון ערשט־געבוירן קינד, פון וועלט און מענטש,
אַז ניט פאַר זיך האָט זי געבראַכט דאָס קינד אירס אויף דער וועלט,
נאָר פאַר דער וועלט, סיזאָל טראָגן מיט רעכט אויף זיך — דעם
נאָמען „מענטש".

צום בוים

בוים וואָס ביי מיין פענצטער, גרינער כאַוועך מיינער,
ווי אַ גוטע מאַמע וואַכסטו איבער מיר;
ברייט צעלאָזט די צווייגן, מיט אַ גרינעם פליסטער
ווי אַ שטיל געבעט וואָלט זיך טראָגן איבער מיר.

שלאָפט זיך מיר ניט אָפט דאָ אויף מיין גוט געלעגער,
כיקוק דורך דיינע צווייגן אין דער נאַכט אַריין;
איך הער דיין שטילן פליסטער, גרינער כאַוועך מיינער,
און דיין שטילע טפילע איך פאַרנעם מיט פיין.

איך און דו — מיר זיינען ענג פאַרברידערט,
צוגעוואָרצלט צו דער אייביק־בליענדיקער ערד;
האָסטו, בוים, אַזוי פיל פרילינגען אין לעבן,
מיר, דעם מענטשן, איז איין פרילינג בלויז באַשערט.

מירביידע — ערד און שטויב פון ערד געקומען,
און ווען מיר וועלן פאַלן מיד פון לעבנס שלאַכט,
צוריק צו ערד — זיך ברענגען פאַר אַ זאָמען,
איז אונדז — דער קורצער וועג פון בליען בלויז באַשערט.

שיקאַגאָ

אַ באַנדע ווינטן לויערן אויף דיר, שיקאַגאָ,
און רייצן אָן לייק מישיגען אויף דיר;
כיהאָב ליב אויף מישיגען בולוואַר שפּאַצירן
ווען ווינטן גיבן זיך אַ ריר.

ווינטן נישטערן און לויערן אויף אַלע דיינע ראָגן,
טרייסלען פון די מויערן די שויבן,
פּאַרטרייבן קנוילן רויך צוגלייך מיט כמאַרעס
און וואַרפן זשמעניעס שטויב דיר אין די אויגן.

זיי יאָגן זיך נאָך דיינע צוגן און טראַמווייען,
און לאַכן אין די פּנימער פון דיינע רייכע זאַלן,
געדרויך פון דיינע שאַכט־הייזער ווי ווירדיך זיי צעטראָגן
מאַטאָגעס — דיינע אָרימע קוואַרטאַלן.

אין נעכט אין פינצטערע, אין נעכט אין בלינדע
באַזעצן זיי זיך ברייט אין דיינע פרייע פּאַרקן,
און פייפן אויס סימפאָנישע עלעגיעס צו דיר,
און העלפן דיין גרויסשטאָטישע סימפאָניע פאַרשטאַרקן.

פון אַ בריוו

מיין כאַוועריטע, מיין ליבע און מיין ווייטע,
מיין כאַוועריטע פון ווייטע קינדער יאָרן —
קינדער יאָרן טרויעריקע, פאַרשנייטע,
האָבן זיך אויפגעוויקלט איצט אין מיין זיקאָרן.

צווישן פינף בין איך געווען די אינגסטע,
אַ קינד, אַן אומעטיקס, אַ בלייכס און אַ פאַרטראַכטס;
צווישן פינף בין איך געווען דאָס שטומסטע,
מיט צאַר אין אויג — אַ רעגנדיקע נאַכט.

פון קינדערווייז אָן געזאָפּט אין זיך דעם טרויער,
דעם טרויער פון מיין שטעטל — אָרים, קליין;
פון קינדווייז אָן געהערט מיט טיף באַדויער,
פאַרנומען שטיל דעם צאַר פון וועלטס געוויין.

מיר האָבן זיך צעשיידט אויף לאַנגע יאָרן,
האָב ניט געהערט פון דיר די גאַנצע צייט,
און איצט, ווען דו ווילסט וויסן וואָס פון מיר זיגעוואָרן,
וועל איך דיר שרייבן כאָטש פון ווייט.

גרוי איז דאָ מיין ברויט און פוטער לעבן —
ווי אַ רעגנדיקער האַרבסטיקער פרימאָרגן,
ווי אַ טשאַטע שוואַרצע הונגעריקע קראָען
אַזוי פאַדען אַרום מיר די זאָרגן.

איך בין אַ קעלנערין ביי פרעמדע טישן;
ס'איז זומערדיק און שיין און אַלץ בליט —
טאָ ווי זשע קאָן איך איינזאַפּן דעם זומער,
אַז שווערע מי אויף מיינע פינגער גליט.

צו דיר, מיין כאַווערטע, צו דיר מיין ווייטע —
דערציילן וויל איך איצט מיין טיפן וויי:
עס קומט אַהער דער זאַטער דאָר פאַרוויילן,
אָט וועל איך דיך באַקענען דאָ מיט זיי.

זיי קומען אַהער בייכיקע, מיט גרויסע אויטאָמאָבילן,
מע דרייט דעם בייכיקן ציגאַר פון צאָן אויף צאָן,
מע רעדט פון פּאָליטיק, געשעפט און פערד־געווינער,
און קאָרטן שפּיל פאַרנעמט דעם אויבנאָן.

ביים מאָלצייט קוויקט מען זיך מיט שמאַלציקע מאַכאָלים,
מע קרעכצט פון צופיל עסן און מע גענעצט פויל;
די פרויען כיינדלען זיך, באַווייזן זייער צירונג,
מע מאָלעגיירעט גאָס מיט פולן מויל.

פעסי הערשפעלד־פאָמעראַנץ

די ראַדיאָ פאַרשרייט די אָוונטיקע שטילקייט —
און ווידער קאָרטן שפּיל — ווערענדעס פול געפּאַקט;
די יונגוואַרג דזשעזעוועט אין אָרטיקער קאַסינאָ,
אָרקעסטער ריטשעט, ווייִנט און פּײַקלט צו צום טאַקט.

אין נעכט לעוואָנעדיקע, אין פולן זומער־בלי
פאַרכראָפּען זיי גאָטס שיינקייטן אויף ווייכן בעט;
און איך מיט מי אויף הענט, אויף ערד פולברוסטיקער
אָטעם איין דעם זומער־בלי ביז שפּעט.

איך טראַכט פון דיר, איך טראַכט פון זיי, איך טראַכט פון יענע,
ביי וועמען הונגער פאַראַדירט אין הויז;
טאָ ווי זשע קאָן מען רואיק זיין און פרייען זיך,
ווען עס גריזשעט דיך פאַרדרוס — אַ שוואַרצע מויז.

איך טראַכט פון שטול עלעקטרישן און פון דער טליע,
וואָס בענקען נאָכן גוף פון קעמפער און דערלייזער;
טאָ ווי זשע קאָן מען רואיק זיין און פרייען זיך,
ווען דו לעבסט אין אַזאַ וועלט, אין אַזאַ בייזער.

און איך, וואָס טראָג פאַר זיי די פולע טאַצן,
פאַרנעם דעם צאַר פון דעם באַליידיקטנס געוויין;
און איך, אַ קעלנערין, וואָס רייניקט אָפּ די טישן,
טראַכט: דאָס לעבן קאָן שוין מער אַזוי ניט גיין!

אַז ערגעץ קנוילן זיך די הענט פון מי און פויסטן,
אַז זאַטער דאָר איז טויב צו מענטשלעך צאַר און וויי,
אַז אויגן פלאַמען ערגעץ ווילד מיט וועלפּיש צאָרן —
פאַרגיב מיין אויפגעפלאַמטן און פאַרצווייפלטן געשריי!

שיפרע ווייס

מיין ליד

ווען איך דערפיל דיך, ליד, אין מיר
ביזטו דער מייסטער איבער מיר.
נאָר אַז איך האָב דיך שוין אויפן פּאַפּיר,
הויב איך זיך אָן דינגען מיט דיר.
דינג איך זיך מיט אויסיעס,
קריג איך זיך מיט ווערטער,
און אין פילע ערטער,
וואו ווערטער ווילן זיך ניט רירן —
נעם איך זיי, ווי קינדער פאַר די הענט,
אויף מיינע וועגן זיי צו פירן.
אין גאַנג בערויגעזן מיר זיך אָן,
ווי מיר וואָלטן איינס דאָס אַנדערע
געשטעלט אין קאָן.
קומט די ליבשאַפט ווי אַ מאַמע,
קושט אונדז אויס די אויגן.
ווערן מיר זיך אַזוי נאָענט,
ווי מיר וואָלטן אונטער איין האַרצן געלעגן.

שטאָט ליד

שטאָט גאַס, אייזערנע טאָלן,
צווישן שטיינערנע ווענט
צעשאָטן, צעמאָלן;
דער און דער, און ער —
קיין נאָפּקעמינע ניט מער.

שיפרע ווייס

קליידער און לייבער,
ביינער און איך —
אין מיסט פֿאַרוואָרפֿן,
ווי שמאַטעס, ווי צעריסענע שיך .
נעשאָמע צום זימס צוגעקלעפּט
ווי אויסגעקייטע קייגומע, —
שפּעטער ווידער אין מויל צו נעמען...
דער און דער, און ער —
קיין נאָפּקעמינע ניט מער.

פֿון צעשאָטענע צעפּ
אָפּגעטאָן דער כיין;
ווי ניט צעפּליקטע פּעדערן
אין ציכן אומריין.

רייעך ווי פֿון שלאַכטהייזער,
ווי פֿון נורעס, קופּעס מיסט,
וואו קרעץ און וואונדן —
מערן זיך, פּלאָדען זיך וויסט.

פֿאַרשאָלטענע בריסט,
באַשפּיגן מיט צעקייטן טאַבעק־געל;
ווי פֿון מייז צעגריזשעט —
אין קלייטן פֿאַרשימלטע זעק מעל.

די טויערן פֿון דוירעס,
וואָס מאַמעס ווי שוואַרצאַפּל היטן —
אין רינשטאָק פֿאַרוועריִמט
פֿון לעבן די בליטן,

מאַלקע כייפעץ טוזמאַן

אָקטאָבער

אָ, וואָלט ווער אַרומגענומן מיר מיין האַלדז,
וואָס איז אין פיין פאַרוואָרפן. —
אַזוי מאַטערט זיך אַ פויגל
פון קינדיס אַ שטיין געטראָפן;
און קינדער העוטלעך בענקען,
רייסן זיך צו שפיל —
ווי צום קופער אינדערלופטן
עס רייסן זיך די גלידער מיינע
און ווינען שטיל.
דינע קופער־שווערדלעך פליען
און פאַרוואונדן;
ציטערט אויף די ביימער־שפיצן
קרעכץ פון מיינע וואונדן,
האָט די ערד אַליין זיך שוין דערשראָקן
און ציטערט ווי אַ זינדיקער
ביים קלאַנג פון גלאָקן.

מאַלקע כייפעץ־טוזמאַן

טריאָלעטן

א

אין אַ ווייסער פּאַסמע זייד
ליגט מײַן לײַדנשאַפט געבונדן.
בײַס איך פעדעמלעך פאַרשײַט
פון אַ ווייסער פּאַסמע זייד
און ביזן בײַן דאָס לײַב צעשנייד —
דאָך זינג איך קושנדיק די וואונדן:
— אין אַ ווייסער פּאַסמע זייד
ליגט מײַן לײַדנשאַפט געבונדן!

ב

מײַנע ווערטער ניט געשפּאָרטע
בלאָנדזשען אום און שעמען זיך.
אַרויסגעשיקט זיי ניט געפאָרטע,
מײַנע ווערטער ניט געשפּאָרטע,
און איך אַליין אַן אָפּגענאַרטע
ווייס אַז ערגעץ זוכן מיך
מײַנע ווערטער ניט געשפּאָרטע
וואָס בלאָנדזשען אום און שעמען זיך.

ג

פרום ווי אין טפילע זיך געצויגן
אין אַ פאַרקנעפּלט שוואַרצן קלייד —
נאַקעטקייט שאַרף און דין אַזוי געבויגן.
פרום ווי אין טפילע זיך געצויגן
און אַלץ געזען דורך האַלב פאַרמאַכטע אויגן
האָט אַן אויסגעפּרוואווטער כאַלעף אין אַ שייד
פרום ווי אין טפילע זיך געצויגן
אין אַ פאַרקנעפּלט שוואַרצן קלייד.

מאלקע בייפעץ־טוזמאַן

פוס־באַל

פיס אין באָדן איינגעגראָבן,
זייט אין זייט אַריינגעפלאָכטן
און אין פעלד זיך אויסגעפלאָכטן
האָט אַ לעבעדיקע ראָד.
צוויי און צוואַנציק שטייפע מענטשעלעך,
שטייפע, גראַדע גומע מענטשלעך
אייגעפאַסט אין קורצע הייזלעך
שמייען אום אין ראָד.
שמייען אום און גלאָצן אויגן,
וואַרפן עפעס פייל פון בויגן,
ציען הענט זיך גלייך און קרום
לויפן פיס און
פאַלן אום.
פאַלן מענטשלעך נאָך אַנאַנד,
גראָבן בייכער זיך אין זאַמד
גריזשען ציינער גראָז און ערד
אַ געפלעכט פון פיס און הענט.
הורבעט, הורבעט זיך אַ בערגל
אָנגעשטאָפּטע שטייפע זעקלעך,
זעקלעך־מענטשלעך —
ערד צו ערד.
מיט אַמאָל —
ס׳פּלאַצט די הורבע.
עפעס האָט זיך ווער דערגראַבלט
האַלט עס שטייף דאָס שטייפע מענטשל.
שוועבט עס, פליט עס — מאַכט אַ וואָרע!
ס׳יאָגט פון מויל אים הייסע פאַרע.
ציטערט ראָד אַרויס פון גאַפן:
אָט, אָט! —אָט, וועט ווער געווינען!

רירט זיך מענטשן־ראָד פון זינען!
ווערט עס ראָד פון קרומע מיילער,
קרומע מיילער, ווילדע אויגן
שרייען עפּעס
ניט געשטויגן:
— יאָגט אים! כאַפּט אים!
רייסט אים! בייסט אים!
דרייט אים! שלעפּט אים!
לייגט אים! בייגט אים!

העי, ריי — דריי — ריי!
העי, ריי — ראַ!
העי, ריי — ראַ!
ר יי — ר יי! ר יי — ר יי!
ר ר ר ר א — א !!!
ר ר ר ר א — א !!!
ר ר ר ר א — א !!!

זומער

סיהאָט זיך צעקלונגען מיין לוסט
מיט פרייד פון קינד
וואָס בייסט דאָס ערשטע ציינדל איין
אין מאַמעס ברוסט;

נאָר ציטער וואַכט
ביים ראַנד פון אויפגערייצטע טיפן —
ערגעץ אין אַ בלינדער נאַכט
קרייצן מיינע שיפן...

מאַלקע בײַפּעץ־טרוזמאַן

טוט מיר באַנג

אַוואַדע טוט מיר באַנג,
וואָס דו ביזט ניט געווען דערביי,
ליבער דו,
ס'איז געווען קעדאַי!
נו —
ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל,
וואָס מיין שיינקייט
פאַרשווענדעריש זינגט זיך אויס —
וואָס קומט אַרויס?

ס'איז ניט דאָס ערשטע מאָל,
וואָס פרעמדע כאַפּן אויף
מיין דימענט־שטויב.
גלויב!

כיהאָב געמיינט פאַר דיר —
נאָך אַ פּוץ און נאָך אַ ציר
און דו?
נישטאָ!

געטראַכט — כיבין שוין דאָ
און שיין בין איך שוין סיי ווי סיי
איז עפּשער ניט קעדאַי
זיך שפּאַרן.
סע שטייען ניט די יאָרן...

נאָר ס'טוט מיר באַנג,
וואָס ניט דו ביזט עס געווען דערביי,
ס'איז געווען קעדאַי,
ליבער דו,
נו —.

ווען כאָלילע

טייערער,
איך קאָן דיך ניט אַפּילע —
וואָס זשע וואָלט פון מיר געוואָרן
ווען כאָלילע
כיזאָל דיך אויסטראַכטן ניט קאָנען.
מיין גוטער,
כיבין אַ יונגע פרוי
און גאָט ווייסט ווי אַזוי
ס׳איז שווער
ציען פריידן פון די פינגער
ניט מער —
עס ווערט אַביסל גרינגער.
איז מיר אומעטיק
חיין לעבן,
מוז איך וועבן
כאָטש פון שפּינוועב מיר אַ כאָלעם,
אַז דו,
קלוג און וואונדערלעך און שיין
ערגעץ וואו
ביזט אויך אַליין
און בענקסט נאָך מיר אַוואַדע —
וואָס זשע וואָלט פון מיר געוואָרן
ווען כאָלילע
אויסטראַכטן
כיזאָל ניט קאָנען דיך אַפּילע?

מ. טקאַטש

די דיונס ביינאַכט *)

כוואַליעס לויפן אין טעראַסן,
גלייך ווי ווייסע מאַרמאָר־טרעפ.
גליטשט אַ שטראַל זיך אויפן וואַסער,
ווי אַ דאַמע מיט אַ שלעפ.

זאַמד און וועלן, ווי אַ וויסטע
(מיט אַ קאָרטש אַ פילאָזאָף,)
האָווקעט הינטיש אויף די פיס־טריט,
וועלכע וועקן אים פון שלאָף.

זיצן מענטשן ביי אַ פייער,
צו דעם מילכוועג גייט דער רויך
און אַ פונק גייט אויף צושטייער
צו די שטערן אין דער הויך.

מענטש און כוואַליע זינגען לידער,
און די בלויע שטילקייט רעדט,
און דער הימל איז אַ סידער,
און די שטערן — אַ געבעט.

*) אַ זאַמדיק־געבערגטער געגנט לעבן לייק מישיגאַן

מ. טקאַטש

אויף כוואַליעס

דער יאַם האָט ניט קיין פּורעם,
דער ווינט בלאָזט אָן אַ פּלאַן.
דאָס ליכטיק אויג פון טורעם
פאַרבעלמעט דער טומאַן.

אויף כוואַליעס פון יעסורים
וואָס פינעט זיך דאָס גליק?
איך בין שוין מיד פון שטורעם,
וואָס וואַרפט מיך הין און קריק.

איך זוך אין יאַם אַ פּורעם,
איך זוך אין ווינט אַ פּלאַן.
דאָס ליכטיק אויג פון טורעם
עס פינטלט אין טומאַן.

ווי שאָף

איך וויים, וואָס יעדע כאַיע ווייסט,
אַז פּיין איז אַ באַשערטער,
און ווערטער גיבן ניט קיין טרייסט
און טרייסט האָט ניט קיין ווערטער.

אָ, לאָמיר טרייסטן זיך ווי שאָף,
זיך האַלדזן און ניט רעדן,
און שטיין צוזאַמען ביזן סאָף
אין שטומע טרייסט און ליידן.

מ. טקאטש

פאַר דעם אַליין

אַ הימל בלוי און ריין
אין וואָלקנס ווייס, געלייטערט.
שוין בלויז פאַר דעם אַליין
איז גוט צו לעבן ווייטער.

אַ ליבע מילדע זון,
אַ צאַרטער ווינט, אַ ווייכער,
און וואָס סיהאָט ווי געטאָן
איז בלויז אַ זיסער זייכער.

אַ שאָטן פון אַ בוים,
אַ פלוידערן פון בלעטער,
און ווידער וויגט מיין טרוים
די האָפענונג אויף שפעטר.

זאַטקייט און הונגער

פון שטיין די פענימער, פון שטאָל די אויגן,
די האַרטקייט פון אַ וואָלף ביים עסן.
מען זיצט ביי טישן שטייף און אָנגעצויגן,
אַזוי ווי אין רייפע פעסער.

די טישן זיינען פול, קעיאַד האַמעלעך,
מיט עסנוואַרג, און וויין, און בלומען.
מען טרינקט און אויפן האַרצן איז ניט פריילעך,
מען עסט און ס'איז ניט זיס צום גומען.

מען קוקט באַזאָרגט אין דרויסן, וואו סימאַרשירן
די אַרבעטלאָזע, ווי אַ כמאַרע.
— העי, קעלנער, שטייען וועכטער ביי די טירן? —
— יאָ, זיכער, מיינע ליבע האַרן! —

— העי, קלעזמער, שפילט! און פריילעכער און העכער!
העי,טענצערינס, דעם טאַנץ פון כאַוועז! —
און אונטער טענער גרילצנדיקע פרעכע
צעטרייסלט זיך דער שוויין, די טייוועז.

און ס׳הוליעט די הולטאַיסטווע אויסגעלאַסן
און די העפקיירעס טאַנצט מיט האָזע —
צום טייוול מיט די הונגעריקע מאַסן!
צום טייוול מיט די אַרבעטלאָזע!

און פּלוצלונג, ווי אַן ענטפער די הוליאַקעס,
טראַך־טראַך! עס פליען שטיינער, ציגל
און פענצטער־שויבן רייסן אויף און קנאַקן
און ס׳פּלאַצט אין שפּליטערן אַ שפּיגל.

און, ווי געכאַפּט אין מיט פון אַ פאַרברעכן,
אין העלדזער בלייבט דער ביסן שטעקן,
פאַרשטיינערט בלייבט די האַנט, וואָס טראָגט דעם בעכער,
די ליפּן, וואָס צום ווײַן זיך שטרעקן.

די נאַקעטקייט פאַרדעקט זיך מיט די דלאָניעס,
די פרעכהייט מיט אַמאָל פאַרשעמט זיך
און אַלץ איז ווילדער שרעק פאַר דער פּוראָניעס,
וואָס האָט געסטראַשעט און דערנענט זיך.

אָט קומען זיי די הונגעריקע שוּיפטים,
זיי שרייען מיט פאַרשמאַכטע צונגען:
— די זאַטקייט האָט גענוג געפרעסן און געזויפט שוין,
איצט וועט זיך זעטיקן דער הונגער! —

אַ ווערבע וויל זיך ניט צוואָגן

מיט צעפּאַטעלטע האָר
שטייט ביים וואַסער אַ ווערבע,
און זי וואַקלט זיך שטאַרק,
און עס שוידערט איר קערפּער.

זוכט דער ווינט אין איר קאָפּ,
וואָס לאַנג ניט געוואַשן,
און ער מאַכט: אַי, אַי, אַי!
און ער בויגט זי צום וואַסער.

טונקט נאָר איין זיך אַ לאָק,
ווערט די ווערבע דערשראָקן,
און זי וואַרפט זיך צוריק,
און זי וויל זיך ניט צוואָגן.

שוועבט אַ וואָלקן פאַרביי,
טראָגט ער וואַסער אין עמער,
גיסט ער אויס אויף איר קאָפּ
און אַ סאָף זאָל עס נעמען.

בויגט די ווערבע זיך איין
אָפּגעשמיסן, דערשלאָגן
און זי וויינט אויף איר בראָד,
וואָס מען האָט זי געצוואָגן.

דאָס טייכל קאַטשעט זיך אויפן בייכל

דער גלאַנץ, דער שפּיגל פונם וואַלד,
זיין ליב און טייער טייכל
האָט אָנגעהויבן וואַרפן זיך
און קאַטשען אויפן בייכל.

האָט שטאַרק דערשראָקן זיך דער וואַלד
און איבערן טייכלס בעטל
האָט ער געשטרעקט די הענט נאָך הילף,
געשריען: „געוואַלד!", געבעטן.

האָט אָפּגעשפּראָכן אַ גוט אויג
דער ווינט מיט זיינע ליפּן;
האָט אַ רעצעפּט דער בליץ אויף שנעל
דעם כוילע צוגעשריבן;

האָט הויך דער דונער זיך צעקנאַלט
די מאַכלע אָפּצושרעקן;
האָט באַנקעס גלעזערנע געשטעלט
דער בלעזלדיקער רעגן;

האָט פילן, פּראָשקעס, קרייטעכער
דער וואַלד אַליין געשאָטן
און פון זיין ליבלינגס קראַנקן־בעט
איז ער ניט אָפּגעטראָטן.

ביז אויפן בויך צו קאַטשען זיך
האָט אויפגעהערט דאָס טייכל
און אָנגעהויבן פּאַטשן זיך
אין אויסגעהיילטן בייכל

די בערעזע

שיינע האָר קורטשעראַווע
האָט די ווייסע בערעזע,
נאָר וואָס איז דען די פּעולע,
אַז זי איז אַ נערוועזע?

ווייל דער ווינט זי פּאַרקעמעט
ווי אַ מאַמע אַ טאָכטער,
הויבט זי אָן זיך צו וואַרפן,
ווי מען וואָלט זי געשאָכטן.

און זי ווערט זיך, און קערט זיך,
און זי דרייט מיטן קעפּל,
אַז דער ווינט קאָן ניט קעמען,
ניט פּאַרפּלעכטן קיין צעפּל.

איז דעריבער צעפּאַטלט
די בערעזע קעסיידער
און אין האָר קוטשעראַווע
וואַקסן קאָלטונעס, ליידער.

אַ וואָלקן שמירט זיך אויס

האָט אַ וואָלקן אַ פּאַרשייטער
אויף אַ באַרג־שפּיץ זיך געשפּילט,
זיך געקאַטשעט און געגליטשט זיך
און האָט אויסגעשמירט זיך ווילד.

איז דער ווינט אים נאָכגעלאָפן
און געריייצט זיך, און געשפּעט,
און אויף שנעל אַוועק אין הימל,
און פאַרמאַסערט, און באַרעט.

האָט דער בליץ די ציין געשטשירעט,
האָט דער דונער בייז געקנאַלט
און דעם וואָלקן שטריינג באַפוילן,
אַז ער זאָל זיך וואַשן באַלד.

האָט דער וואָלקן אַ פאַרקרימטער
זיך געקאָרטשעט, און געדרייט,
און געוואַשן זיך אָן כיישעק,
נעבאַך, ווייַנענדיקערהייט.

אַ פוילער וואָלקן

קריכט אַ פוילער וויסער וואָלקן,
ווי אַ צאָפּן־בער.
זיינע לאָגלען זיינען ליידיק
און ער שלעפט זיך שווער.

לאַנג שוין אַז קיין האַנט אין וואַסער
טוט ער ניט אַריין —
בעסער ווי אַ וואַסערטרעגער
איז — אַ פוילער זיין.

גייט ער קרוע־בלוע, באָרוועס.
ווילד איז זיין געשטאַלט.
שערט ער זיך ניט און ער קעמט זיך
אָן אַ הויכן וואַלד.

גייט ער ניט אין יאַם זיך באָדן,
ס'איז אַזוי אויך פיין,
קראַצט ער זיך אָן באַרג די פלייצע
און שפּאַרט אַרבעט איין.

מאַכט ער זיך ניט קיין געלעגער,
בעסער אויבנאָן
אויף אַ באַרג זיך אַויסצולייגן,
גלייך ווי אַ באַראָן.

וואָלט געווען ניט שלעכט דעם וואָלקן,
וואויל און פויל אַזוי,
נאָר ס׳יפאַרביטערט אים דאָס לעבן
דער ווינט, יימאַך שמוי!

נאָר ער פלאָגט אים, נאָר ער יאָגט אים,
נאָר ער טרייבט אין קאַרק,
ווי די פּאָליציי אַ שלעפער
פון אַ באַנק אין פּאַרק.

די ציכטיקע קאַץ

(פאַבל)

די קאַץ האָט זיך געוואַשן, ווי געווייינטלעך —
געזוכט אין פעלכל מיט די צייינדלעך,
באַלעקט זיך מיטן צינגל,
ניט דורכגעלאָזט קיין שפּרינקל
אַפילע אויפן עקל;
געוואָרן פּאַרטיק מיטן טואַלעט,
האָט מיט דער לאַפּקע איבערן בעקל
די קאַץ געגעבן זיך אַליין אַ גלעט
און אָנגעהויבן בורטשען, לויבן זיך אַליין:
כיבין ריין און ציכטיק — אַ מעכאַיע
איך וואַש זיך מער פון יעדער אַנדער כאַיע.
כיבין זייער, זייער ריין. —
נאָר פּלוצים אויף איר בראָד
איז גראָד אַרויס אַ מייזל פון אַ לאָד.
און — אוי, אַ גרוילי! —
די קאַץ, וואָס האָט מיט ציכטיקייט באַרימט זיך,
האָט, כאַפּנדיק די מיעסקייט אין מויל,
אַפילע ניט פאַרקרימט זיך...

מ. טקאַטש

די צוויי ציגן

(פֿאַבל)

אין טעג פֿון שנייען, פֿרעסט,
ווען שפּייז פֿעלט אויס דער כאַיע,
האָט אַ ציג, וואָס איז ביים מענטש אויף קעסט,
געטראָפֿן זיך מיט אַ ווילדע ציג אַ פֿרייע,
— אוי, שוועסטער, ביזטו לייביק — קיין אַן האָרע! —
האָט ניט אָן קינע
באַמערקט די ציג די דינע,
וואָס לעבט שוין וואָכנלאַנג אויף קאָרע.
מיין באַלעבאָסטע לאָזט מיך ניט פֿאַרוועלקן.
איך בין ביי איר אַ גאַנצער שמעלקע, —
האָט זיך באַרימט די דיקע.
— פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? —

— איך בין אַ מעלקעדיקע. —
— אַזוי! און איך האָב ערשט מעקאַנע דיר געווען.
נאָר כיוועל שוין ליבערשט וועלקן,
אַבי זיין פֿריי און זיך ניט לאָזן מעלקן. —

ל. מאַטעס

דעם דיכטער איז גוט

„דעם דיכטער איז גוט:
ער פּראַצעוועט ניט
נאָך דעם פּייף־געזוף פון די רויך־קנוילנדיקע קוימענס
צו אים קומען די מוזן און שפּילן אים גיטאַר,
און ער,
דער האַר,
שפּילט אויף אַ פלייט
און זינגט:
די זון פאַרגייט, די זון פאַרגייט."

די זון פאַרגייט.
געהויקערט איבער אַ בערגל זאַמד פאַרגייט —
ליו ליו.

„רו.
דאָס געטלעכסטע געשאַנק —
ניט וואָר?
און ער,
דער האַר,
באַגלייט פון די מוזן אויף גיטאַר,
האָט עס געקראָגן נאָך צו דרייסיק יאָר.
דעם דיכטער איז גוט!"

מאַטעס ל.

מיט גראַם און אָן גראַם

מאַרמאָר־ווייס ליגט דער דיכטער־קאָפּ צום מיירעוו געקערט.
די פּאַרטיפּטע אויגן נאָך אויגיקער פּאַרטיפּט.
אָנגעהויבן אַ ליד
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
און שקיעדיק לעשט זיך דער געצונדענער פלאַם.
דער פריידיקער רויט אין טרויער פאַרגרויט.
און צופוסנס,
מיט גראַם און אָן גראַם
האַמערט דער טויט, האַמערט דער טויט.

די מאַגנאָליע

מזאָגט,
אַז אפּראָדיט
האָט מיט אַ באַטריגעריש קאַלטן קוש
אויסגעטאָן דעם פרילינג פון זיין בליט.
און פול כאַראָטע און צאַר
מיט ליפּן
שטום,
אויסגעבעטן האָט אין ראַכמים ביי דעם האַר —
די אָ בסאָמים ווייסע
מאַגנאָליע בלום.

מאַטעס ל.

גאַנעל סטריט

בלומען און ווײַנריב און גרינגעשניטענע לאָנען,
פּאַסאַדן פּילפּאַרביקע,
אָפּענע באַלקאָנען,
און פינגער פון טרובאַדור, מיט לײַדנשאַפט אויף דער גיטאַר,
צערטלען אַן אַלטע באַלאַדע —
פון פאַרכאָלעמטע אויגן אין לעוואָנע פאַרטראַכט.
פון אַ האַרץ, וואָס גייט אויס ווי אַ שטערן אין נאַכט.
און פון אַ ריטער, אויף אַ שניי ווײַסן פערד,
מיט ליפּן פול פײַער
און צום פעכט גרייט די שווערד.

נאָר ס'קומט ניט דער ריטער.
לעוואָנע פאַרגייט.
און טרובאַדור מיט גיטאַר אין דער האַנט —
שטייט.
שפּילט און זינגט.
און צווישן בלומען און ווײַנריב און גרינגעשניטענע לאָנען,
קלינגט
פאַרקלינגט
דאָס לעצטע ליד —
פאַר ליידיקע באַלקאָנען.

מאַטעס ל.

ביי די ברעגן

ביי די ברעגן
וואַכט דאָס גרין־רויטע מאַיאַקן אויג,
וואַכט —
עס זאָל קיין אומגליק ניט געשען אין נאַכט,
אין בלינדער נאַכט.

ביי די ברעגן
וואַכט די אָנגעצויגענע ווענדקע,
וואַכט —
עס זאָל דאָס אומגליק געשען,
עס זאָל געשען.

צאַפּלט זיך דאָס פישל
און רייסט זיך ווילד אין ווייטאָק צו די וואַסערן צוריק —
צאַפּלט,
קלאַפּט אַ האַרץ פאַר פרייד
אין ווילדן־פאַנג
פאַר גליק.

בעווערלי הילס

גאַסן —
אַלייען פול בוימער און בלומען.
און אַ קינד ניט צו זען פאַרן אויג.
און בילט אַ הונט —
איז עס אויך אויף אַ קייט.
און אַ פעדלער טוט דאָ קיינמאָל ניט קומען.
איז וואָס בילט דער הונט אויף דער קייט?
בילט ער אויף דעם בלויראָק? —
וואָס שטייט
אויף גאַסן געבאָרן אָן פרייד:
צווישן הייזער —
פאַרטונקען אין בלומען.

מאטעס ל.

קאַפּריז

(לאַמעטלער)

פויק אין דער לעוואָנע, אַזש שטערן זאָלן פליען!

נאַקעטער ווינט

נאַקעטער ווינט גראָבט אין מידבאַר זאַמד.
גראָבט שטיל.
טוט אַ בלאָז איבער דער פלאַך פון האַנט,
און גאָלדיק דרייט דער זאַמד —
אין שפּיל.

אונטער נאָגל

זון בלוטעט, אַ פאַרצוקטע, אונטער נאָגל פון נאַכט.

די זשאַבע

מאָכיקער אומעט.
וואָס וויל די זשאַבע מיט אירע זשאַבעדיקע רייד?

די נעלקע

וואָס האָסטו זיך פאַרקוקט?
און אַז די נעלקע האָט זיך איבערגעבראָכן. נו, איך מיין —
נאַרעלע, — אָט שטעל איך איבער די בלומען:
דאָ די אַסטער, די דאַליע דאָ,
די נעלקע אַרויסגעוואָרפן — און ס'איז ווידער שיין.

אַלע דריי

שניי.
מיין שאָטן אויפן שניי.
און אַלע דריי וועלן מיר צערינען —
מיט זונפאַרגאַנג.

בערג און מידבאַר

שטייען ריזן בערג, מיט שימל גרין און ריזן שטים, פאַרשטיינערט.
און צופוסנס, זאַמען געל, ליגט דער מידבאַר אויסגעשפּרייט.
רויט די זון מיט בלוט אין פעכט, אַ בלוטענדע פאַרגייט,
לאָזנדיק איר פלאַם —
צו וואָלקן ריטער בראַווע פון גאָלדענעם געשפּאַן.

מאָטעס ל.

מאַדאַנע הימל

בלויער
טיפער שויס,
וואַרעם אין שויס,
ווי אַ לאַם פון וואַסער ערשט אַרויס —
אַ ווייס קליין וואָלקנדל.

פּאַלמען

הענט, ברייטפּאַרשפּרייטע,
קויהאַנישע הענט אויסגעצויגן —
איבער קעפּ באַשווערטע פון זוניקער שעפע געבויגן.
געבענטש.

יאָרצייטליכט

טריפן
טריפטראָפּנס
פון יאָרצייטליכט — טריפן.
און וואַרעם הייגט מאַמעס טרער אין ריינעם כיילעוו גערעקט.

קום אַריין

ביזט מיד, לעוואָנע.
קום אַריין.
אָט איז אַ קישן ווייך פאַר דיין צוקאָפּנס.
און אויך אַ וויגליד האָב איך גרייט —
דיך צו פאַרוויגן.

דריי ציפרעסן

דריי ציפרעסן —
שלאַנקע גריכן דריי געברידערט
באַצויבערט האָבן די לעוואָנע אינמיטן גאַנג.
און די לעוואָנע, פאַראַנקערט, אין וואָלקן טיף, האָט אַן אויג
ניט צוגעמאַכט —
ביז זונאויפגאַנג.

מאטעס ל.

דאָס קעלבל

האָסט פאַר דעם קעלבל אַ גאַנצע נאַכט געהיטעט,
דאָס פעלד און גאָרטן הין און צוריק מיט דיין טראָט אויסגעמאָסטן,
אונטער די ביימער,
צווישן די קוסטעס געזוכט,
און ניט איינגעפאַלן איז דיר אַ קוק צו טאָן אין מיינע שטאַלן —
איך — דער גאַנעוו,
האָב דאָס קעלבל ניט פאַרפירן געוואָלט, —
נאָר אין נאַכט דיר צו מיין גוטס פאַרנאַרן,
מיט דיר זיך דורכריידן, דיך צוריק געווינען.

דער צעשראָקענער האָז

דער האָז מיטן פלוצלונגן שפרונג
האָט דיך דערשראָקן —
האָסט אויפגעציטערט און הויך אויפן קאָל זיך צעלאַכט.
דאָס האָב איך דעם האָז פון די קוסטעס אויפן וועג אַרויסגעטריבן:
איך האָב געוואוסט ער וועט דיך דערשרעקן —
נאָר אומזיסט האָב איך געוואַרט
זאָלסט פאַר שרעק
אין מיינע אָרעמס זיך וואַרפן
און מיט פרייד און ליבע שטילן דיין האַרץ...

ל. מילער

דער רוף אַהיים . . .

זע — —
דו האָסט אַליין באַוויליקט מיר
מיין זיין דאָ אויף דער ערד
און פון דער ערשטער רעגע פון מיין קומען
האָב איך שוין אין אַלץ פאַרנומען —
דאָס ליד פון דיין כאַראַטע
און וואו איך קער און ווענד מיין בליק
רופט דיין בענקשאַפט מיך צוריק . . .

זע,
דו האָסט מיך איבערגעענטפערט
צום סוינע אין די הענט,
מיינע יונגע טעג האָסטו געלאָזט פאַריאָכן
און פאַר קנעכט פאַרקויפן. —
מיינע נעכט — פאַרברענט דער סוינע
אויף דעם שייטערהויפן . . .

וואָרום האָסטו דיין קינד געשטעלט צום פרואוו
דורך שטראָף וואָס קומט פון סוינעס הענט?
ווייל אויב דיר איז אין דעם געווענדט
אַז איך זאָל קומען,
דאַרפן פרעמדע הענט מיך פירן
צו דערפילן דיין פאַרלאַנג?
מיט מיין גוטן ווילן
און מיט שפילעוודיקן גאַנג
וועל איך קומען צו דערפילן
דיין פאַרלאַנג . . .

ל. מילער

אין סוינעס לאַנד

פאַרפאַלן!
דער סוינע הערשט.
און איך, בין נישט אין גוטער צייט
געקומען אויף דער ערד. —
ווייל פירן, פירט זיך דאָ אַזוי:
אַז אַלץ איז איינגעטיילט אין האַר און קנעכט
און וואָס עס טראָגט אויף זיך
דעם צייכן פון זיין ליבן נאָמען
ווערט פאַרשוועכט,
און דער וואָס גייט נישט אין דעם טראָט
פון האַר און נויגעש —
ווערט אַליין באַצוואונגען
אין דעם גורל פון די קנעכט . . .

פאַרפאַלן!
איך בין אַהער געקומען אין אַ צייט
פון געצנדינעריי;
אויף יעדן ראָג — אַניאַנדער געץ
און איבער אַלץ
האָט אויסגעשפרייט אַ נעץ פון בלינדן גייץ
דאָס קאַלב —
דער גאָט פון גאָלד;
דאָס קויהענטום איז פאַלש,
און בלינד — דאָס פאָלק;
ברוטאַל און ווילד ווערט אָנגעפירט דער טאַנץ
אַרום דעם קאַלב
און ווער עס טאַנצט נישט מיט —
צעטראָטן ווערט,
און קיינמאָל וועט שוין דער
נישט אויפשטיין פון דער ערד.

ל. מילער

פאַרפאַלן!
נישט באַדאַרפט אַזוי זיך איילן
פאַר דער צייט אַהער צו קומען,
און זיין ליבער נאָמען
האָט דאָך מיך געבעטן און געוואָרנט —
האָב איך דורעס לאַנג זיך אַהער געריסן
און פון אומגעדולד געברענט;
ביז איך בין אַהער געקומען
אומגיין דאָ פאַרשפאַרט און איינגעשלאָסן
אין די אייגענע פיר ווענט,
אָנגעוויזן זיין אויף כעסעד
וואָס וועט קומען פון דעם סוינעס הענט.
פאַרפאַלן — —

איך פרעג ניט דיינע וועגן

און ווען אַפילע מיר געפעלט נישט, —
ווער בין איך וואָס איך זאָל פרעגן דיינע וועגן
אין דעם סיידער פון דער וועלט? — —
איך בין דער וואָס זאָל דיך פרעגן.
נאָר איך פרעג נישט —
מיר געפעלט...

און מעג דעם מענטשנס זיין,
אין גליק און אומגליק זיך צעטיילן,
ווער בין איך, וואָס איך זאָלן ווילן
צווישן אומגליק און דעם גליק ? — —
א י ך ב י ן ד ע ר און א י ך זאָל ווילן
נאָר איך וויל נישט —
אַלץ איז גליק...

ל. מילער

דאָס ליד פון דער סרייפע

איך האָב געמיינט:
איך וועל זיך אויסבאַהאַלטן
פאַר דעם גורל פון די קנעכט,
נאָר מיין אייגן בלוט איז קעגן מיר.
עס וועט אויף אייביק שוין אַזוי
מיין גורל זיין
מיט אייערן פאַרבונדן...

אין טפיסע ווענט

עס וועט אויף אייביק שוין אַזוי
מיין גורל זיין מיט אייערן פאַרבונדן...
דריי איך דאָ דעם שווערן וואל פון גרויסער ראָד,
קנעט דאָס ליים און האַק דעם שטיין,
און מויער דאָ מיט אים און בוי,
דריי זיך מיט אין קאַראַהאָד
פון שאָטנס גרויע
אין די הויכע ווענט פון טפיסע,
און הער אַזוי קעסיידער,
ווי עס ציילט דער זייגער אויס די שאָען
פון די טעג און נעכט,
און פון זייגערס אומרו
טריפן טראָפנווייז די רעגעס...

הער איך:
ווי עס שלאָגט דער זייגער אויס די שאָען פון די טעג
פאַר אַ טויבער וועלט,
וואָס האָט מיט הויכע טפיסע־ווענט
פאַר זיך אַליין די זון פאַרשטעלט
און האָט מיט פלייש און ביין,
מיט יעדן גליד
זיך איינגעמויערט, איינגעשמידט
אין אייזן און אין שטאָל,

און ווינט אַצינד אַרויס פון יעדן שטיין,
און ריטשעט ווילד מיט קוילעס פון טשוהון,
און הערט שוין ניט דורך אייגענעם שיגאָען,
ווי עס שלאָגט דער זייגער אויס אומזיסט
די שאָען פונם לעבן...

הער איך:
ווי עס שלאָגט דער זייגער אויס די שאָען פון די נעכט
פאַר דעם שלאָפנדיקן מענטש דעם קנעכט,
וואָס האָט אַרומגעשלעפט דעם טאָג אויף זיינע פלייצעס
ווי עס שלעפט אַ פערד דעם וואָגן לאַסט
פאַר אַ קאַרגן באַלעבאָס...
געשלעפט — דערשלעפט,
און עס האָט דער מאַסע־טרעגער פון דער וועלט
אַ פאַל געטאָן צום נאַכטיקן געלעגער,
ווי עס פאַלט אַ שטיין אין גראָז,
און ווי טראָפּנס רעגן
טריפנדיק אויף גלאָז,
טריפט אַזוי דאָס לעבן זיינס אומזיסט
טריף־טראָפּ...
טריף־טראָפּ; טריפן זיי ווי פעך, די רעגעס
אויף מיין קאָפּ,
און דער אַלטער, סקריפענדיקער זייגער
הערט ניט אויף צו ציילן
אויף זיין אַלט־קאַמצאָנעסדיקן שטייגער,
און איך, אַ צוגעשמידטער צו דעם וואַל,
דריי די ראָז
און שלינג די טריפנדיקע טראָפּנס גאַל
מיט מיין פּאַרדראָס צוזאַמען,
וואַרט דאָ אַ פאַרקנעכטער,
ביז ער וועט זיך אַזוי קריכנדיק דערשלעפּן
צו דער רעגע,
ווען ס'עט קומען דער גערעכטער
אויסצוטיילן יושער...

ל. מילער

חעי,
איך וועל אַזוי־אָ מיט די פויסטן נעמען שלאָגן
אויף דעם טעלערדיקן פּאָנים זיינעם
ביז די ווייזערס וועלן
אין אַ ווילדער ראָד זיך נעמען יאָגן —
אָט אַזוי־אָ:
שנעלער — שנעלער — שנעלער...

— — — — — — — — — — — — — — —

פאַר די אויגן שווינדלענדיקע קרייזן,
און די שאָען שלאָגן,
ווי עס וואָלט אַ פערד זיך ווילד צעטראָגן
איבער אויסבראַקירטע וועגן
עמיצן דעריאָגן...

— — — — — — — — — — — — — — —

ווילד דאָס פערד, די גריווע — פייער,
איך — דער רייטער.
טראָגן מיר זיך צו דער ווייטער צוקונפט,
און מיר צינדן אויף די וועגן
הויז און שייער,
וואַנט און צאַם,
קומען ווינטן אָן צעווישן
אונדזער פלאַם,
טראָגט זיך איבער דעכער שוין
דאָס קרייען
פון דעם רויטן האָן — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ל. מילער

הייליק איז דאָס פייער

אָט אַזוי:
ווי עס פלאַקערט טרוקן שטרוי
אין אַ נאַכט פון ווינט און קעלט,
ברענט די טפיסע — דאַך און ווענט!

נעמט אַוועק די הענט פון פייער! —
קיינער זאָל נישט ראַטעווען,
נישט לעשן! —
אין די פלאַמען — דאַך און שוועלן
מיטן פונדאַמענט צוזאַמען זאָל עס ברענען!
ווי צו יענעם, וואָס וועט וואַגן
זיך צו שטעלן קעגן פייער!
אייך איז אַלץ געווען דאָ הייליק
אין די הויכע טפיסע־ווענט.
אונדז איז הייליק נאָר דאָס פייער,
נאָר דאָס פייער,
וואָס פאַרברענט — — —

אייער הערשאַפט איבער אונדז
און דעם שווערן יאָך,
וואָס האָט אונדז אונטערטעניקט און פאַרקנעכט
אונדזער לעבן נאָר, דאָס הייליקע,
האָט איר פאַרשוועכט,
און דורעס־לאַנג געפייניקט
אין די הויכע טפיסע־ווענט.
איצטער ברענט!
און הייליק איז דאָס פייער,
וואָס פאַרטיליקט,
וואָס פאַרלענדט אייער שטאַם — — —
הייליק,
הייליק,
הייליק
איז דער פלאַם
פון אונדזער פייער — — —

ל. מילער

אונדזער פײַן
האָט איר ווי ווײַן,
ווי הײליקן, געגאָסן,
און פרום האָט איר געקוויקט זיך
מיט די רײכעס
פון אונדזער ברענענדיקן לײב
אויף אײערע מיזבײכעס,
די טמײע און די טרײפע — — —
איצט זינגען מיר דאָס ליד פון סרײפע
און עס שפּרייט זיך דאָס געזאַנג,
און עס בעט זיך בײ די פלאַמען,
שפּרייט זיך,
שפּרייט זיך,
שפּרייט זיך.
אונדזער אײנציקער באַפרייער —
פײער!
מיר פאַרהײליקן מיט געזאַנג מיט געזאַנג דיך, פײער,
דו, באַנײער פון דער וועלט!
אויף די אויסגעשפּרייטע פליגלען
נעמט אונדז, פלאַמען!
הויבט אַרויף אונדז איבער צאַמען,
איבער ווענט און דעכער,
הויבט אַרויף אונדז
העכער,
העכער,
העכער!

ווי אַ פלאַמענדיקע פּאָן
אויף דער העכסטער הויך,
ווי אַ פײערדיקער האָן,
וועל איך אַ פּאַטש טאָן מיט די פליגלען
און זיך בסודעדיק צעקרײען:
איך זאָג אײַך אָן,
איך זאָג אײַך אָן,
איך זאָג אײַך אָן!

אַלטער עסעלין

פּראָלעטאַריער

צו אונדז געהערט אַ שוואַרצער שטעטל האַרטע שטאָטישע ערד,
שטייגן גאָריקע פון שטאָל און שטיין מיט קרעכצנדיקע טרעפּ, —
און גראָבע ברויט מיט באָב און קרויט צום פרעס פון פעטע טעפּ
און קרייטעכער, וואָס פאַסן פאַר אַפן און פאַר פערד.

אַלטע טוך, וואָס פוילט אין קראָם, געפעלשט נאָך אין פאַבריק, —
מיט דעם באַנייט דאָס אָרים ווייב אי זיך, אי מאַן, אי קינד;
און ווי מיטוט איז שלעכט, און וואָס מיטוט איז זינד —
און אויג זעט, האַרץ פילט, — כאָטש ביניא די הענט מיט שטריק...

אונדז דערשמעקט די קרענק צוערשט און שפּרייט זיך ווי אַ פּעסט,
צעלייגט אונדז ווי ליזאַרדן, — רולאָזע אין שלאָף;
און אָפט באַפאַלט מען אונדז, ווי וועלף אויף אומבאַשיצטע שאָף:
טויטע נעמט מען צו, מיוויינט און מען פאַרגעסט.

טויזנט מאָל געהערטע בראָכע פון דעם ראָוו און פּריסט,
שאַלט נאָך אַלץ פון פוסטע ווענט, פון אויסגעמיידטן קאָל;
און אַז מיפאַלט צו פרי אין יאָך, איז דאָ אַ שטאָט שפּיטאָל, —
זיסע רו: אַזוי אַמאָל ווערט אונדזער לעצטע שאָ פאַרזיסט.

אַלטער עסעלין

איצטיקס

ניטאָ שוין קיין לירע,
דער זשאַוור האָט לאַנג שוין די סטרונעס צעפרעסן;
אויב עס שטייט נאָך ביים פענצטער דער אַלטער אָרלעקין
איז אַזוי ווי אַ מומיע — אים צערטלט שוין קיינער.
אין טונקעלע זאַלן, ביים וויין־שיין, אין נאַכט־רו
הויערט דער שטויב אויף די ווייכע דיוואַנען
און קנייטשט זיך אין פאַלדן.
די ראָז־ווייסע הענט פון די איידעלע דאַמען,
ווי שוועבנדע פליגלען פון שניי־ווייסע מעווען,
הענגען אַרונטער — באַפּראַנזטע אין זיידנס —
פאַרבענקטע צום שאָטן פון צאַרטן מאָזאַרט.
נאָר דער גלאָק און טרומפּייט און דער פּויק אויף די גאַסן
דערגרילצן דעם טרויער אין זאַלפּיקן ריטם.
זאָל ווער עס וויל טאַנצן אַ פרעכטאַנץ, אַ פריילעכס,
זאָל ווער עס וויל קלאָגן אַ טראָגיקן יאָמער —
אַלציינס פאַר דעם בלייאיקן הימל.

ניטאָ שוין קיין קויהען, קיין לעמל אין מישקן,
דער אורים וועטומים איז לאַנג שוין צעשמאָלצן,
עס קרויזט ניט קיין ווייראיך פון גאָטישע שפּיצן,
עס פערכעט די ליריק פון יעשו האַנויצרי;
אַ קלאָון, אַז ער וויל, רעדט ווי מושע בען אַמראָם;
אַ זוינע טיילט צדאָקע דעם נאָזיר ביים גאַנגעס,
ס׳איז כאַלעף, אַלץ כאַלעף, נישט אָקס בלויז דער קאָרבן. —
ס׳איז די גאַנצע ערד אַ מיזבייעך אַ רויטער
און ניטאָ ווער זאָל שטראָפן. ניטאָ ווער זאָל בענטשן.
אָ, ווער וועט דאָס דינקייט פון טיף פּיין דערהערן
און ווער וועט פאַרווערן
צו דעוועך מיט גרוילן, מיט בלוט צו דערהיצן
די שטאָל־קאַלטע פלאַטן, די קובן, די קריצן —
ביים פאַלן און אויפשטיין.

אַלטער עסעלין

איך בין אָרים

מיין שאָכן האָט אַלץ,
אי ברויט, אי לאַנד אי רום,
זיין לעבן שפּילט ווי אַ לוסטיקער וואַלץ.
זיין נאָמען ברענט ווי אַ פייערשילד
וואָס הענגט אינמיטן שטאָט;
אַ קנעכט איז אים אַפילו גאָט.
אַ פויגעלע טרילט סיי טאָג סיי נאַכט
אין אַ גאָלדענעם שטייג אויפן וואַנט —
פון פרילינג אין יאַפּאַנס אַ וואַלד,
נאָר דער פויגל רעגט קיינעם ניט אָן,
דער פויגל וועקט קיינעם ניט אויף.
מיין שאָכן איז רייך אים איז גוט,
גוט, און — עפּשער ניט גוט.

נאָר איך בין אָרים, האָב גאָרנישט ניט,
בלויז אַ האַמער, אַ זעג און אַ דלאָט.
און ווען דער וואָלקנפּלאַם ווי אַן אָרעם פון גאָט
ברענגט מיך אַהיים — מיינע שטומע פיר ווענט,
בין איך מיד, און קאָן מיינע הענט
ניט הויבן צו גאָט,
און אַז איך הויב זיי אויף — פאַלן זיי אַרונטער,
ווייל די הענט מיינע זיינען נאָך שווערער פון יאָך
און גאָט איז מיר איינציק, ערשטער און לעצטער
פאַר מיין האַרץ וואָס איז פול און אין בראָך,
פאַר מיין אויג וואָס איז טיף און לויפט איבער.

איך בין אָרים, איך האָב גאָרנישט ניט,
נאָר אַ האַמער, אַ זעג און אַ דלאָט,
און אַ דימענט וואָס לויכט אין מיין פינצטערער ליד,
און אַ טרער וואָס ברענט אין מיין טפילע צו גאָט.

אַלטער עסעלין

באַלאַדע פון אַן איבעריקן מענטשן

אַ מענטש, אַ פינצטערער, וואָס פירט אַ פינצטער לעבן,
האָט מיך אָפּגעשטעלט מיט אַ שכיטע־בליק,
און ווי אַן אײַזבאַרג, וואָס שטויסט אַ שיף צוריק,
מיר „גריסנדיק" אַ האַרטע האַנט געגעבן.

כ׳האָב קיינמאָל ניט געזען ווי אַ צאַדיק רעדט צו גאָט,
איך ווייס ניט ווי אַזוי גאָט היט אים אויס פון שלעכטס,
איך ווייס נאָר אַז עס העלפט ניט קיין טפילע אָדער קרעכץ,
ווען עס טרעפט דיך אָן אין גאַס אַ בען נעוואָט.

איך אײַל, מײַן הער,האָב איך געזאָגט, איר זעט,
דער זייגער איז שוין אַכט, מיר גייט אין פּינקטלעכקייט —
צום בלענדשילד איבער אונדז — די זלידנע ליכט וואָס שרייט:
דזשאַן באַרימאָר שפּילט דאָ היינט האַמלעט.

און איר, מיגריסט ניט מיט די הענט צום ערשטן מאָל,
מיר אַרט שוין ניט וואָס איר זיינט ניט ראַזירט, —
אַ ראָק אָבער פאַרשפּילעט מען, ווער רעדט נאָך ווען מ׳פּרירט.
איר טרינקט, מיר דוכט, שוין צופיל אַלקאָהאָל.

אַ רעגע שווינדט. ער ענטפערט ניט. נאָר שולדיק איז די צונג,
וואָס זעלטן ווען געפינט זי דאָס געטרייע וואָרט.
ער שווייגט. איך שפּיל מײַן לעצטע קאָרט.
איך טראָג מיך אָפּ, אַ גוטע נאַכט דעם „דעספּעראַדאָ־יונג".

אַ שלאַנג טויט מיטן צונג. אַ טיר — מיט צײַן און האָרן.
אַ מענטש אָבער האָט פײַן געשמאַק (און טויט ווי שלאַנג און טיר), —
וואָס אַרט מיך אָט דער מענטש, וואָס פּלאָנטערט הינטער מיר,
צי זוכט ער ניט דעם אָפּבונד פון די יאָרן?

אַזויפיל איז דאָך דאָ אויף אַ מענטשלעך געזיכט,
גיי קלייב זיך דאָ פונאַנדער אין צופאַל און קאַפּריז. —
אַז אַ קרים נאָר מיט די ליפּן טויט אַ ביס,
כאָטש יענער ווי אַ פּיקהאָלץ נאָך אַ וואָרים קריכט.

אַלטער עסעלין

איך קער זיך אום (עס בייסט אַמאָל דער וואַנציקער געוויסן):
— פאַרגיט מיר, פריינט, מיעט היינט האַמלעט ניט שפּילן.
פאַרשפּיליעט זיך, ס'איז קאַלט, איר וועט זיך נאָך פאַרקילן.
איצט זע איך אים אַן אַנדערן — אַזוינער וועט ניט שיסן.

ער קוקט אויף מיר ווי דורך אַ גלאָז און איך רעד וועגן וועטער,
זיין לולקע קנאַקט פון נאַסן שניי, די ליפּן ווילן שלאָפן.
איך פרעג: „זיינט איר היימלאָז, אַרבעטסלאָז? געטראָפן?"
און ער: „אָ, העלי! ענד עי העל אָוו איי לאַט דאָז איט מעטער!"

פאַראַנען וואונדערשיינע ווערטער — נעם באַגראַם זיי און ס'איז ליד,
הערסט זיי, זינגסט זיי, און פאַרגעסן. נאָר פאַראַן אַזאַ מינוט —
הערסטו ווערטער, האַרבע, שווערע, טו אַ שניט — שפּריצט בלוט,
שטענדיק ברענען זיי אין אויער, זיי פאַרגעסטו קיינמאָל ניט.

איך מערק אויף אים אַ ציטערן, אַ צוקן מיט די אַקסלען,
און ווי אַ בוים פון אונטערן האַק — ער פאַלט, ער איז געפאַלן.
מ'הויבט אים אויף (אויף דעם געפינט זיך איצט אַ באַלן)
אַ בלאָ־באַפּראַקטער נאַפּאַלעאָן פון ראָג איז אויסגעוואַקסן.

„ווער איז דער מענטש? צי האָט אים ווער געקענט?
צי איז ער ניט אַ שיסנדיקער פויגל ווי גאַפּאָן?"
נאָר אין שטאָט שפּיטאָל, וואו מ'האָט אים אויסגעטאָן,
האָט מען אין קעשענע געפונען לויזיקע פיר סענט.

אַ יוניאָן־קאַרט, אַ בריוול אין אַ ברודיקן קאָנווערט,
אַ קינדערבילד אין פלעקן און אויף זאַמד צעקריזשלט ברויט. —
דער מענטש האָט זיינע אויגן צו דער סטעליע אויסגעדרייט,
אַ זייע געטאָן אַ וואָרט וואָס איז אין דרוק פאַרווערט.

מער ווייסט מען ניט, מער רעדט ער ניט, מער וועט ער שוין ניט ריידן.
דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן: „הונגער־טויט די סיבע", —
איצט קומט, באַרמהאַרציקע און איר אַלע ליבע,
לאָמיר אים פון מאָרג פירן אין גאַניידן.

און אויף זיין קייווער שטעלט אַ שטיין: דאָ רוט ווי אַ מאַגנאַט —
אַ שמיד פון אַלאַבאַמאַ, מיט הענט ווי אייזנשטאַרק,
נאָר איבעריק איז ער געווען ווי אָפּפאַל אויפן מאַרק
און ווי האָט ער געהונגערט ווען לומפּ און הור איז זאַט.

ס׳האָט קיינער ניט געזען, ס׳האָט קיינער ניט געהערט
וואָס ער האָט דערוואָרבן, וואָס צו אים געהערט, —
ווען ער איז דורכן לעבן געגאַנגען אויף דער ערד,
ווי אויף אַ בריק — דין ווי אַ נאָדל, שאַרף ווי אַ שווערד.

אין טעמפּל

ווייס בלאַנקט די מיזרעך־וואַנט,
און אינדערמיט לויכט די זיבנרעריקע מענורע;
זיבן קאַלטע גלאָבן שיסן פייערלעכן אָנדענק
פון פּאַסטאָראַלער גלאָריע.
בליצלעמפּ שטעכן יעדן טונקעלן טעמפּל־ווינקל,
ליכט שרייט, ליכט רייסט יעדן שטילן שפּור פון כאָלעם;
טיפער אָרגל־ציטער צאַפּלט אויף קאַלטן פּאָליטור פון מירמל;
איידלשטיס פון ווייסן דאַמען־כאָר גייט אויף בוימלדיק צום סטעליע
און הויערט ווי אַ מידער שמעטערלינג ביי אַן אויסגעלאָשן פייער.

עס שמעקט מיט פּיאָלעט און דרויסנדיקן האַרבסט.
עלעגאַנטע טאַנגאָ־טענצער זשאָנגלירן מיט מאַגנאַטישן מאַניער,
נאָר אויף די געשניצטע קאָלאָנען הענגט מיין כאָרעווער יאָמטעוו,
און שפּרייט זיך אין קרעס גלאַנציקע דיאַגראַמען.
שוואַרצע, אומעטיקע אויגן האָבן די מיספּאַללים,
נאָר טפילעס — פרעמדע און אָן טרויער,
טעאַטראַלער שעליעך־ציבור שטייט שטייף אויף דער עסטראַדע
און רעדט געטאָקט ווען האַרטנעקיקן פאָלק־איסראָעל, —
ציטערט אויף מיט אַראַטאָריש שטים און מאַנוקירטן פינגער:
„פאָרד נישט, קונעכט מיינער, יאַנקעוו!"

שוואַרצבאַפּראַקטע פּסעוודאָ־אַנוסים זיצן שטיל אין סאַמעט
מיט ווייב, קינד, באַנקביכל און נייגיר,
ווי פּאַר אַ רייטנדיקער צירקוס־דאַמע,
וואָס וואַרפט געפּאַר און לופט־קושן צום אוידיענץ.
(אָפּפער האָט מען אין רייכן און אומעטיקן היים געלאָזן,
מיט העפלעכן באַפעל צו דינערשאַפט, —
שטאָלצע שוואַרצשריפט אויף גלאַנציק ווייסע קאַרטן,
אויף טירן פון קאַנטאָר און קראָמען אויפצוהענגען:
„יאָמטעוו. ביז זעקס נ. מ. איז היינט געשעפט געשלאָסן.")

אויף דעם אָרן קוידעש שטייען צוויי גילדערנע לייבן,
מיט אָפן מויל און קלאָ פון לאַפּע צום „אנכי":
רו צו אייך, שאָמרים, גענוג, נישטאָ שוין וואָס צו היטן!
הינטער דעם פּאָרויכעס בליט דאָס קאַלטע ליד פון טויט
און גאָט שלאָפט אין טיפע קובן גאָלד —
מיט אַ שלאָף, וואָס לאָזט זיך נישט דערוועקן.

מיט מיין קלעם

שווער און מיזאָס ווי מיין לעבן
שפּאַן איך מיט מיין שווערן קלעם. —
איך האָב אַ שוואוע זיך געגעבן
ניט צו שעמען זיך מיט דעם.

עס זאָל מיין דלאָט, מיין לאָם און האַמער
ניט פאַרשעמען מיינע הענט,
ווי אין לייב פון מיינע שטאַמער —
בלוט, וואָס פון מיין זיידן ברענט.

אויף מיינע פּלייצעס — לאַסט פון אייזן,
ווי שאַגאַל וואָלט אויסגעמאָלט;
פאַר גאָט וועל איך מיין האַרץ באַווייזן —
כיהאָב מיט דעם פאַר ברויט געצאָלט.

אַלטער עסעלין

אורטימלעך

פֿאַר די שטאַרקע װעל איך זיך פֿאַרנויגן
און דרייסט זיי דערמאָנען אויף זאַכן
וואָס גאָט קאָן ניט איבערמאַכן,
און אַז איך וועל זען אין זייערע אויגן
דעם צאַר אין זיין ליכטיקן שטייגן,
וועל איך גיין צו די שוואַכע,
און ווי אַ יאַם־גרונט שווייגן.

קאַליידאָסקאָפּיש

דער טויט קומט אין אָרים הויז אַריין אַ זיכערער, —
ווי אַ גאַסט צו אייגענע — ער קלאַפּט ניט אָן אין טיר,
ער איילט ניט און זאַמט זיך ניט,
און נעמט מיט פעסטע הענט וואָס אים איז אָנגעגרייט.
נאָר ביים ערשטן זאַלפּ פון אויפגעפּראַלטע קעלן,
וואָס שטראָמט מיט יאָמער פון דעם אָרימשטוב
און טראָגט זיך אין וויסטן כאַלאַל ביז דאָס האַרץ פון גאָט, —
בלייבט ער שטיין געפּלעפּט און בויגט זיך אין כאַראָטע:
דערפאַר טראָגט ער שטענדיק שוואַרצע קליידער.
און ווייכט פון טרייסט און העלע מאַרע.
נאָר זויגלינג אין די שויסן
און קינדער אין די וויגן
באַקומען דעמאָלט קלאָרע ווייטזיכטיקע אויגן,
און זען אים ווי אין אַ רעגנבויגן.
צום ערשטן מאָל דערהערן זיי דעם קאָל פון עמעס,
וואָס איז אייביק — ווי ערד און הימל.

דער טויט

דער טויט איז ניט קיין בייזער זאָקן,
שרעק זיך ניט פאַר אים אַזוי;
ער קומט צו דיר אָן פויק, אָן גלאָקן
און לייגט דיך אונטער גראָז און טוי.

דאָס לעבן בלענדט דיר אין די אויגן
און פאַראַט דיר דיינע טריט;
ער רייצט דיך מיט אַ רעגנבויגן —
וואָס אונטער אים — דערוויייזט ער ניט.

אַלטער עסעלין

דער טויט איז ניט קיין בייזער טיגער
און ניט קיין בלינדער געץ פון ליים;
ער קנאַקט ווי ניס די שטאָלצע זיגער
און ברענגט די היימלאָזע אַהיים.

דאָס זילבער אויפן דאַך

דער מענטש וואָס קומט צו מיר אָפט אין שטוב אַריין
ווי אַ ווינטער ווינט, און גריסט מיך: העי פּאָעט, —
ווייזט אויס, האָט זיך דערוואוסט אַז איך קאָן ניט קיין לאַטיין,
און באַנעם צום מאָל ניט קלאָר פון וואָס ער רעדט.

און כאָטש איך שעץ און ליב דאָס ליכט פון אַ געדאַנק,
און אַפילע אים, דעם „איידעלן" דאָרן פון מיין שטאַם,
וואָס איז לילאַ־בלייך ווי איינער וואָס איז לונגען־קראַנק
און דערמאָנט דעם איינזאַמען ברילנשלייפער פון אַמסטערדאַם.

נאָר ווייל ער האָט געהעפלעכט און געזאָגט אַז אים פאַרדריסט
וואָס איך שרייב אויף אידיש — אַזאַ אָרים שפּראַך, —
האָב איך געקוקט אויף אים ווי מיקוקט אויף מיסט,
און אויפן טיפן זילבער וואָס שטראַלט אויפן ווינטער דאַך.

און ווייל ער האָט מיך געלויבט און מיינס אַ ליד
פאַרגליכן צו אַ פערז פון פּאָפּס „עסעי אָן מען" —
האָב איך געפילט ווי גוט, ווי גוט עס איז דער שניט,
און וואָס ער קאָן די סינע אין מיינע אויגן זען.

אלטער עסעלין

צום געקרייציקטן

נאָך פון מײַן זיידנס וואַלד
און פון שוואַרצע פּליטן וואו דער דניעפּער קוואַלט —
איז מיר באַקאַנט דער רייעך פון האָלץ;
דער גלאַנץ פון ווייסע שפּרינגענדיקע שפּענער
האָט אָפט מײַן אויג געבלענדט.
וויפיל מאָל האָט שטאָלץ מײַן האַרץ געקלאַפּט
נאָך טעג פון מי און זיג איבער קלאָץ און ברעט —
ביז פאַרטיקייט פון טיש, שראַנק, בופעט.
א די פרייד פון מאַכן שיין נויטיקע זאַכן
און ווי מיט היפּער־כּושים גלעטן די גלאַטע אויבערפלאַכן
פון גזימסן, קאָרניזן, פוגעס און פאַנעלן,
ווען האַנאָע פון אייגענעם באַשאַף זינגט טיף
און האַרץ שלאָגט שטאַרק.
נאָר מיר איז אויך באַקאַנט דער וועג צום מאַרק;
אַהין פיר איך מײַן ווערק, מײַן אויסגעפּוצטע מי,
מײַן מי, מײַן פּראַכט צום פּעטן פּרעכן נאַר,
און נעם פּאַר ליב דעם שטיין, דעם לוין דערפאַר;
ווייל דעם זיגערס פויסט איז אייזהאַרט,
(איך ווייס דעם טרייסט — איז אומטרייסט אויך)
ווי געדולדיק דער דינער וואָרים וואַרט;
ער עפּנט אים און מאַכט אים ווייך.
נאָר ווען טאָג פאַרגייט אין אומעט און אין שטילקייט
ווי מײַן לעבן אַרום די פּראָסטע אָרימע מענטשן,
און מיך נעמט אַרום דער ברייטער אָוונט־טרויער
ווי אַ פּעלז דעם יאַם.
און ווערן זיך קאָן איך ניט;
ווען הייסע ווערטער ברענען אויף מײַן גומען,
און זאָגן זיי קאָן איך ניט,
דאַמאָלט גלייך איך זיך צו דיר,
געקרייציקטער סטאָליער פון ניצערעס.

אַלטער עסעלין

רעטראָספּעקט

הערבסט, דינע קאַלטע שטערן,
ווי דורך צעבראָכענע אָרגלרערן
גייט אויס די לעצטע סימפאָניע פון זומער.
צום ווייפלטן מאָל פאַלן בלעטער
אויף דעם אַשיקן דעמער פון גראָז.
אָ גאָט, סאַראַ שווינדן פון יאָרן;
נאָר איינמאָל פאַרקריצט אין זיקאָרן
האָט אַ צאַרטע און מעכטיקע האַנט
מינוטן, ערטער און זאַכן —
ווי שפּענער אויף שוימיקע שטראָמען.
מיר איז ליב נאָך איצט צו דערמאָנען,
ווי אַ פיינלעכע מעלאָדיע —
אַן איבערגעריסענעם נאָמען
פון אַ דאָרפישער אַנאַבעל לי.
און עפּעס אַ ווייסער בערעזענער שליאַך,
וואו לעוואָנע און גנאָט זיינען וואַך,
אין דער ווייט ווי אַ שוועבנדער שפּור
פון אַן איינזאַמען גוי מיט אַ פור.
נאָר געווען זיינען אויך ראַנדעוואוען
אין קוסטן, וואו לייב וועט ניט רוען.
לייב און לייב און בלוט ווי קאָרעלן —
דערנאָך אַ פאַטאָס פון שווייגן.
ווי דורך אַ פאַרנעפּלטן פילם
פיר אויגן דורך טרערן. —
און אין האַרץ אַ געבעט ווי אין תהלים.

אלטער עסעלין

צו י. ר״ק

איך האָב אַמאָל געוואָלט אַז דו זאָלסט אויך דערהערן
מיין ליד, וואָס האָט געשאַלט צום רייץ פון די עקסטרעמען,
כיהאָב ניט געוואוסט אַז אויער קאָן אַמאָל דאָס מויל פאַרשעמען,
אַז שטילקייט איז גאָר נויטיק אום דערהערט צו ווערן.

פאַרגיב, איך האָב אין פויק געשלאָגן — טאַקט צום גנאַלן
פאַרלייקענער פון אייביקן און היילנדיקן טרויער;
ווען מיט עמעסן פון איוב און פון שאָפּענהויער
האָבן גאַסן יונגען מיטגעטאַנצט ווי אויף מאַסקנבאַלן.

איצט זוך איך דינע ווערטער; צייל זיי אויף די פינגער,
הייב אָן אַ שטיל געבעט — האַק עס אָפּ אינמיטן.
שלינג דעם הייסן סאַם וואָס טריפט פין וואָרט וואָס איז צעשניטן
און ציטער פאַר דעם שאָטן פון די גלאָקן־קלינגער.

גוט איז דיר, דו קאָנסט אויף ווערטער־פליגלען פליען,
ניט איך, ניט איצט, ווען ווערטער פוילן אויפן גומען.
איך וועל אַמאָל נאָך רעדן ווי אַ שטומער צו אַ שטומען,
און פאַר אַ וועלקנדיקן גרעזעלע זיך קניען.

אַלטער עסעלין

טריאָלעטן

1

צייט שטייט, עס זיינען מיר וואָס שווינדן *)
און לאָזן איבער בלוטנדיקע שפּורן —
ווי זינקענדיקע אָוונט זונען שטילע יאַמען צינדן.
צייט שטייט, עט זיינען מיר וואָס שווינדן
אין טונקעלע און ווייטע לאַבירינטן, —
ציטערדיקער צאַאַר־ריטם ווינט אין די נאַקטורן.
צייט שטייט, עס זיינן מיר וואָס שווינדן
און לאָזן איבער בלוטנדיקע שפּורן.

2

קיינער איז נאָך צו פרי ניט געקומען
און קיינער האָט גאָרנישט ניט פאַרשפּעטיקט;
גאָט האָט רוים און צייט פאַר זיך אַליין פאַרנומען.
קיינער איז נאָך צו פרי ניט געקומען:
ניט דער וואָס האָט די וועלט אַרומגענומען
ניט דער וואָס האָט מיט ברויט זיך ניט געזעטיקט, —
קיינער איז נאָך צו פרי ניט געקומען:
און קיינער האָט גאָרנישט ניט פאַרשפּעטיקט.

*) „מען זאָגט: די צייט לויפט. ניין, אַלץ שווינדט; צייט שטייט שטיל."
לאָריידא טעפּט.

ע. קאָרמאַן

שטאָט

כיהאָב אויפגעהאַנגען, שטאָט, אויף דיין געפלעכט פון דראָטן
מיין אויפגעריסן אויג און אָנגעשפּיצטן אויער —
און כיהער און זע, ווי סיווערט אונטער דיין טראָט צעטראָטן
דאָס אַרבעט פאָלק, וואָס טראָגט דיר ציגל צו דיין מויער.

דו האָסט מיין אויג געשאַרפט און אויער צוגענאָגלט
צום בייזשטידל פון דיין ווייט־אויפגעפּראַלטער טיר,
און פאַר מיין בליק אַנטפּלעקט די וועגן פון דעם וואָגל
פון מיליאָנען קנעכט אין באָוועלשן פאַרפיר.

עס לעבט אַן אומרו־גייסט אין רויש פון דיינע קלאַנגען,
און סירוט אַ טויט געפאַר אין אימפעט פון דיין זיין —
אַ מויער אויף אַ מויער אין בראַזג פון שטאָל און שטאַנגען,
דו וואַקסט אַ טפיסע, שטאָט, אונטער דער זונען־שיין!

ע. קארמאַן

פרילינג־דזשעז

די זון אויף טאַצן שפּילט אַ דזשעז
אין אויסגעבלויטן הימל.
און העלער דרויסן שמעקט מיט בעז,
מיט פרילינגדיק געווימל.

דער פרילינג שטעלט די פידלען אָן
אויף דער דינסטער סטרונע
און ענטפערט הימלשן טראָמבאָן
צעזונגען און צעזוניקט.

און סיקלינגט פון האָרן רייַנער מעש,
געבלאָזט פון יונגע לונגען,
און קופּער פון דעם זונען־דזשעז
זיך טראָגט אין פייער רינגען.

שפּעט זומער

עס ליגט אין גאָלד פון געלע בלעטער
דער גאָרער גאָרטן נישט גערירט.
ווי קיינמאָל פריער און קיינמאָל שפּעטער
אין טונקל גאָלד דער האַרבסט זיך צירט.

אַן איבערפלוס פון גאָלד און זשאַווער!
אַ לעבן, וואָס גייט אויף פון ראָסט!
און סיקוקן גראָז און בוים אויס זשאַווער
אין ערעוו פון אַ טויט אין פראָסט.

ע. קאַרמאַן

הונגער

עס ברעכן זיך די שפּייכלערס אָנגעשטאָפּט מיט טוואָוע
אין פעטן לאַנד, וואָס שמעלצט זיך אין אוינעגדיקן וואָילטאָג;
און אָרימקייט געשוואָלן וואַרט אויף אַ נעוואָוע
מיט אויסגעשטרעקטע הענט אין פּיינענדיקן ווייטאָג.

און דאַלעס, ווי אַ הויקער, קריכט אויף קרומע פּלייצעס
און וואַרגט דעם דאַרן האַלדז מיט ביינערדיקע פינגער;
און טרוקן־ווייסע יאַסלעס מיט די ציין מעלייצעו
און קריצט אויס אַ ליד פון ניט־געשטילטן הונגער.

אַ ליד פון בונט, וואָס שרייט מיט מאָנענדיקע אויגן,
אַז פּיין און צאַאַר און צאָרן וועלן באַלד אָט פּלאַצן:
— אַ שטיקל ברויט צו שטילן דעם נאָגנדיקן מאָגן,
אָדער סיפּליען שויבן פון שטיינערנע פּאַלאַצן;

אין רויך פון קוימענס

סירויכערט שטאָט מיט קוימענס הויכע פון פאַבריקן,
קוימענס לאַנג ווי הענדזער צום הימל אויסגעשטעלט.
וויפל יאָר מיר בלאָנדזשען שוין אין דעם נעפל דיקן,
וויפל מאָל דעם זון אויפגאַנג אָנקוקן פאַרפעלט!

און די זון זיך קייקלט הינטער שטאָט און בריקן,
אויפן ראַנד פון וועלדער איר אויפגיין און פאַרגיין!
און מיר טראַמפּלען שטאָטיקע גאַסן שמאָלע, ליקן,
און אין רויך פון קוימענס בוקן זיך צו שטיין.

און אין רויך פון קוימענס זינקען אונדזערע בליקן,
טוקן זיך אין נעפל און זינקען אין דעם שטיין.
כאָטש מיר שטרעקן הענדזער, ווי קוימענס די פאַבריקן,
נאָר דעם זונען־אויפגאַנג מיר קאָנען מער ניט זען!

ע. קאַרמאַן

אַלטקייט

זי שמעקט מיט זויערטייג, מיט שמירעכצן און שימל,
מיט טערפּענטין און ליילעך פון ניט דערשלאָפן נעכט,
און שלעפט זיך אום געהויקערט אין טעגלעכן געווימל
און טשאַדעט פאַרן טויט מיט אַסטמע־הוסט און קרעכץ.

אַ שווערער גוירל, שטיין ביים אָנהויב פון ניט ווערן,
אַ פיינלעכער געפיל, ווען קערפער ווערט פאַרוויסט, —
און דאָ איז נאָך פאַרבליבן איין קליינטשיקער באַגערן:
אַ שמעק טון טאַבאַקע און טון געשמאַק אַ ניס.

פאַרשטאָפּט די אויערן מיט בוימלדיקס און ווייכעס,
אַרום דאָס לעבן הילכט, ווי טעמפע קלעפּ אין וואַנט,
און קאַליע אויגן טרערן אויף אָנווער פון די קויכעס,
און ס'שפּילט דער ברוסטקאַסטן אַ סאָלאָ אויס „אַנדאַנט."

אָ, זיקנעס, אַלטער שאַרבן, צעוואַלגערט איז דיין בנין,
פון פאַרמעט דאָס געזיכט און איינגעשרומפּט דאָס מויל.
וואָס ווילסטו נאָך אין גליווער פאַר דיין לעצטן קיניען?
אין דיינע אויגן איז: פּוסטקייט, שרעק און גרויל.

בראָכע קודלי

טאַנגאָ

שמעקט מיט ווילדן מאָן דער קלאַנג פון פלייט,
די שאָ איז קישעפדיק און שפעט.
דער קאָרנעט פאַרנאַרט אַ טענצערין מיט בלאָנדע צעפ
אין די פלינקע אָרעמס פון אַ ברונעט.
זיי פלאַטערן ווילד און פלאַטערן ווילדער: —
קאַפריזנע גלידער
מיט ברייטן קוראַזש,
קלעמען צונויף און צעשיידן זיך ווידער —
שפינען אַ בלויען מיראַזש.
דעם יאָך פון יוגנט — אי גרינג, אי שווער,
פלעכט שפיצן פינגער אויס אַ טויזנט־האַרציקן באַגער.
אָט קלאַפן אויס טריט אַ העלפאַנטביין פּאַלאַץ, ווייט און עכט,
און זיי,ביידע טענצער, אין גאָלד און אין זייד,
שוועבן אין שאָטן פון טרויבן געפלעכט.
און אָט פון העלער הויט
שפרייט זיך אויס אַ דערנער קראַנץ אין מיטן טאַנץ:
טריט־טראָט. טריט־טראָט.
צום טאַקט גאַלאָפּירן פאַנטאַסטישע טריט, —
רייצן זיך ליפן און קושן זיך ניט.
קערפער מיט קערפער אין פלינקן געדריי,
העפטיק פאַרוועבט, ווי אַ נאַכט און אַ שניי.
וויגן זיך ווילדע באַגערן אין ציטער;
בייגט זיך די פרוי, ווי אַ זאַנג פאַרן שניטער;
פאַרגיסט זיך די פלייט אין אַ שטילן געלעכטער;
שאַרעווען טריט — אַ שלאַכט פון געשלעכטער;
קני צו קני — אַ מינוט —
טוט זיך אַ טרויס אויף צווייען אַ שניט . . .
שאַרעווען טריט און גרייכן, און גרייכן
פעדים פון האַרץ דורך פוס־פינגערשפיצן

צום טאַקט פון די טריט;
בייטן זיך בליקן מיט פלאַמיקע בליצן,
טאַק־אַ־טאַק, טאַק־אַ־טאַק, טאַק־אַ־טאַק, טאַק־אַ־טאַק.
פלינק און פלינקער — איינס און צוויי —
פלעכט זיך אַ רויגעז, פאַרוויקלט אין וויי,
טריט־טראָט, טריט־טראָט.
פלעכט זיך אַ פלאָנטער פונאַנדער.
פייער קוראַזש. פייער קוראַזש —
פלעכט זיך פונאַנדער אַ בלויער מיראַזש:
טאַק־אַ־טאַק, טאַק־אַ־טאַ.
פלעכט זיך פונאַנדער אַ בלויער מיראַזש.

פרילינג

פרילינג שלייכט:
יונגע גראָזן שפרייטן בענקשאַפטן פונאַנדער.
און זיי קלערן —
מאַנדלבליטן פלעכטן זיך אין ווינט,
מיט ווייסן סאַמעט קרויזן זיך מאַנגאָליאַ־בלעטער,
זון העפט קישעף אין אַ צווייגן פלאָנטער,
און לאַנדישן וועבן דעם סוד פון ווערן.

אייביקייט וויגט איר קויעך אין געווימל
און באַפעלט:
סיזאָלן אין בלימל שטענדיק דרימלען קערנער
און אין קערנער — נאָך אַמאָל אַ בלימל.

אַרכידייען

אַרכידייען,
ווי ווייסע געשאָכטענע טויבן,
מיט פאַרבלוטיקטע קעפלעך,
הענגען אַרונטער פאַרכאַלעשט
אין די לעצטע טעג פון פרילינג.
די רויטע בליאונג שיילט זיך אָפּ און פאַלט. —
אָט אַזוי בלוטיקן זיי אויס
אויף גלעזערנע ווענט פון אָראַנזשערייען.
צאַרטער ווערן זיי, די טויטע אַרכידייען,
אין כוידעש מערץ.

איצכאָק עלכאָנאָן ראָנטש

ווינטן

מיר זיינען ווינטן, וואָס וואָיען אין ווינטער נעכט
און שרעקן איבער קינדער און קראַנקע.
אונדזערע לידער, אונדזער קאַס;
אונדזער גוואורע, אונדזער שאַפונג, אונדזער שטאָלץ —
ווינטן, ווינטן, ווינטן.

נו, זינגען מיר, טאַנצן מיר, האַלטן מילכאָמעס און בויען וועלטן;
מאַכן צאַמען פאַר גאָטס ווינטן, פאַר גאָטס שטורעמס;
געוועלטיקן איבער גאָטס נאַטור...

מיר ווינטן־צאַמער — זיינען ווינטן,
וואָס טוען אַ בלאָז — שטאַרקער צי שוואַכער —
און פאַרשווינדן.
מיר זיינען ווינטן, וואָס ווערן צעבלאָזן פון ווינטן,
וואָס האָבן אונדז אַהער געבראַכט;
וואָס נעמען אונדז און בלאָזן אונדז
קעגן פעלדזן פון אייביקייט
און צעבלאָזן אונדז — אין שטויב, אין רויס.
איך און דו — זיינען ווינטן, ווינטן, ווינטן...

איצכאַק עלכאָנאָן ראָנטש

ביינאַכט

הויכע סוידעסדיקעביימער
זינגען שאָטנדיקע סערענאַדעס
צו דער אָנקומענדער געליבטער זייערער — נאַכט;

אין אַלייען טרוימען מענטשן
שפּאַצירנדיק באַזאַכט.

גוט איז די וואָס גייען פּאָרוויז:
ס'ציט זיי צו דער נאַכט.
סוידעס האָט זי זיי געבראַכט.

די וואָס גייען איינזאַם —
שטרעקן זייערע הערצער אויס;
זעט די נאַכט זיי בלויז;
בויגט זיך צו די ביימער צו;
קוקן בוים און נאַכט אַראָפּ
אויפן איינזאַמן קאָפּ.

טוליעט נאַכט זיך צו די ביימער פעסטער צו;
נעמען פּאָרלעך שטאַרקער זיך אַרום;
וויינען איינזאַמע אין דער שטום;
וויינען איינזאַמע אין דער שטום,
דערהערט זיי בלויז די נאַכט.
טוליעט נאַכט זיך נאָך פעסטער צו די ביימער צו —
און לאַכט, לאַ־אַ־אַכט ..

איצכאַק עלכאַנאַן ראַנטש

מאָרגן

פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג,
פאַר דער קומענדיקער שאָ,
שפּרייט אויס דיין גנאָד אויף אונדז,
מיט דיין אָטעם באַהויך אונדז.

מוירע רינגלט אונדז אַרום;
פאַכעד־בייטשן דראָען אונדז;
ווי פאַרלאָזטע קינדער אין דער פרעמד
זיינען מיר,
ווען האָסט דיין גלויבן אָפּגעטאָן פון אונדז.

נעמסט די נעכטנס צו
און אַנטפּלעקסט דעם היינט;
און פאַרנעבלסט אונדז,
שיינקענדיק דעם מאָרגן.

ציטערן מיר פון נייגיר:
ווען מיר דערלעבן?
און מיט שטאַרנדיקע בליקן,
בעטן מיר, אין נעבל:

פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג,
פאַר דער קומענדיקער רעגע,
שפּרייט אויס דיין גענאָד.

דאָס געזאַנג פון קעלער

סיהאָט ווער אין פייכטע קעלערן אונדז איינגעשפאַרט;
דאָס הילכיקע געלעכטער אונדזערס צוגערויבט;
די אייוורים רונדיקע צעקרימט און אָפּגעדאַרט; —
דאָך האָבן דוירעס לאַנג מיר בלינדערהייט געגלויבט.
סיהאָט ווער אונדז אָפּגענאַרט.

און פלוצים האָט אַ ווילדער סאָד זיך גלייך צעשפּרייט
פון פייכטן קעלער אונטן, ביז אַרויף גאָר הויך;
אַ צאָרן, ווי אַ וויכער ווינט, האָט אָנגעווייט;
די אויסגעדאַרטע אייוורים מיט אַ ריזן קויך
געוועזן זיינען גרייט . . .

איצט זינגען מיר סיגעזאַנג פון קעלער פייכט און נאַס;
איצט מאָנען מיר סיגעלעכטער אונדזערס פון אַמאָל;
און וועלטן ציטערן פון דעם גערעכטן קאַס;
און סישטורעמט מאַכטיק אונדזער אָפּגענאַרטער קאָל —
פון קעלער אויף דער גאַס!

דו

דער ווייסער ביימער־צווייט נעבן דיין פענצטער
גאַרט אַן אומגעדולדיקער דיין בליק צו שפּירן,
און די בלומען־בייטן אַרום דיין הויז
שטראַלן פון פרייד צו זיין נעבן דיר.
דיין וואָלף־הונט באַשיצט דיינע טריט;
די שכיינים שמייכלען ברייט צו דיר;
דיין וועג איז ריין און גלאַט;
אַלץ אַרום דערפילט דיין זיין.
איך זע דאָס ליכט וואָס שטראַלט וואו דו ביזט דאָ;
איך פיל דיין אָטעם אויף די דורכגעגאַנגענע וועגן.
געטוג פאַר מיר. איך וועל שוין דאָ פאַרבלייבן.
מיד בין איך. איך האָב צו לאַנג געזוכט.
מיין פייער פאַר דיר האָט, זוכנדיק דיך, אויסגעברענט.
איך בין ניטאָ מער. נאָר דו, נאָר דו.
דיין וועג איז שיין. בלומען שמייכלען דיר אַקעגן.



ה. רויזנבלאַט

צום ווילדן מיירעוו זינג איך

עס האָבן זיך אונדזערע אַש־גרויע בויד־קאַראַוואַנען
אַריבער די ווייסע ס׳עראַס צו דיר ניט געצויגן.
מיר האָבן אין אונדזערע טפילעס
צו גאָט פון אַווראָהאָם און איצכאָק און יאַנקעוו
אַריבער געלאָדענע ביקסן די קעפּ נישט געבויגן.

נישט אונדזערע צעלטן, פון דיינע רויט־הויטיקע קריגער גיצונדן,
געברענט האָבן אונטער דיין שטאָל־בלויען, נאַכט־קאַלטן הימל
אויף דיינע שוואַרץ־לייביקע פּריירים,
ווי פרישע רויט־בלוטענדע וואונדן.

נישט אונדזערע אָרעמס, פאַרברוינט פון דער זון,
האָבן איבער פאַרכמאַרעטע שטראָמען
דיין גאָלד־זאַמד דאָס נאַסע געשאָקלט אין קופּערנע זיפּן.
דאָס בלוט אונדזערס האָט נישט געטריפט
פון פאַרבלוטיקטן סקאַלפּ־מעסער דיינעם
אויף אונדזערע קרייד־ווייסע גויסעסע ליפּן.

ה. רויזנבלאַט

נישט מיר האָבן שטום, מיט געבויגענע קעפּ פון אַווייליס,
ביי דיר אין דעם מידבאָר דעם קייווער דעם ערשטן געגראָבן,
נישט אונדזערע סטאַדעס, פאַרסאַרפּעט פון דורשט
און געשוואָלן פון הונגער,
געשפּייזט האָבן דיינע בלוט־דורשטיקע ראָבן.

עס האָבן אונדזערע רוקנס אַריבער די גריוועס
פון דיינע הייס־בלוטיקע בראָנקאָס אין ווילדן גאַלאָפּ נישט געבויגן.
מיר האָבן מיט ברוינע לאַסאָ־שטריק אין אונדזערע הענט
נישט געטאַנצט קעגנאיבער דיין באָפאָלאָס קאָס־אָנגעצונדענע אויגן.

נישט אונדזערע פיס האָבן איבער דיין באַרג־לאַנד
די וועגן די ערשטע פונאַנדערגעטראָטן,
נישט אונדזערע הענט האָבן איבער דיין פלאַך־לאַנד דאָס ברוינע
די שטעט און די דערפער די ערשטע פונאַנדערגעשאָטן.

ווי קענען צעבראָכענע רוקנס,
אויף וועלכע די שטויב־גרויע פּעדלער־זעק ליגן,
עלאַסטיש צום טאַקט פון דיין גאָלד אין די קופּערנע בעקנס זיך וויגן?
ווי קענען די הענט, וואָס האָבן דעם וואַנדערשטאָק דורך דורות
אויף אַלע פאַרשאָלטענע וועגן פון גאָלעס געטראָגן,
אַנטקעגן די קופּערנע אָרעמס און שטאָלענע פויסטן
און סקאַלפּ־מעסערס דיינע זיך שלאָגן?

מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט און געוואַרט,
ביז אונדזערע אויערן האָבן פאַרנומען
די בלויע געזאַנגען פון דיינע שטאָל־בליציקע רעלסן —
דעם טאַנץ פון רויט־אויגיקן שעד מיט פונאַנדערגעשויבערטע קודלעס.
אונדז האָבן פאַרשיקערט די שטאָל־בלויע ווינט־ווייסע ווילדע געזאַנגען,
דער שיידים־טאַנץ אונטער צעוויכערטע רויך־ברוינע פונקען־וואַלן —
פאַרסאַמט זיינען אונדזערע בלוטן,
פאַרסאַמט מיט דעם סאַם פון די געלע מעטאַלן!

ה. רויזנבלאַט

מיר האָבן געהערט, אַז דיין גאָלד־זאַמד איז איבערגעוואַשן;
גערייניקט פון מיסט און פון פסולעס געלייטערט;
מיר האָבן געהערט:
דיינע פריירים, זיי ליגן ווי קי נאָך אַ פעטער און זאַפטיקער פאַשע —
פול־בייכיק, שווער־לייביק, ראָז־פאַרביק באַאייטערט,
מיר האָבן געהערט:
דיינע וועלדער און גאָרטנס און סעדער
זיי ציען אין אייביקע זומערס געהילטע.
די בערג דיינע סטאַרטשען, ווי יונג־אויפגעשפּיציקטע בריסט
מיט ברוין בלויער מילך איבערפילטע...
מיר האָבן געהערט,
אַז דיין פלינקער רויט־הויטיקער „היהאָ",
אַזוי ווי אַ בער אויף אַ קייט אין דעם האַנט פון ציגיינער,
טאַנצט שיקער אין דיינע בונט־פאַרביקע צירק־באַלאַגאַנען.
און דיינע הייס־בלוטיקע בראָנקאָס אין מיסט וואָגנס שאָפלדיק שפאַנען.

דער טאָמאָהאַק, בויגן און סקאַלפּ־מעסער לאַנג שוין
די גזימסן פון דיינע מוזעאומס באַצירן.
די קופער־געגאָסענע, טונקל־ברוין־אויגיקע באָפּאָלאָס דיינע
ביי דיר אין די „זוס" צווישן פאַרביקע פאַוועס שפּאַצירן.
און דיינע פיל־פאַרביקע פעלדער —
זיי ליגן צעאָדערט פון ברוין־בלויע שלאַנג־קרומע וועגן.

די דערפער און שטעט דיינע שפּאַרן
פון אונטער דיין ערד־הויט אַפיר זיך,
ווי שוואוימען אין פעלד נאָך אַ וואַרימן רעגן.
און איבער די טונקעלע בערג־סילועטן,
וואָס שניידן זיך קעגן דיין שטאָל־בלויען מיידעוו־ראַנד הימל,
פאַרווישטע זיך שלעפּן די שאָטנס
פון דיינע ווייס גרויאיקע בויד־קאַראַוואַנען.

די סרייפעס, געצונדן אויף דיינע ברוין־בראָנזיקע פריירים
פון דיינע רויט־הויטיקע סאָנים —
קוים־קוים וואָס זיי פלעמלען נאָך טונקל פאַרדרייט אין די פאַלדן
ביי דיר אין די בונטן פילפאַרביקן פעלקער־געווימל.

אויך אונדז וועט דער וויכער פון גרויס־שטאָטישע גאַסן פאַרדרייען,
אויך אונדז וועט דער הייסער געווירבל
פון דיינע פלינק־קומענדע דורעס פאַרווייען.
נאָר אויפגיין וועט אונדזערס אַ דאָר נאָך
אַריבער די אַש־בערג פון דיינע שוין לאַנג־אויסגעלאָשענע דורעס,
ווי פעניקס גייט אויף פון זיין אייגענעם אומקום אין פייער
מיט פאַרביקע פליגלען פונאַנדערגעלאָזן —
אַ יונגער, אַ פלינקער, אַ נייער!

איזיעקל רעסטוס בראַון

I

ווער זינגט דאָס אַזוי וויינענדיק
דיין תהלים אין דער שטילקייט פון דער שפּעטער נאַכט?
און וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס אין דעם וויינען פון געזאַנג
ברעכט אויס פון צייט צו צייט אַ כאַיעשער געשריי? —
דאָס ברילן פון טיגער וואָס טראָגט דעם יעגערס פרישע וואונד אין לייב,
דאָס יאָמער־קאָל פון הונגעריקן וואָלף, באַגראָבן טיף אין שניי,
דאָס ווי געשריי פון שוואַלב, וואָס ווערט פון רויב־פייגל צעפליקט,
דאָס ווי געשריי פון שוואַלב, וואָס ווערט פון רויב־פויגל צפליקט,
דאָס כאָרכלען פונם הירש, וואָס ווערט אין לעמפּערטיס ציין דערשטיקט,
דאָס מעקענען פון לעמעלע, וואָס צאַפּלט זיך אין שויכעטס הענט,
דאָס גויסעס־קרעכץ פון לאַסט־טיר אין דעם מידבאָר־זאַמד,
וואָס ווערט פון מידבאָר־דורשט פאַרברענט,
דאָס וואָיען פון אַ קרעציק־קראַנקן הונט
אַנטקעגן דער לעוואָנע אין אַ ווינטערדיקער נאַכט,
דאָס קראַקען פון אַ הונגעריקן ראָב
צו וואַרים פלייש און בלוט בישאַס עס רוט די שלאַכט...

II

ווער זינגט דאָס אַזוי וויינענדיק
זיין תהלים אין דער שטילקייט פון דער שפּעטער נאַכט?
— א י ז י ע ק ל   ר ע ס ט ו ס   ב ר א ו ן ,
דער פרומער פּאַסטוך פון זיין שוואַרצער סטאַדע שאָף!
— איז וואָס־זשע וויינט אַזוי איזיעקל רעסטוס בראון
און וואו האָט ער אַהינגעטאָן זיין שלאָף?
און הערט ער דען ניט, ווי דעם שאָכנס הענער האָבן שוין
געקרייט אויף האַלבער נאַכט? —
„א י ז י ע ק ל   ר ע ס ט ו ס   ב־ר־ר־ר־ר־א־ו־ן
א י ז י ע ק ל   ר ע ס ט ו ס   ב־ר־ר־ר־ר־ר־א־ו־ן־ן־ן
דיר צייט שוין שלאָפן גיין,
ש ו י ן   ש־פּ־ע־ע־ט,   ש ו י ן   ש־פּ־ע־ע־ט־ט־ט — "
און, עפּשער האָט דער מעבל־הענדלער, דער וואָס גיט
אויף אויסצוצאָלן מעבל אָפּגענומען ביי איזיעקל רעסטוס בראון
זיין אָרים שטיקל בעט?
איז האָט ער ניט אַוואו זיין קאָפּ אַוועקצולייגן און דעריבער
פּרואווט ער זיין צעבראָכנקייט פאַרוויגן אין זיין תהלים־ליד.
און, אַגעוו איז איזיעקל רעסטוס בראָון אין תהלים זאָגן שטאַרק גענייט
ער קען ביי זיך אין תהלימ'ל איעדן בלעטל, שורע, וואָרט און אָס,
פּונקט ווי זיין איישעס כאַיל, רוטה מאַטילדע—זיינע רומאַטיזנע טריט.

III

איזיעקל רעסטוס בראון האָט לאַנג שוין,
לאַנג זיין אָרים בעטל אויסגעצאָלט.
און אַז דעם שאָכנס הענער האָבן אויף האַלבער נאַכט שוין געקרייט
האָט ער גאַנץ גוט געהערט:
ער האָט אַפילע מאַכמעס דעם די לאָדן צוגעמאַכט —
די הענער האָבן אים דאָס תהלים זינגעריי געשטערט
און אַגעוו איז מען זיכערער, פיל זיכערער מיט לאָדן שטייף פאַרמאַכט,
בישאַס דער סאָטן פּעקלט צום געהענעם אַ „פאַרשאָלטענע„ נעשאָמע,
וועלכע ער אַליין האָט אומגעבראַכט...
די לאָדן צו.
דאָך, דורך די דינע לאָדן־שפּאַרעס שרייט אַרויס
זיין שאַרלעך־רויטער לאָמפּן שיין: —
א י ז י ע ק ל   ר ע ס ט ו ס   ב ר א ו ן   וועט זינגען וויינענדיק אַזוי
ביז העט אין רויזיק־ווייסן טאָג אַריין!

VI

דער צירונג־הענדלער שפּרייט די פּערל זיינע אויס
אויף שוואַרצן סאַמעט הינטער קלאָר־געשליפן גלאָז.
דער טוי פון זומערדיקע הימלען פינקלט ליכטיקער,
וואָס טונקלער עס ליגט אויף דריערד דאָס גרינע גראָז.
דער דימענטענער האָרבאַנד שטראַלט אַמליכטיקסטן
אַרום אַ שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ.
וואָס טונקעלער דער יאָם איז ביי דער נאַכט,
אַלץ שוואַרצער צייכנען זיך אין אים די שטערן אָפּ.
און, אַז איזיעקל רעסטוס בראון פאַרמאָגט אַ הויט,
וואָס איז ווי אַלע פינצטערנישן שוואַרץ —
גיט יעדער איינער צו.
נאָר קיינער וועט ניט מוידע זיין אַז ער, איזיעקל רעסטוס בראון
האָט זיינע פּערל, וועלכע שימערן ביי אים אין אויג,
אַרויסגעגראָבן פון די טיפענישן פון זיין אייגן האַרץ...

V

מאָרגן אינדערפרי:
איזיעקל רעסטוס בראון
וועט עפענען די לאָדן און די אויגן קעגן ראָזן מאָרגן־שיין
און לויטער, ווי רובינען וועלן בלינצלען רויז
די טרערן אויף זיין האָריי־כוישעך־שוואַרצער הויט.
נאָר קיינער, קיינער — כוץ דעם מאָרגן־שיין —
וועט זען איזיעקל רעסטוס בראַונס רובינען: מאַכמעס יעדער אויג,
סיי שוואַרץ, סיי בלוי, סיי ברוין, סיי גרוי,
וועט ווי דער מאָרגן־גלוט זיין רויט.
און, רויטער נאָך!
דערפאַר, וואָס דורך די קראַנקע שאָען פון דער כוילע־נויפלדיקער נאַכט
האָט קיינער, קיינער מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט;
דערפאַר, וואָס פאַר דעם טויער פון געריכט־הויז שטייט
אַ רויך־פאַרשוואַרצטער טעלעגראַף סלופּ
אַרומגעגאַרטלט מיט אַ ברוינעם קלאָטשע שטריק.

פאַר איין עק שטריק — אַ שלייף.
אין שלייף — אַ בלוי־פאַרשוואָלענער האַלדז;
אַ שוואַרץ־געקרויזטער שאָפּן קאָפּ אַ ביסל אויף אַ זייט,
אַרויסגעזעצטע אויגן־ווייסלען צוויי, ווי אייטערפולע בלאָטערן;
אַן אויפגעריסן מויל,
צוויי שורעס ברוינע ציין,
אַ לאַנגער צונג, ווי פון אַ פריש־געשאָכטן קאַלב.
נאָך האַלדז און צונג —
צוויי אומגעלומפּערטע גאָרילאָ־הענט פאַרבראָכן אויף דעם האַרץ,
צוויי לאַנגע פיס פאַרפלאָכטן, ווי דער ברוינער קלאָטשע־שטריק.
צופוסן פון דעם סלופ: —
אַ פלאַקערדיקער פייער ברענט.
אַ מענגע קופּער־רויטע צונגען שטרעקן, שטרעקן זיך אַרויף, אַרויף;
לעקן, לעקן מיט אַ הינטעשער געטריישאַפט
די פאַרפלאָכטענע צוויי פיס,
די צאַר־פאַרבראָכענע צוויי הענט.

IV

זונטיק אינדערפרי —
איזיעקל רעסטוס בראון וועט אין דעם הויז פון גאָט
זיין סטאַדע ציילן און — ס׳וועט פעלן אים אַ שאָף...
און רעדן וועט איזיעקל רעסטוס בראון
פון סאָטנס שוואַרצער מאַכט, פון גאָטס גערעכטער שטראָף.
און רעדן וועט איזיעקל רעסטוס בראון
פון קריסטוס, וועלכער איז געשטאָרבן אויפן קרייץ
פאַר אונדזערע שווערע זינד
און הערן וועט אַיעדערער
און שטום דעם קאָפּ אַרונטערלאָזן,
ווי אַן אָפּגעשמיסן קינד.
און איינער וועט די אויגן שליסן און וועט זען,
ווי קריסטוס ביידע אָרעמס אויסגעשטרעקט,
אַ צוגעשלאָגענער צום ציילעם בלוטיקט, בלוטיקט פאַר אַ גאַנצער וועלט!

דער בלאָנד־געלאָקטער קאָפּ, אין דאָרן־קראַנץ, געבויגן אויף אַ זײַט,
די רויזע מוטערפּערל אויגן־דעקלעך — צו,
די ליפּן — דין און שטום און רויטלעך־בלוי.
די נאַקעטע גלידער — ווייס, און גלאַט, און צאַרט,
ווי גלידער פון אַ יונגער שלאָפנדיקער פרוי...
און איינער וועט די אויגן שליסן און וועט זען: —
אַ טעלעגראַף־סלופּ,
אַ שטריק,
אַ שלייף,
אַ בלויען האַלדז,
אַן אויפגעריסן מויל,
צוויי געלע שורעס ציין.
אַ לאַנגן גרויען צונג,
אַ הורבע אַש,
אַ לעצטע גליענדיקע קויל.
און — רעדן וועט איזיעקל רעסטוס בראַון, און אין זיין קול
וועט טאָן פון צייט צו צייט אַ הילך אַ כאַישער געשריי: —
דאָס ברילן פון אַ טיגער, וועלכער טראָגט
דעם יעגערס פרישן וואונד אין לייב,
דאָס יאָמער־קאָל פון הונגעריקן וואָלף, באַגראָבן טיף אין שניי,
דאָס טייוועדיקע ברומען פון דעם מידבאָר־לייב, וואָס דופט זיין פּאָר,
דער וויי־געשריי פון שוואַלב, וואָס ווערט פון רויב־פויגלען צעפּליקט,
דאָס כאָרכלען פון דעם הירש, וואָס ווערט אין טיגערס ציין דערשטיקט.
דאָס מעקענען פון לעמעלע אין שויכעטס הענט,
דער גויסעס־קרעכץ פון לאַסט־טיר אין דער מידבאָר־זאַמד,
דאָס וואויען פון אַ קרעציק קראַנקן־הונט
אַנטקעגן דער לעוואָנע אין אַ ווינטערדיקער נאַכט,
דאָס שרייען פון אַ הונגעריקער ראָב,
וואָס פּאַדעט אַרום וואַרעם פלייש און בלוט בישאַס עס רוט די שלאַכט.

ה׳ רויזנבלאַט

טריט אויף זאַמד

אַוונט.
שאָטנס.
פײַכטע, קילע ברעגן.
יאַם.
שטילער פון דעם פרילינג רעגן
מײַנע באָרוועס־קילע טריט
אין זאַמד.
גרויע וואַסער־לאַפּעס
גראַבלען זיי פון פײַכטן זאַמד אַפּיר
און נעמען צום יאַם זיי מיט...
זוכט מײַן אויער זיי אין רוישן פון די כוואַליעס און —
געפינט זיי ניט —

מײַנע טריט.
האַרץ מײַנס — האָב ניט מוירע.
האַרץ מײַנס — שרעק זיך ניט! —
דאָרט וואו שיפן זײַנען אומגעקומען —
זינגען זיכער איצטערט מײַנע טריט.
זינגען מײַנע טריט.
מײַנע טריט.
טריט.
מאָרגן וועלן כמאַרעס קומען צו דעם יאַם:
דורשטיק טרינקען... כמאַרעס זײַנען בלינד און זען ניט: —
אויף די רוקנס פון די כוואַליעס שוועבן מײַנע טריט.
שוועבן מײַנע טריט.

מאָרגן וועט אַ רעגן פאַלן ערגעץ אויף אַ וויסטן לאַנד —
קילער רעגן... רוישיקע טריט...
בליען וועט אַן ערד וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט געבליט —
ווילדע רויזן... ווײַסע בליטן... בלעטער... בלומען...
מײַנע טריט...

ה׳ רויזנבלאַט

זאַט פון פאַשע, ווי אַ כמאַרע ציט
צום דאָרף די סטאַדע ערעוו נאַכט:
אין דעם שווערן טראָמפּלען פון די אָקסן —
מיינע טריט.

אין דעם רוישן פון די קופּער־רויטע זאַנגען
אויף די פעלדער ערעוו שניט;
אין די בליצן־בלויע קלאַנגען
פון די סערפּן —
מיינע טריט,
מיינע טריט.

אין דעם זיידענעם געזום פון זאַטער בין,
וואָס זינגט און זויגט און זינגט
פון זילבער־בלויען בעז אַרום —
אַ פרישער נאָכן פרילינג־רעגן וואַרעם־שמעקעדיק צעבליט —
זינגען מיינע טריט.
מיינע טריט.

אין דעם פלאַטערדיקן פאַלן פון די געלע ווערבע בלעטער,
וואָס דער אָסין־שטורעם העפקערדיק צעשיט
אויף אַלע וועגן פון דער ערד;
אין דעם וויינען פון די נאָדל־ביימער,
וועלכע האָבן אין דעם פרילינג ניט געבליט —
וויינען וועלן מיינע טריט.
מיינע טריט.
טריט.
טריט.
טריט.

ה. רויזנבלאַט

מאָהאַווע *)

מאָהאַווע!
וואָס האָסטו דיינע דורשט־פאַרברענטע ליפּן קעגן הימל אָנגעשטעלט? —
עס גייען כמאַרעס איבער דער וועלט!
די כמאַרעס טראָגן פולע טייכן און די טייכן — פרישע קעלט.
מאָהאַווע, פרישע קעלט!
עס רעגנט אין די איינזאַמע סיערא־בערג, מאָהאַווע.
דער רעגן פאַלט ווי בלויע רייז אויף ווייסע קעפּ.
דו הערסט ווי וואַסער־שטראָמען רוישן דורך די שטיינערנע רופּן פון די בערג?
אָ טייך — אַ שוימיק־גרינלעך־וואַסער שלייער־שלעפּ
צעשאָטן שפּרייט זיך אויפן רוקן פון דעם טונקעלן טאָל.
דו הערסט מאָהאַווע? — —
אַ שאָטן פון אַ ווייטן ווידער־קאָל:
עס רעגנט אין די בערג!
עס רעגנט אין די בערג!
מאָהאַווע הער!
די בלויע סאַיקעס *) שרייען צו דעם ווינט.
די נאָדל־ביימער זינגען אונטערן רעגן־גוס.
די איינזאַמע קאַיאָטן וואָיען ווי פאַרליבטע הינט!
עס רעגנט אין די בערג מאַהאָווע,
עס רעגנט אין די בערג
און דו, מאַהאָווע, טוליעסט, דריקסט אומזיסט
די שטעכעדיקע קאַקטוסן צו דיינע גרויע, אויסגענאָגטע בריסט;
דו וויגסט אומנישט, מאַהאָווע אויסגעדאָווערטע יהאָשוע־ביימער *) אין דיין שויס:
זיי שלומערן דעם שלאָף, וואָס גיסט פונאַנדער זיך אַריבער אַלע גרענעצן פון טויט...
אָט הער, מאַהאָווע, הער,
ווי דיינע דראַסלען־ראַצן, הונגעריקע, וויינען אונטער דיין פאַרשטיינערטער הויט;
זיי וויינען, דיינע דראַסלען, מיט אַ שטום געוויין און גייען ווייגענדיק אויס.

*) אַ גרויסע מידבאָר אין קאַליפאָרניע.
**)אַזויגע פויגל
***)נידעריקע בוימער וואָס וואַקסן אין מידבאָר.

ה. רויזנבלאַט

מאַהאָווע, זעסט?

אַ ווייסע זאַווערוכע וויכערט אין אַ קרייז,

אַ בליץ האָט אויפגעשמייכלט אויף דיין ווייסער באַק:

ער קוועלט, באַרג־וואַיטני קוועלט: —

דער דונער צווישן דיינע זילבערנע קופּאָלן, צאַמען שטאָלענע,

זיך צאַפּלט, ווי אַ קראָליק אין אַ זאַק...

באַרג־וואַיטני קוועלט, מאַהאָווע, קוועלט! —

עס שנייט, עס שנייט!

מאַהאָווע,

און כמאַרעס גייען אין דער וועלט.

איך זע דעם יאַם אין שטורמדיקע טעג, אין נעפּלדיקע נעכט.

דער יאַם פאַלט אָן אויף שיפן פון דער וועלט,

צעפּליקט די זעגלען און צעברעכט

די מאַסטן אויף דער קני פון שטורמווינט.

דער רויער אומגעצוימטער קויאַך איז שיין, איז וואונדערלעך, איז גערעכט

און איך, אַ שיף, וואָס גייט ווי אַלע שיפן בלינד,

איך קוק דעם יאַם אין זיינע גרויע אויגן און איך האָב קיין מוירע ניט,

קיין מוירע ניט!

נאָר דו, מאַהאָווע, וואַרפסט אויף מיר אַן איימע אָן!

די שטומעניש אין דיינע גרויע ליפּן און ווי מאָרע־שכוירע אויף דיין שטיינערדיק געזיכט

וועט זיך אַמאָל פונאַנדערשרייען, וואולקאַניש, ווילד און אומגעריכט.

און הימלען וועלן זיך, ווי דעכער שטרויענע פונאַנדערפלאַמען איבער מיר,

און אונטער מיינע טריט — פאַנאַנדערפלאַצן וועט די ערד.

ווי סיפלאַצט אַן אָנגעצויגענער געשוויר.

דו וואַרפסט אַן איימע אָן אויף מיר,

מאַהאָווע,

דו וואַרפסט אַן איימע אָן אויף מיר!

שלוימע שוואַרץ

באַלאַדע פון סעם טשינג לי

1

יאַקאָלאַמאַ, יאַקאָלאַמאַ,
אין דעם ווייטן אָריענט
צווישן בערג, שטיל און רואיק,
שטעטל מיינע, שטעטל שיינע;
מיט גאַסן שמאָלע, מיט גאַסן קליינע,
מיט יונגע בוימער, אויסגעשטעלטע,
קאַרשן בוימער, ווייס צעבליטע
ווי ווייסע קאַלעס אונטער כופּעס...
אונטער קלאָרע, בלויע הימלען,
אונטער זונען פריש צעשטראַלטע...

פאַרגיב מיר, יאַקאָלאַמאַ,
שטעטל מיינע.
כיבין פון דיר אַנטלאָפן.

2

סיהאָבן מיינע דאַרע הענט
יאָרן לאַנג טיף געגראָבן,
שווער געאַקערט סואַניס פעלדער.
טיף געקראָכן אין די זומפּן

שלוימע שוואַרץ

נאָך אַ רעגן, נאָך אַ שטורעם,
אויסצוגלייכן שטיינגלעך רייז.
ליב און טייער אָבגעהיט
סואַניס שענסטן, גרעסטן גאָרטן;
וואו סיהאָבן רייענווייז מיט פּראַכט
שיין געוואַקסן שענסטע בלומען:
נאַרציסן, רויזן, וויאָלעטן,
בלומען פיל קאָלירטע.
אויסגעשריבענע פון ווייטע לענדער,
פון ווייטע אינזלען
געבראַכט.
אין דעם גאָרטן, אין דעם גרעסטן,
סואַניס שענסטן, רייכסטן גאָרטן;
זענען פּאַלמען בוימער,
ווי קינדער מיינע,
אונטער מיינע אויגן שיין געוואַקסן.

האָב איך מיינע יאָרן,
יאָרן יונגע
אין סואַניס גאָרטן צעזייט:
אונטער בוימער,
אונטער קוסטעס,
אונטער בלומען,
אונטער גראָז.
סיהאָבן מיינע יאָרן,
יאָרן יונגע,
ניט געוואַקסן, ניט געבליט...
ווי געל שטערבלעכע בלעטלעך
פון ווינטן געהויבן,
פון רעגן געוואַשן,
פון זונען צעטרוקענט,
געפאַלן. —
זענען יאָרן, יאָרן מיינע
אין סואַניס גאָרטן אין דעם שענסטן.
ווי געל שטערבלעכע בלעטלעך —
געלעגן.

פאַרגיב מיר, יאַקאָלאַמאַ,
שטעטל מיינע.
כיבין פון דיר אַנטלאָפן.

3

סיהאָט מיין זון מיט פאָן פאָרויס,
מיט לידער נייע אויף די ליפּן;
מיט פרייד און גלויבן אין יונגע הערצער —
מאַכנעס יונגע, מוזיק גרייטע
איבערן בריק זיי געפירט,
איבער בלאָטעס געמאַרשירט
צו דעם פּלאַץ אויפן באַרג —
וואו סיהערשט לי סואן,
האַר איבער פעלד און וואַלד.

האָבן ווערטער פון זונס מויל,
פון יונגן מויל,
זיך געריסן און געפלויגן
ווי יונגע פויגלעך אַקעגן זון.
ווערטער מוזיקע, ווערטער האַרציקע,
ווערטער פלאַמיקע, ווערטער היציקע;
ווערטער ווי רויטע סטענגעס
פון ווייטע שטעטלעך און דערפלעך
פון ווינטן געטראָגן.
ווערטער עמעסדיקע,
ווערטער מאָנענדיקע;
ווערטער בעטנדיקע
לוין און יושער פאַר די קנעכט
פאַר די ברידער, פאַר די שוועסטער
וואָס בראָדן אין די זומפּן
האַלב נאַקעט ביז אין גאַרטל
אויסגעבויגענע, אויסגעמאַטערטע
אויף די פעלדער פון לי סואַן.

4

פון סואַניס מויל ווי פון אַ קאַנאָן,
האָבן ווערטער אָפּגעענטפערט:
ווערטער הילכיקע, ווערטער דונערדיקע!

שלוימע שוואַרץ

ווערטער גיפטיקע און שפּיזיקע,
בייסענדע און שאַרפֿע
זיך געצאַפּלט און געשליידערט
ווי שוואַרצע מייזלעך אין סואַניס מויל...
און געשפּיגן פֿול מיט כויזעק,
פֿול מיט שפּאָט און גאַל
אין די יונגע, קלאָרע אויגן
אויף מאַכנעס יונגע, מוטיק גרייטע.

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

מיטאַמאָל:
זיינען ווערטער געבליבן הייגנען
אין לי סואַניס האַלדז,
ווי דערקוילעטע מייזלעך
ווען סיהאָט מיין זוניס שווערד
גלאַנציק שאַרף
טיף אין לי סואַניס ברוסט
געטראָפֿן.

5

מאַכנעס,
סואַנוס מאַכנעס;
בייזע וועלף, צערייצטע הינט
מיט ציינער שאַרפֿע, מיט אויגן בלוטיקע —
אין די קעלערס ווילד געלאָפֿן...
זיך געלאָזן אין די גריבער
אין די שפּייכלערס;
אויף די בוידעמס,
אין די ווינקלען.
אונטער בעטן ווילד געזוכט
יונגע הערצלעך, יונגע קעפּלעך
זיי צעשניטן, זיי צעהאַנגען,
אין די גאַסן זיי געוואָרפֿן.
פֿאַר די הינט פֿאַר די בייזע
פֿאַר די קראָען פֿאַר די שוואַרצע —

ווי די יאָרן מיינע
אין לי סואַניס שעוסטן גאָרטן...

פאַרגיב מיר, יאַקאָלאַמאַ,
שטעטל מיינע.
כיבין פון דיר אַנטלאָפן
אין גאָלדן לאַנד,
אין ווייטן לאַנד...

6

האָב איך מיינע דאַרע הענט
אין וואַש מאַשינען איינגעשפאַנט
טאָג נאָך טאָג,
נאַכט נאָך נאַכט,
נאָכאַנאַנד —
אין גאָלדן לאַנד,
אין פרעמדן לאַנד...

זשומען ווי די בינען,
באַגינען
נאָך באַגינען
מאָטאָרן פון וואַש מאַשינען,
שפינען
גרויע פאַרע איבער מיר,
איבער מיינע טעג...
נאָכאַנאַנד —
אין ווייטן לאַנד,
אין פרעמדן לאַנד...
ביינאַכט,
שטיי איך מידזאַם פאַרטראַכט
אָן אַ העמד,
און פרעס
פיל־פאַרביקע, פרעמדע
העמדער;...
נאָכאַנאַנד —
אין ווייטן לאַנד,
אין פרעמדן לאַנד...



ד

אין אַ שפּעטע שאָ...
(ס'האָט מײַן טאָג קײן אָנפאַנג
און מײַן נאַכט קײן סאָף.)
אויגן קלעפּן זיך מיט שלאָף...
לײג איך זיך אין אַ ווינקל וואו —
אויף פרעמד געוועש
מײַן שטילע רו.

— — — — — — — — — — —

קומסטו מיר צו כאָלעס...
יאַקאָלאַמאַ, יאַקאָלאַמאַ,
שטעטל מײַנע, שטעטל שײנע,
פון דעם ווײַטן אָריענט;
וואו עס בליִען קאַרשן בוימער,
ווי יונגע קאָלעס אונטער כופּעס,
אונטער קלאָרע, בלויע הימלען,
אונטער זונען פריש צעשטראַלטע.

— — — — — — — — — — —

יאַקאָלאַמאַ, יאַקאָלאַמאַ.

דאָס ליד פון אויפגעוואַכטן

1

ווי יונגע טאָפּאָלן מײַנע יאָרן,
שאָען, שאָען, שנעל געצײלטע,
בלאַנקען טראָציק, אויסדערווײלטע.

טעג, ווי בײמער פון זון צעבליטע;
און נעכט, צעקושטע פון זילבערנעם טוי.
טראָג איך כאָלעם אין מײַנע אויגן,
ווי שטערן פון הימלישן בלוי.

וואַקסן, וואַקסן יונגע טעג,
צעהוליען זיך אין מיר פאַרנאַכטן . . .
שמײכלען לאָמפּן, פינקלען שטערן, —
און אין מיר: דאָס ליד פון אויפגעוואַכטן!

2

זע ווי עס פלאַקערן פון דעכער רויטע שילדן,
טאָג נאָך טאָג, און ווערן ניט מיד;
הער ווי עס טופּען און הילכן אין די גאַסן,
פול מיט אָנזאָג, יונגע טריט!

און וואו איך גיי — שעפּע גוס.
פאַרשוואונדן איז מיין בלאַסער טרויער:

בין איך דרייסט און פול מיט פלאַקער,
ניט זיך לאָזן פון צווייפל פאַנגען,
ווייל קלאָרע, בלויע הימלען
האָבן זון און כאָלעם אויף מיינע שויבן באַהאַנגען . . .

האָב איך אויפגעוואַכט מיט כאָלעם אין מיינע אויגן,
מיט פרישקייט און יונגקייט אין מיין טראָט . . .
דערפאַר פליען לידער פון האַרצן אין פלאַטער
צו קרוינען נייעם מאָרגן אין בלויען פאַרטאָג.

3

ווילט זיך שפּאַנען פערד,
און זיך לאָזן אין גאַלאָפּ!
זאָלן ווינטן שטיפעריש צעקודלען
די ברוינע האָר פון מיין יונגן קאָפּ . . .

זאָלן רעדער ווילד צערודערן
ברוקירטע גאַסן מיט שטיינערנעם קלאַנג!
זאָלן פערד פון געשפּאַן זיך רייסן,
ווי די שורעס פון אויפגעוואַכטן געזאַנג!

זאָלן פונקען פון צעהיצטע קלויען
צינדן שטילע פאַרנאַכטן,
און אויף וועגן ווייטע זאָל הילכן
דאָס ליד פון אויפגעוואַכטן! . . .

שלוימע שוואַרץ

דער מאָרגן זון אַנטקעגן

פון פרישקייט וועגן
דער מאָרגן זון אַנטקעגן,
בין איך אויף דער וועלט געקומען!

ניט מיט בלומען —
נאָר מיט באַקן צעפלאַמטע,
און טריט ניט געצאַמטע,

אויגן צוויי — ווי גליענדע קוילן.

אויפן וועג פון גליענדן זאַמד
נאָכאַנאַנד
מיט זון זיך געשפּילט,

און פאָראויס דערפילט
ווי אין מיר מיין בענקשאַפט וואַכט;
באַטאָג,
באַנאַכט —

און ציט זיך ווי לעוואָנע־שיין
אויף ליכטיקע וועגן,
וואו מיין אומרו האָט צעבליט
אויף מיין וויטן גאַנג —

ערשטע פרייד פון מיין ליד!

צאַרטן קלאַנג פון מיין געזאַנג
אויף מיין וויטן גאַנג!

שלוימע שוואַרץ

דאָס ליד פון מילך־מאַן

מיינע נעכט —
שוואַרצע בלעטער,
אַראָפּגעטרייסעלטע פון צווייגן,
אַין שטומען שווייגן,
שפּרייטן סאַמעט־שלאָף אַויף מיינע שויבן —
סיהויבן
זיך אַויף, פון ווייסע געלעגערס,
פיבער־כאַלוימעס, צוזאַמענגעפּרעסטע,
דורך ווייסע גאַרדינען אויף טורעמס
די העכסטע —
פון שטערן־געקרוינטע צעגליטע ראַקעטן
וואָס גלעטן
גרויען נעפּל
אויף גאָלדענע ווייזערס פון שטאָטישן זייגער...

2

שלאָגט אויס די שאָ —
בין איך דאָ
אינים קאַראַהאָד:
ראָד
און טראָט
סקריפּן גרילציק איבער פּוסטע גאַסן.
ווי אונטערגעשאָסענע פויגלען —
כאַלוימעס מיינע באַזיגטע —
פון ווינטן צעוויגטע,
ראַנגלען זיך אין וואַקל פון צעהילכטע רעדער!

3

מיינע מאָרגנס —
גרויע פלעקן אויף גרינע בוימער.

מיינע טרוימען ניט דערוואַכטע, דרימלען מידע
אויף טיר און טויער;
ס'טאַנצט מיין שאָטן הילכיק אויף שטיגן הויכע
ביז צום העכסטן גאָרן.

שלוימע שווארץ

סיפינקלט מיר אַנטקעגן דורך די בלויע ספערן,
מאָרגענשטערן,
דורך טונקעלע קאָרידאָרן.
וויגט זיך שטום, מיט שווער געמיט,
טריט אויף טריט
בלאַסער צאַר; —
טאַנצן שאָטנס אויף קאַלטע ווענט,
פרעמד,
פאַרשעמט —
אין פינצטערן קאָשמאַר...

4

מיינע שאָטן
אויסגעבלייכטע ווי די מילך
אין ווייסן וואָגן,
טראָגן
איינגעשפּאַנטן יאָך צום גאָלדענעם פרימאָרגן

הויף צו הויף, טיר צו טיר, שפּאַנט
פערד און איך — זאַלבעגאַנד —
שאָטנס צוויי, שפּינען ליכטיקן באַגינען!

5

דורך זוניקע, צעשטראַלטע פענסטער
שפּיגלט אין לויטערקייט
שלאָף אויף צעוואַרעמטע בעטן.

נאַקעט לייב אין ווייסן בלענד
צעקושטע פון נאַכטיקע גלעטן —
האַלזן ווייסן כאָלעם מיינעם...

שורעסווייז, ווי בליטן, ווייסע הענט
עפענען טירן
און צירן —
טרויער פון מיין האַרץ,
אויף זייערע געגרייטע טישן — — — —

שלוימע שווארץ

די באַלאַדע פון דריי ברידער

אויף די שליאַכן צו מאַקאָוואַ צו דער שטאָט פון קלויסטער־גלאָקן,
קופער גאָלדענע קופּאָלן — שפּיגלען זיך אין בלאָען לויטער;
וואו דאָס גליענדע זאַמד, לאַכט דער זון אַקעגן
און דער גרויער שטויב קושט די מידע טריט פון וואָגלער.
קייטלט זיך אַ וועג, אַ שמאָלער וועג, צום מײַרעוו־ראַנד,
וואו יונגע סאָסנעס — נאָנעס הויך פאַרגאַפטע, אומבאַרירטע
שטאַרן טראָציק צום כמאַרנעם הימל;
און אַלטע דעמבעס, ווי מידע מאַכנעס רייענווייז פאַרטיפטע,
בליקן שטום אויף ברידער דריי וואָס האָבן זיך אין וועג געלאָזן.

קלאָגט דער אַלטער ברודער:

— טונקל איז מײַן ליד פון דער גאָרער ווייט —
איך, דער אַלטער מאַן — אַ קינד אַמאָל געווען;
שוואַכער ווערט מײַן גאַנג, איינזאַמער מײַן וועג,
און שווער איז דער טראָט וואָס פירט צום מײַרעוו־ברעג
ס׳וועט די לעצטע שאָ מיט אַ שטילן ניגן
צום ריטם פון טרער אויף אייביק מיר פאַרוויגן...
פון מײַן רוקן וועל איך מײַנע זעכציק יאָר
צום שוואַרצן כאָלעם שײַנקען...
צום שוואַרצן כאָלעם...

ווײַנט דער צווייטער ברודער:

אייביקע געפּענטעטע — זײַנען מיר,
— ביים ברעג פון צײַט זיצן מיר
ווי עס פליסטערט אין אייביקן געדראַנג
דאָס ליד פון אונטערגאַנג...

שלוימע שוואַרץ

פאַרוואָגלטע, ווי טויבן פאַרבלאָנדזשעטע
אין כוישעך פון דער נאַכט —
קומען בלינדע טרוימען
אויף דיינע אומרו־וועגן...
ס׳האָט דער רייץ מיך געטריבן
צו דער וועלט פון לויטער־קלאַנגען
שפּאַן איך מיט אַ קלאָלע —
פון אייגן צאַר געפאַנגען!

זינגט דער יונגער ברודער:

— אויף מיינע ליפּן טראָג איך בראָכע
צו דער וועלט פון שווייס און שעפע,
צום בראַוון טאָג פון זאַנג און קאָרן
צו פאַבריקן אויף צענדליק גאָרן;
צו די פּיס און שטייפע שטיוול —
(וואָס זוכן וועגן אין דער נאַכט...)
צו דער שטריק וואָס בינדן שטאַרקער
גרויען־צווייפל פון דעם מאָרגן!

גלאָקנקלאַנג!
עס רופט אין וועג!
זינגען צייטיק פון מיין אַקסל:

האַק,
שער,
דלאָט און האַמער!
שפּרינגען טריט צום רוף פון האָרן
וויגט זיך זון צום זאַנג פון קאָרן,

ברייטע שליאַכן, ברייטע טראַקטן
און מיין קאַרק פון זון געבאַקן.

מוסקלען האַרטע, הענט אין פיבער —
איז דער גייער וועג מיר ליבער!

שלוימע שניידער

מאָנטאָזומאַ

אין מיטן וועג אַ שיינקל שטייט,רוט מאָנטאָזומאַ לעבן דעם, דער רויטער וואַנדערער.
מיט אַ טעמפּן טאָמאַהאַק אין האַנט, און קאָפּ געבויגענעם אַראָפּ, אָן מוט.
איבער אים — אַ דראָסל איינזאַם קרויזט. עך! געווען אַמאָל זיינען צייטן אויך אַנדערע
אין זיינע אינגערע טעג, מיט טאַנץ פון סקאַלפּ־מעסערס צעהוליעטע און בראָנקאָס
ווילד מיט הייסן בלוט.

געקלונגען אַנדערע האָבן לידער איבער די גאָלדענע סיעראַס, געזאַנגען
פון שוואָטים, פרייע ווי דער ווינט, שטאָלצע „יומאַס" און „מאָהאַוואַס" קאָפּ פאַר
קיינעם ניט געבויגן;
און האָט אַ סוינע ווען אויף ערד באַוויזן זיך אויף זייערע מיט קריגערישע קלאַנגען —
איז ווי אַ בליץ פון הימל, פייל פון בויגן גלייך אין סוינעס האַרץ געפלויגן.

נאָר ניט וועקן אַלטע וואונדן וויל איך איצטער אין דיין האַרץ, אוי, אַלטער, גוטער,
מאָנטאָזומאַ!
דאָס ליד פון מיין פאַרגיין, אין האַרצן רוישט איצט שטאַרק ביי מיר, נאָר כיהאָב דיך ניט
מיט וואָס צו טרייסטן. זינג איך איצט דאָס ליד צו דיר, אָ, שטאָלצער הויפּט פון
שייוועט יומאַ,
דאָס ליד פון אויפגערוישטן ווייסן טרויער פון מיין באַגעגעניש מיט דיר שוין נאָך
דיין גלאָררייכן טויט.

פאַרשוואונדן איז דיין פאָלק אין קאַמף אין העלדישן, אין בראַוון; אין קאַמף פאַר
לעבן אָדער טויט.
דער רוף פון דיין ניצאָכן אין די וועלדער שאַלט מער ניט איבער פיינט פאַרלענדטן. —
געבליבן איז אָבער דיין נאָמען פאַרוועבט אין אייביקן כאָלעם פון לאַנד, אין שטילן
לעגענדע־ברויט
און אים פאַרווישן — קאָן שוין קיינער מער ניט: ניט טראָט, ניט וואָרט מיט סאַם
פאַרבלענדטן.

שלוימע שניידער

פויערן

פויערן שווערע, מיט פרייד פון לעבן אויף פעלד גערעכטן —
פון אייערע הענט קוועלט אַרויס אייער גלויביקע פרייד.
לאָז איך מיט אייער פריידיק געלעכטער
און הער זיך צו צו אייערע רוישיקע רייד.

כיהאָב שוין לאַנג מיט קיינעם ניט געטיילט מיין פרייד,
שוין לאַנג פאַר קיינעם ניט געלייענט קיין לידער;
איר, דאָרפישע לייט, וואָס טוט רוען אין שאָטן פון מיינע שטאָטישע רייד,
איר טראָגט די פרייד פון מיין ליד אין זיך אַליין, אין אַלע גלידער.

דער הערבסט גענענט זיך צו מיינע טריט,
אויף די פעלדער שטילן איין די זומערדיקע לידער;
איבערפילט מיט גאָלד פון בליאונג צום רוישיקן שניט
טראָג איך ליכטיק מיין געזאַנג צו אייך, מיינע נאָענטע ברידער.

אונטער טונקעלע הימלען

(פראַגמענט)

I

כאַלעם אויף, כאַלעם מיר אויף דעם בלינדן כאָלעם פון דיין שוואַרצער ערד!
פאַרגרייט אין הויכן העלע הענגט אַ ליכטיקע נאָך די שווערד,
און ליכטיק וואַרט זי אויף דיין ריס זי זאָל ווערן דערהערט.
באַלד וועט אין כוישעך פאַרזינקען פון שווערד דאָס געשאַנק,
אין די הויכן צעמאָלט שוין די נאַכט איר בלאַנק,
און בלינד פאַרגיין וועט אויך היינט פאַר מיר דיין ניט אויפגעראַשט געזאַנג.

II

און ווי די שאַרף פון אַ בליץ איבער אַ סטאַדע דערשראָקענע ווייסע שאָף,
אויף אַ פאַרשניטן פעלד אין אַ פאַרנאַכט, פאַר אַ הערבסטיק געוויטער,
פאַרציט דער טרויער זיין ניגן איבערן בלינדן גורל פון מיין כאָלעם. —
קיינער וועט צו הילף אים מער ניט קומען אין די שטילע טיפן פון שוואַרצן שאָלעם,
און קיינער דאַרף ניט קומען מער — פון זיין האָרן האָט ווייטער היטער
דעם שוואַרצן רוף שוין אַרויסגעלאָזט און אַנשטיין באַלד וועט אין דער פינצטער
דער סאָף.

שלוימע שניידער

III

איצט איז נאַכט. צערונען ליגט דיין טאָג טראָט
שוין פאַר מיר. איך וועל דיין קלאַנג שוין מער ניט הערן.
אויף וועגן, וואָס פירן אַרויס פון דער שטאָט,
צינדן פון ווייטן שוין ווידער זיך אָן פאַרפירערישע שטערן.

נאָר איך וועל דיין קלאַנג אין מיין האַרץ ניט פאַרשטומען.
אויף אַלע וועגן וועל איך וואַכן איבער דיין ליכטיקן ציטער.
מיין האַרץ האָט דיין כאָלעם אינגאַנצן פאַרנומען.
און זיין וועט ער מיר אין מיין וועג — מיין ליכטיקער היטער.

לויטער הענגען דיינע הימלען בייכעדיק אַראָפּ איבער פאַרבנרייכע הויכן,
קיין שטורעם ברויזט ניט אויף אויף דיין איצט־דרימלנדיקן פייער;
פון באַרג, און יאַם, און גרינענדיקער ערד די בלויע רויכן
וועב שלעפעריק און פויל דעם העלן כאָלעם פון דיין זון אין אָפענער וועלט אריין
אין פייער.

גאָלדיק־הויך פאַרוויגט דעם קאָפּ שפּאַרט אַרויף זיך צו דער זון
דאָס וואונדערלעך געוועב פון דיינע קרוינען; בערג און פאַליעס און ציפּרעסן;
אין ווייטן צעזונגען האָבן לידער איבער דער וועלט שוין לאַנג דערפון
דעם וואונדער — דאָס ליד פון דיין זוניקן כאָלעם איבער אַ גאַנץ יאָר מעסלעסן.

בלענדיק קישעפן די רייכעס פון דיין פעפער־בוים, צעצווייגטן ברייט,
אויסגעמישט מיט רייעך איידעלן פון גאָלדענעם אַפּעלסין;
צו מוט און גלויבן וועקן שטאָלץ מאַדראַניס ליכטיקע צעשפּרייט
אין סאָד פון דיין זיידענעם וואונדער, וואָס איז אי בלוי, אי גרין.

שלוימע שניידער

אויף דיינע ערדן וואַקסט אַ ווילדער נאָך גרינער קאַקטוס און אָלעאַנדער,
ביינאַנד מיט בלויע יאַקאַראַנדער און בלוטיק־רויטע מילגרוימען;
און אין די סיעראַס ד[illegible] נע — קאָן מען טרעפן יאָר א[illegible] [illegible] טייוועט
אין וואַנדער
מיט ראָסט פון דוירעס אין זיין גאַנג און לאַנג פאַרלאָשענע פּרוימען.

און אין די שטעט — אין אָטעם־רויש פון שטאָל און שטיין און פאַלשער
אויסגעפוצטער זעט,
אַנטקעגן די אָפענע פעלדער מיט זוניקן שניט פון בלומען, מאַראַנצן און קאָרן,
וואָגלען וואָגלעער אַלערליי, אין העלן שטראַמיקן געדריי, מיט אַ נאָגדיק געבעט
אין האַרצן — מידע וואַנדערער פון גאָר דער וועלט, מיט מידע, בייסנדיקע יאָרן.

פון אַלע שלאַכן געצויגן האָבן וואָגלער אַהער, צום בליץ פון קישעף אויף דיינע ברעגן
מיט אָנגעצונדענעם, צעבליטן גאָלד און טרויער־גלאַנץ אין בלוט און אין די אויגן,
און האָבן די וועגן מיט אומרו פאַרפלאָנצט, געדעקט מיט די וועגן,
אין געווירבל פון זוניקן כאַלעם מיט אַ שטילן טרויער פאַרצויגן.

קלינגען אַנדערע איצט לידער און ווייטן וועגן דיר, אָ, זוניק לאַנד!
איינגעהילט אין דיינע טרויער־ראַמען איבער די העלע טיכער פון בלענדיקן כאָלעם־
פאַר וועמען דיין בליץ געמיינט האָט גאָלד און זילבער קלאַנגען,
פאַר אַנדערע — דער שטילער רוף צום בלינדן טהאָם פון שוואַרצן שאָלעם.

נאָטיצן

בען שאָלעם

געב. 1894 אין ווילנע. דעב. אין שיקאַגער וועלט — 1919. געדרוקט אין פ. אַ. ש. פרייהייט, פעדער, פראָלעט. געדאַנק, דאָס וואָרט, רעזאָנאַנס, יוגנט, איבייגעם, יונג־שיקאַגע, שיקאַגע און אידישע בלעטער.

ביב. ש. ניגער — טאָג; בעל מחשבות — מאָרגן זשורנאַל־מאָמענט; מ. אָלגין — פרייהייט; דר. י. מ. זאַלקינד — לאָנדאָנער אַרבעטער פריינט; קאַלמען מאַרמאָר — שיקאַגער פאָרווערטס; א. רייגוויין — טאָראָנטער זשורנאַל; ל. מלאך — אַרגענטינער פרעסע; גראָבאַרד — ניי־אידיש.

פינטשע בערמאַן

געב. 1892 אין אַנטאַפאָל, פּאָלעסיע. געדרוקט אין פ. אַ. ש.; קונדס, פריינד, פאָר־ווערטס, מערב, זונלאַנד און פּאַסיפיק.

וואוינט אין לאָסאַנגעלעס, קאַליפ.

ה. גאָלדאָווסקי

געב. 1893 אין רעטשיצע, מינסקער גוב. דעב. 1918 אין קעמפער, זיך געדרוקט אין צייט, אויפגאַנג, זונלאַנד, פראָל. געדאַנק, קאַליפ. איד. שטימע, פּאַסיפיק און אין יידיש. אין 1927 אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער אין פרייר לאַנד.

וואוינט אין לאָס אַנגעלעס.

עטל גאָלדבערג

געב. 1887 אין ליטאָווסק, גראָדנער גוב. דעב. אין פרייהייט, 1926. געדרוקט אין קולטור, מערב, פּאַסיפיק און אין קאַרמאַנס אַנטאָלאָגיע.

איבערזעצט אַ פּאָר קאַפּיטלעך פון טאַגאָרעס גיטאַנדזשאַלי.

וואוינט אין סאַנפראַנציסקאָ, קאַליפאָרניע.

ביב. — א. גלאַנץ — טאָג; אַלעקסאַנדער — פריינד; ל. מלאך אַרג. פרעסע.

באָרעך גאָלדהאַרט

געב. 1898 אין האָראָדישטשע, קיעווער גוב. דערצויגן געוואָרן אין פּיאַטיגאָרע, קיעווער גוב. דעב. מיט אַ ליד אין אידישע וועלט, פילאַדעלפיע, פּאַ., 1916. געדרוקט אין טאַגעבלאַט, ווארהייט, פאָרווערטס, אַרבעטער פרעסע, טאָג, דאָס אידישע פאָלק, איד. קעמפער, קונדס, פרייהייט (פּסעוו. ב. רויזקינד), שיק. אויסגאַבעס: דער אידי־שער רעקאָרד, יוגנט, איבייגעם, יונג־שיקאַגע (זמב.) און שיקאַגע.

רעדאַקטירט אַ וואָכנבלאַט — אידישער געשעפטסמאַן, שיקאַגע 1927-1928.

ביב. — ש. ניגער — טאָג; מ. אָלגין — פרהייט; א. אלמי — קענעדער אָדלער; דר. י. מ. זאַלקינד — לאָנדאָנער אַרבעטער פריינט און קאַלמען מאַרמאָר אין שי־קאַגער פאָרווערטס.

איצט לערער אין אַרבעטער רינג שולע, מילוואָקי, וויס.

ל. גאָרעליק

צוקופט, קעמפער, פ. א. ש., פון מענטש צו מענטש (מאַני לייבס זאַמלבוך), פריוו־
הייט, האַמער, אינזיינעם, יונג־שיקאַגע, קולטור, שיקאַגע, ליט. בלעטער און קינ־
דער זשורנאַל.

אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער — **1919**, קליוולענד, אָהייאָ.

ביב. ש. ניגער — טאָג; בעל־מחשבות — מאָרגן זשורנאַל ־ מאָמענט;א. אלמי —
קענעדער אָדלער; א. גלאַנץ — טאָג; מ. אָלגין — פרייהייט; ל. מלאך — **אַרגענ־**
טינער פרעסע; דר. י. מ. זאַלקינד — לאָנדאָנער אַרב. פריינט און א. רייזווין —
טאָראָנטער זשורנאַל.

וואוינט אין שיקאַגע, איל.

יהודע לייב דאַשעווסקי (ילב״ז)

געב. **1**טן מאַי, **1890**, אין דאָרף מאַריעווקע, בערסאָנער גוב. דעב. מיט אַ ליד אין
קונדס,**1917**. געדרוקט אין קונדס, מאָרגן זשורנאַל, אַמעריקאַנער, אידישן אַר־
בעטער, וואַנגאַרד, פ. אַ. ש., צייט, טאָג, קעמפער, און אַלע פועלי ציון פאַרטיי
אָרגאַנען. איבערזעצט ווינסבורג אָ. פון שערוואוד אַנדערסאָן (פ. א. ש.), אויך אי־
בערזעצט לידער פון רוסיש און ענגליש.

וואוינט איצט אין מילוואָקי, וויס.

מאַטעס דייטש

געב. **1894** אין ראַקיטנע, קיעווער גוב. דעב. אין מאָנטרעאָלער וועג **1916** מיט
אַ דערציילונג — אַ גלגול פון האַנטוך-געדרוקט אין טאָגעבלאַט, פ. אַ. ש., אַמערי־
קאַנער, פרייהייט, פעדער, אונדזער בוך, דאָס וואָרט, שיקאַגער אויסגאַבעס: די
וועלט, דער אידישער רעקאָרד, אין נעבל (זאַמלבוך) רעזאָנאַנס, יוגנט, אינזיינעם,
יונג־שיקאַגע, (זמב.), און שיקאַגע.

געווען מיטרעדאַקטער פון אינזיינעם, יונג־שיקאַגע (זמב.), און שיקאַגע.

איבערזעצט לידער פון קאַרל סאַנדבורג.

אַרויסגעבן מענדעלסאָנס אָראַטאָריע — אליהו אין אַ נייער ווערזיע מיט אַ פראָ־
לעטאַרישן אויסטייטש, צוזאַמען מיטן מוזיקער אָשער מאַנוסאָוויטש.

ביב. — ש. ניגער — טאָג; אָלגין — פרייהייט; א. אלמי — קענעדער אָדלער;
בעל מחשבות — מאָרגן זשורנאַל און מאָמענט; דר. י. מ. זאַלקינד לאָנדאָנער אַר־
בעטער פריינט;קאַלמען מאַרמאָר — שיקאַגער פאָרווערטס; א. גלאַנץ — טאָג;
אַלעקסאַנדער — פריינט; ל. מלאך — אַרג. פרעסע.

וואוינט אין שיקאַגע.

פעסי הערשפעלד־פאָמעראַנץ

געב. **1900** אין קאַמענאָבראָד, וואָלין. דעב. אין יידישע וועלט — 1918. געדרוקט אין פעדער, קונדס, קינדער זשורנאַל, פריינד, האַמער, פרייהייט, שיקאַגער אויס־גאַבעס: אין נעבל, (זאַמלבוך) רעזאָנאַנס, יוגנט, יונג שיקאַגע (זאַמלבוך), קולטור, און אין קאָרמאַנס אַנטאָלאָגיע.

אַרויסגעגעבן ביכער: קאָרעלן — 1926; געקליבענע לידער — 1931.

ביב. — ש. ניגער — טאָג; א. אלמי — קענעדער אָדלער; אָלגין — פרייהייט; בעל מחשבות — מאָרגן זשורנאַל; דר. י. מ. זאַלקינד — לאָנדאָנער אַרבעטער פריינט; ש. ד. זינגער — שיקאַגע; א. ה. העלער און ל. מלאך.

וואוינט אין שיקאַגע.

שיפרע ווייס

געב. 1889 אין קעלם, קאָוונער גוב. דעב. אין פ. אַ. ש. —**1923**. געדרוקט אין פרייהייט, האַמער, איביינעם, ליט. בלעטער, מערב, און קאָרמאַנס אַנטאָלאָגיע.

אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער — אין גאַנג — 1932.

ביב. א בייזער — יידיש.

וואוינט אין לאָס ענגעלעס, קאַל.

מאַלקע בייפעך־טוזמאַן

געב. 1894 אין דאָרף בייטשאַ, וואָל. גוב. געדרוקט אין פ. אַ. ש., אויפקום, וואָך, קינדער זשורנאַל, ליט. בלעטער, פריינד, צייט און אויפבּרויז.

וואוינט אין מילוואָקי, וויס.

מ. טקאַטש

געב. 1894 אין פריבאָרסק, קיעווער גוב. געדרוקט אין פרייע אַרבעטער שטימע, נייע וועלט, קונדס, פרייהייט, ניי־אידיש, אויפגאַנג און שיקאַגע.

אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער: אויף גאָטס באַראָט. 1927.

ביב. — מלך עפשטיין, פרייהייט; איטשע ליבמאַן.

ל. מאַטעס

1897־1929. געב. אין ביאַליסטאָק. געשטאָרבן אין לאָסאַנגעלעס. דעב. אין שיקאַגער וועלט. געדרוקט אין פ. אַ. ש. פריינד, קונדס, נייע וועלט, צייט, פרייהייט, דאָס וואָרט, פעדער, ניי־אידיש, ביים פייער, ביאַלאָסטאָקער שטימע, שריפטן, קינדער זשורנאַל, קינדערלאַנד און אין אַלע שיקאַגער אויסגאַבעס.

אַרויסגעגעבן ביכער: אָפענע טויערן, מאָמענטן, דער ווייסער פרינץ פון דער ווייסער פלאָג, סטודיאָ, בעטלברויט (דראַמע), און קאַראַהאָד.

ביב. ש. ניגער — טאָג; מ. אָלגין — פרייהייט; קאַלמען מאַרמאָר — שיקאַגער פאָרווערטס; א. אלמי — קענעדער אָדלער; דר. י. מ. זאַלקינד — לאָנדאָנער אַרב. פריינט; ש. מילער — פאַסיפיק; ה. רויזנבלאַט; ל. ש"ע — וואָך; א. ריינוויין — טאָראָנטער זשורנאַל; פערעץ וויערניק — מאָרגן זשורנאַל; מאַטעס דייטש —

שיקאַגע; א. עסעלין — פ. א. ש.; יצחק א. ראָנטש — פרייהייט; י. ל. קאַלושינער יחזקאל בראָנשטיין און אַ סך אַנדערע.

ל. מילער

געב. **1887** אין לאָנאָוויץ, וואָלין. דעב. אין פ. א. ש., 1910; געדרוקט אין קעמפער, גלייכהייט, קיבעצער, קונדס, פּאָעזיע, דאָס וואָרט, אָנהויב, שריפטן, ביים פייער, פרייהייט, האַמער און איגיינעם.

אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער — אויף גאָטס וועלט — 1919.

רעדאַקטירט די אילוסטרירטע וואָכנבלאַט — קולטור — שיקאַגע.

געמאַכט איבערזעצונגען פון וואָלט וויטמאַנס לידער

ביב. — זע ז. רייזענס לעקסיקאָן.

וואוינט אין דעטראָאיט, מיש.

אַלטער עסעלין

געב. **1889** אין טשערניגאָוו. דעב. אין קונדס **1919**. געדרוקט אין פ. אַ. ש.; פרייהייט, ניי־ אידיש, דער פרייגט, נייע וועלט, דאָס וואָרט, הויגט, פעדער, אויפ־ קום, אַמעריקאַנער, מיר אַליין (קאָוונע), שיקאַגער אויסגאַבעס: איגיינעם, יונג־ שיקאַגע (זאַמלונג); שיקאַגע; קאַליפאָרניער אויסגאַבעס: מערב זונלאַנד.

געוואונען ערשטן פרייז אין לידער קאָנטעסט — פרייהייט, **1925**. קאָנטעסט האָ־ נאָראַר צוגעטראָגן פון דעם דיכטער יצחק אלחנן ראָנטש.

אַרויסגעגעבן אַ בוך לידער — קנויטן — **1927**.

ביב. שאַכנע עפּשטיין — פרייהייט; ש. ניגער — טאָג; מ. ל. ה. — וואָך; י. י. סיגאַל — אויפקום; ה. רויזנבלאַט — קאַליפ. שטימע; דר. י. מ. זאַלקינד — לאָנדאָנער אַרב. פריינט; נח שטיינבערג — שיקאַגע; א. רייגוויין — טאָראָנטער זשורנאַל; ב. סמאָליאַר — קוריער; ל. מלאך — בוענאָס איירעס פרעסע; מ. מעלאַמעד — פיל. איד. וועלט; י. א. גינגאָלד — מיל. איד. שטימע; א. הוימאַן — קאָוונער מיר אַליין.

וואוינט אין מילוואָקי, וויס.

עזרא קאָרמאַן

געב. **1888** אין קיעוו. אָנגעהויבן שרייבן אין **1910** אין ש. גאָרעליקס אַלמאַנאַך. זיך באַטייליקט מיט פובליציסטישע און זשורנאַליסטישע אַרבעטן אין פאַרשיידענע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנער צייטשריפטן. געדרוקט לידער אין מילגרוים, פעדער, קולטור, אידיש, און אַנדערע צייטשריפטן. אַרויסגעגעבן אַ בוך: ברענענדיקע בריקן אין **1921**; אַנטאָלאָגיע — אידישע דיכטערינס, 1928; אַ ביכל לידער — שקיע, **1932**.

ביב. — ש. ניגער, א. צייטלין, (זע ז. רייזענס אַנטאָלאָגיע).

וואוינט אין דעטראָאיט, מיש.

בראָכע קודלי

געב. 1893 אין יאזעפפאל, פּאָדאָליער גוב. דעב אין פ. אַ. ש. 1924. געדרוקט אין האַמער, איביינעם, מערב, זונלאַנד פּאַסיפיק, פעדער, פרייהייט, ציוט, ניי־יודיש און אין קאַרמאַנס אַנטאָלאָגיע. ארויסגעגעבן אַ בוך לידער אוזאָרן — 1931.

ביב. א. פּאַזנער אין יודיש

וואוינט אין לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע.

איצכאָק עלכאָנאָן ראָנטש

געב. אין 1899 אין קאָבין. דעב. אין קונדס. געדרוקט לידער אין: איד. רעקאָרד, איד. וועלט, יוגנט, יונג־שיקאַגע, איביינעם, פריינט, פעדער, פ. א. ש., דאָס וואָרט, קינדער־לאַנד, קינדער זשורנאַל, פרייהייט און האַמער.

ביב. קאַלושינער, יוקלסאָן, מ. ווינאָגראַד, דר. י. מ. זאַלקינד.

ה. רויזנבלאַט

געב. אין 1878 אין רישאשא, פּאָדאָליע. דעב. אין פאָרווערטס 1900. געדרוקט אין כמעט אַלע פּראָמינענטע זשורנאַלן און צייטונגען.

רעד. דעטראָאיטער וואָכנבלאַט און מיטרעדאַקטאָר פון פּאַסיפיק.

ביכער ארויסגעגעבן: לידער און געדיכטע — 1915; אונטער גאָטס הימלען; בלויע פלאַמען און הרודעס.

איבערזעצט עדגאַר ע. פּאָוס די ראָב און אָסקאַר ווײַלדס די באַלאַדע פון רעדינגער טעפּיסע.

ביב. — זע ז. רייזענס לעקסיקאָן.

וואוינט אין לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע.

שלוימע שוואַרץ

אַ פּאָנים כאַראַקטעס אין דער אידישער דיכטונג. ער איז אינגאַנצן אַן אַמעריקאַנער פּראָדוקט.

געבוירן אין קאָבלין, לאָמזשער גוב., רוסיש פּוילן. צו צוועלף יאָר אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין 1919. פון אידישקייט האָט ער געוואוסט בלויז דאָס וואָס מע לערנט אין אַ ביידער. געענדיקט די פּאָלק און העכערע שולן אין 1924, נאָכדעם באַזוכט אַוונטן אין אוניווערסיטעטישע קורסן קעדיי צו קריגן אַ סיסטעמאַטישע בילדונג אין דער ענגלישער פּאָעזיע און ליטעראַטור ביבלאָל.

זיין שפּראַך אין אידיש (ער שרייבט אויך אין ענגליש) איז לייכט, גראַציעז און יוגנטדיק. ער איז אונטערן איינפלוס פון דער נעאָ-פּראָלעטאַרישער דיכטונג.

זיינע הויפּט מאָטיוון זיינען; שטאָט, סאָציאַלער פּלאָנטער און דער אינערלעכער ראַנגל פונם אָפּגעשטאַנענעם מענטש וואָס ציט זיך צום נייעם לעבן פון דער איצ־טיקער וועלט-באַנייאונג.

שלוימע שוואַרץ פאָרדינט בעעמעס אַז מע זאָל זיך מיט אים פאַרינטערעסירן, שוין מיט דעם אַליין וואָס ער באַזיצט, אָן ספּפעק, מער ווי בלויז פייאיקייטן אָנצושרייבן אַן אויסהגעהאַלטן ליד.

מיר גלויבן אַז פון שלוימע שוואַרצן קען מען זייער פיל דערוואַרטן. ערשטנס איז

ער נאָך אַ יונגער מענטש און, צווייטנס, האָט ער טאַקע שוין באַוויזן קרעאַטיוו צו איבערצייגן אונדז מיט זיין דיכטערישער אָבזערוואַציע, ווי, לעמאָשל, אין דער פּאָעמע סעם טשינגלי און אינם ליד פון אויפגעוואַכטן.

נאַטירלעך, ער איז נאָך גליאיק, היציק, וואָלטן מיר געזאָגט, אָבער אַזוי גיך ווי ער וועט זיך אַבּיסעלע אָפּקילן (ניט אויסקילן כּאָלילע) וועט ער ביישטייערן צו דער אידישער דיכטונג מיט אָ דעם קויעד פון זיין טאַלאַנט וואָס יעדער דיכטער טראָגט צו אין זיין רייפער צייט.

געבוירן איז שוואַרץ אין יאָר **1907**. דעב. אין איד. זשורנאַל, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע אין יאָר **1925**. געד. אין אידישער זשורנאַל, די פעדער, שיקאַגע, קראָניקל, טריביון.

ביב. אברהם רייזען אין שיקאַגע; ש—ם אין מינסקער שטערן, נומער פינף, **1927**.

שלוימע שניידער

געב. **1897** אין דיניוויץ, פּאָד. גוב. דעב. מיט לידער אין ניואַנסן, מאָנטרעאָל, **1921**. זיך געדרוקט אין קענ. אָדלער, טאָראָנטער איד. זשורנאַל, קאַנ. וואָכנבלאַט, דער קוואַל, אויפקום, עפּאָכע, אַרבעט, קינ. זשורנאַל, אונדזער בוך, איד. פירער, גרינינקע ביימעלעך, חבר. צוזאַמען מיט י. י. סיגאַל אַרויסגעגעבן אין מאָנטרעאַל און שפּעטער אין טאָראָנטאָ די העפטן רויערד. איבערזעצט האַמסונס די ברכה פון דער ערד און קינדער פון צייט. געדרוקט אַ בוך פאַר קינדער שפּילערייען און עטלעכע קינדער איינאַקטערס.

וואוינט אין לאָס אַנגעלעס.

מ. באָגדאַנסקי, שלוימע בעלסקי און יאַנקעוו בראָדסקי — ליידער ניט געקענט באַקומען זייערע ביאָגראַפיעס און ביבליאָגראַפישע דאַטעס.

אינדעקס

באָגזאַנסקי מ. 1
בעלסקי ש. י. 10
בען שאָלעם 15
בערמאַן פינטשע 35
בראָדסקי יאַנקעוו 37
גאָלדאָווסקי ה. 41
גאָלדבערג עטל 44
גאָלדהאַרט באָרעך 46
גאָרעליק ל. 68
דייטש מאַטעס 72
הערשפעלד־פּאָמעראַנץ פּעסי 95
ווייס שיפרע 103
כייפעץ־טוזמאַן מאַלקע 105
טקאַטש מ. 111
מאַטעס ל. 120
מילער ל. 129
מילער ל. 129
עסעלין אַלטער 137
קאָרמאַן ע. 152
קודלי בראָכע 156
ראָנטש י. א. 158
רויזנבלאַט ה. 162
שוואַרץ שלוימע 176
שניידער שלוימע 190

אילוסטראַציעס, רעפּראָדוקציעס; האָלצשניטן:

אַרמין עמיל — מילך פירער — **63**
טאָדרעס געלער — אינהאַלט בלאַט — **5**ר.; אויפן קייווער פון מוישע לייב האַלפּערן — **9**ר.; ניטאָ קיין צייט — **17**; דריי בעטלער — **121**; אַהיים אויף שאַבעס — **171**
ציפּאָרין מיכל — שאַרבלאַט " מיטוועסט־מיירעוו — **3**ר.; פעדלער — **77**; סעם טשינגלי — **181**.
שוואַרץ וו. — רעפּראָדוקציע — **41**